STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07846

SHOLEM ASHS DEREKH IN DER YIDISHER EYBIKAYT

Isaac Turkow-Grudberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

שלום אַשס דרך
אין דער יידישער אייביקייט

מאָנאָגראַפיע

מיט אַ הקדמה פון
דוד בן־ארי
(פאָרזיצער פונעם קוראַטאָריום פון בית שלום אַש)

„בית שלום אַש"
תשכ"ח — בת־ים — 1967

ITZHOK TURKOW-GRUDBERG
THE WAY OF SHOLEM ASCH

יצחק טורקוב־גרודברג
דרכו של שלום אַש לנצח ישראל

© Copyright, 1967
by Sholem Asch-House
Bath-Jam, Israel

דפוס „אורלי", ת"א, טל. 32062



שלום אַש אַ בן־שישים

תוכן

		זייט
	הקדמה	
	דוד בן־ארי: שלום אַש און בת־ים	5
I	צען יאָר	16
II	אויף מיין וועג...	29
III	וואַנדערונגען	43
IV	דעם שרייבערס וויג	61
V	מאַמע און חדר	74
VI	ערד און הימל, פון שטעטל אין דער וועלט	90
VII	קידוש השם, משיחיזם, גאולה	113
VIII	ארץ־ישראל	127
IX	דאָס טעאַטער פון שלום אַש	146
X	ביים כותל המערבי	167
XI	בית שלום אַש	182

הקדמה

דוד בן־ארי

שלום אַש און בת־ים

די פאָלגנדיקע מאָנאָגראַפיע איז די ערשטע פּובליקאַציע פון בית שלום אַש בכלל און זי ווערט אַרויסגעגעבן אינעם צענטן יאָר נאָכן אַוועקגיין פונעם גרויסן שרייבער אין דער אייביקייט. דער מחבר פון דער מאָנאָגראַפיע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — באַלייכטנדיק אויף אַ פּאָפּולערן אופן דעם שאַפונג־וועג פון שלום אַשן — באַזונדערס אַרויסצוהייבן די לאַנגיאָריקע און ענגע פאַרבינדונג פונעם שרייבער מיט ארץ־ישראל, לסוף: מיט דער מדינה ישראל. דאָס לעצטע איז ווידער גישט־צערייסלעך פאַרבונדן מיט דער שטאָט בת־ים, גראַד ווי די שטאָט האָט זיך פאַרבונדן מיטן נאָמען: שלום אַש. ווילט זיך מיר, דעם מענטשן, וועלכער האָט גורם געווען די דאָזיקע קעגנזייטיקע פאַרבינדונג — ווי אַ הקדמה צו דער מאָנאָגראַפיע — דערציילן ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען.

מיט אַ דרייצן יאָר צוריק האָבן מיר זיך צופעליק צוזאַמענגעטראָפן אין טבריה: אַרויסגייענדיק פונעם אויטאָ ביי די חמי טבריה האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן פנים אל פנים. איך האָב גראָד געהאַלטן הינטערן אָרעם זיין בוך „דער מאַן פון נצרת" און שלום אַש האָט עס דערקענט. האָט ער מיך אַ פרעג געטון:

— יונגערמאַן, ווי געפעלט אייך עפּעס מיין ספר?

איך האָב עס נאָך נישט געהאַט איבערגעלייענט און אַזוי האָב איך אים טאַקע געענטפערט; כ׳האָב בלויז צוגעגעבן די פראַגע: פאַרוואָס שילדערט ער דעם פאַן וויאַדאָמסקי אויף אַזאַ מאָדנע אופן? שלום אַש האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַביסל פאַרדרוס אין זיינע גרויסע אויגן און אַ זאָג־געטון: „יונגערמאַן, איר האָט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז איר האָט נאָך נישט געענדיקט לייענען דאָס בוך, טאָ וואָס שטעלט איר קשיות?״.

יענער צונויפמענטרעף איז געוואָרן גורלדיק — פאַר מיר, פאַר בת־ים און פאַר שלום אַשן אַליין: מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן נאָכאַמאָל ווען איך וועל ענדיקן דאָס בוך. דאַן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אָפטער צו טרעפן און — שמועסנדיק וועגן פאַרשידענע ענינים — האָב איך אים פאַרבעטן מיט דער פרוי צו קומען אויף אַ באַזוך צו אונדז אין בת־ים. געציילטע וואָכן שפּעטער זענען טאַקע שלום און מאַטילדאַ אַש געקומען צו אונדז צו גאַסט.

די שטאָט בת־ים האָט זיך דאַן געפונען אין אָנהייב פון איר אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען אַ שטאָט פון כמעט בלויז עולים — עולים פון צענדליקער לענדער, פון פאַרשידענע עקן פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. אויף די זאַמדן פון בת־ים האָבן כסדר אַרויסגעשפּראָצט נייע גאַסן, נייע הייזער דאָ און דאָרט, פרישע אינדזלען פון גרינס און בלומען.

שלום אַש, וועלכער האָט פאַר זיך דערזען אַזאַ פאַרשידנאַרטי־קייט: דעם גרויסן מידבר פון איין זייט, דעם פּראַכטפולן ים־ברעג — פון דער צווייטער; דעם ים פון עולים אין יפו און די פילפאַרביקע באַפעלקערונג אין דער נייער שטאָט — האָט ווי אויפגעלעבט אין דער דאָזיקער סביבה פון אויפקום און יונגשאַפט. ער איז נישט מיד געוואָרן צו באַזוכן פאַרשידענע פּלעצער — שולן, קינדערגערטנער א.א.וו. — און ס׳האָט אים געפרייט דאָס האָרץ צו טרעפן אַזויפיל יידן, פאַרטועגע אין אַ גרויסער אויפבוי־אַרבעט; באַזונדערס — יידן פון דער שארית הפליטה, „מיינע

יידן״, ווי ער האָט געזאָגט. ער האָט ממש געשיינט פון נחת און הנאה. „ס׳לעבט, ס׳וואַקסט״, האָט ער געקוואַלן. און ווען איך האָב אים פאָרגעשלאָגן צו באַזעצן זיך ביי אונדז, האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט בלויז געוואַרט אויף דעם פאָרשלאָג, ווייל ער האָט זיך גלייך מיט שׂימחה אָנגעכאַפּט: „יאָ, גערעכט, מ׳דאַרף זיך קויפן אַ נחלה און באַזעצן אין בת־ים״.

אָבער קורץ נאָך דער מחשבה איז געקומען דאָס באַדענקען זיך. פון איין זייט איז געווען שטאַרק זיין רצון צו באַזעצן זיך אין ישראל, ס׳האָט אים געלאָקט דער געדאַנק צו בויען זיך אַ היים אינעם שיינעם, יונגן בת־ים; פון דער אַנדערער זייט האָט אים געמאַטערט די שרעק, צי ער וועט דאָ געפינען מנוחה פאַר זיין שאַפן; צי וועט ער נישט זיין ווידער אויסגעשטעלט אויף די ווילדע העצערייען, וועלכע פאַרשידענע קרייזן האָבן קעגן אים געפירט אין דער גאָרער וועלט — צי וועט עס זיך אויך נישט אָפּשלאָגן דאָ, אין ישראל?

אַזעלכע מחשבות האָבן שטאַרק געמאַטערט — אפשר מער זיין פרוי, מאַטילדע, ווי שלום אַש אַליין. זי איז דאָך געווען די, וועלכע האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַ שוץ־וואַנט פאַר שלום אַשן קעגן די קלעפּ פון דרויסן, זי האָט געוואַכט איבער זיין פערזענלעכער און שעפערישער רו. אָבער ש. אַש איז אָנגעצונדן געוואָרן פון דער גרויסער וואַרעמקייט, וואָס מיר האָבן אים אַרויסגעוויזן, פון אונדזער שטאַרקן באַגער ער זאָל זיך באַזעצן אין בת־ים און דאָס איז געוואָרן דער עיקר גורם פון זיין באַשלוס. ער האָט בלויז געשטעלט אַ תנאי, אַז דאָס הויז זאָל זיך געפינען אין שכנות מיט מיין הויז און דערפאַר טאַקע איז דער פּלאַץ געקויפט געוואָרן אויף אַרלוזורוב גאַס, אַקעגנאיבער מיין הויז.

נאָך איין טאָג פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר זיין הויז אין ארץ־ישראל, אויף אַרלוזורוב 48 אין בת־ים, איז פאָרגעקומען אַ געראַנגל: פרוי מאַטילדאַ אַש האָט מיך אָוועקגערופן אין אַ זייט און געפּרוווט אין לעצטן מאָמענט מבטל צו מאַכן דעם ענין.

„איר ווייסט דאָך, בן־ארי״ — האָט זי מיר געזאָגט — „שלום אַש איז אַ קינסטלער און האָט אַ סך קעגנערס... דאָס לאַנד איז קליין... צו וואָס נעמט איר אויף זיך אַזעלכע שווערע צרות און פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט ? אפשר אַנולירנט מען דאָס אַלץ, כל זמן ס׳איז נאָך צייט ?״

מיר האָבן זיך אָבער נישט איינגעבראָכן, נישט אונטערגעגעבן. דער ווינקלשטיין איז געלייגט געוואָרן. די קעגנערס, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט געלאָזט הערן, זענען גיך אַנטשוויגן געוואָרן, די דראָונגען זענען אַנטשטומט געוואָרן. שלום אַשס חלום זינט יאָרצענדליקער — צו לעבן אין ארץ־ישראל — הייבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן אין מדינת ישראל. שלום אַש, דער וועלט־וואַנדערער, הייבט זיך אָן צוצוגרייטן צום באַזעצן זיך ווי אַ תושב אין ישראל. ער, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט געבויט היימען, ווילעס אין די שענסטע פלעצער פון דער וועלט, איז גליקלעך מיט דער נייער באַשיידענער היים, וואָס בויט זיך פאַר אים אין דעם קליינעם עולים־שטעטל ביי די ברעגן פון מיטללענדישן ים, אין דער יונגער שטאָט דרומדיק פון דער אוראַלטער שטאָט יפו.

עס הייבט זיך אָן די תקופה פון מאַכן פלענער, אָנהייבן די בוי־אַרבעטן. שלום אַש געפינט זיך דאַן אין לאָנדאָן, שטודירט די צוגעשיקטע פלענער, מאַכט זיינע באַמערקונגען, אויסבעסע־רונגען. ער חלומט שוין צו זיצן ביים קאַמין, דעם מאַרמורנעם פייעראויוון, וואָס מ׳בויט אויס פאַר אים אין זיין נייער היים.

ס׳דערנענטערט זיך דער טאָג פון חנוכת הבית. אַ גרעסערע דעלעגאַציע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, דער הסתדרות און אַנ־דערע אינסטיטוציעס, קומט אויפן פלי־פּלאַץ אין לוד מקבל פנים צו זיין שלום אַשן, וועלכער קומט צום לעצטן מאָל ווי אַ טוריסט קיין ישראל, ווו ער וועט שוין פאַרבלייבן אַ תושב. שלום אַש וויינט און לאַכט פון פרייד און גליק.

דערוויל — ביז די מעבל וועט איינגעשטעלט ווערן — וווינט דאָס פּאָרל אַש אין עם האָטעל „דן״. ווילט זיך דערמאָנען אַ כאַראַק־

שלום און מאַטילדאַ אַש צו גאַסט ביי דוד און בתיה בן־ארי;



דאָס הויז פון שלום אַש אין בת־ים

טעריסטישן עפּיזאָד פון יענע טעג: איך בין געקומען אַ געוויסן פרימאָרגן צו זיי, אַראָפּצובערענגען זיי קיין בת־ים. די אַשס זענען נאָך געווען פאַרן פרישטיק און ס׳איז אויסגעקומען אַביסל צוצוואַרטן. קלאַפּט אָן דאָס האָטעל־ייִנגל אין דער טיר און דערלאַנגט שלום אַשן אַ פאַרמאַכטן בריוו, וואָס איז נאָרוואָס אָנגעקומען. אינעם קאָנווערט האָט זיך אויך געפונען אַ טשעק פון „אָקום״. שלום אַש האָט נישט פאַרשטאַנען לכתחילה וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און מיך געבעטן, איך זאָל אים דערקלערן. דאָס איז געווען אַ טשעק אויף 14 ישׂראלדיקע פונט מיט פּרוטות — האָנאָראַר פאַר זיינס אַ נאָוועלע, וואָס איז געלייענט געוואָרן אין ראַדיאָ. שלום אַש איז געווען אויסער זיך פאַר גליק. ער האָט געקושט דעם טשעק, געריפן: „מאַדזשע, זע מיט דיינע אייגענע אויגן, דאָס ערשטע געלט, וואָס איך בין זוכה געווען צו פאַרדינען אין ישׂראל!״ ער האָט עס געהאַלטן אין איין מורמלען פאַר גליק און טרערן זענען געפלאָסן פון זיינע אויגן.

יענער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין אַ גרויסן יום־טוב. ס׳איז געווען אָן אָנהייב פון די יום־טובדיקע טעג פון שלום אַשס וווינען און שאַפן אין בת־ים; יום־טובדיקע טעג, וועגן וועלכע ער האָט אַ לעבן לאַנג געחלומט, ווי ער האָט עס נישט איינמאָל אונדז דערציילט אין די לאַנגע אָוונטן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי אונדז אין שטוב. „איך בין ווידער צווישן מיינע ייִדן, מיינע לייענערס, וואָס פאַר זיי בין איך געווען און פאַרבליבן דער מלך פון דער ייִדישער ליטעראַטור״.

דער יום־טוב איז אויך געווען פאַר אונדז, פאַר בת־ים. שלום אַשס בליקן האָבן געוואַרעמט די ייִדן פון דער שטאָט; ער האָט אָנגעקוואָלן פון אונדזערע קינדערלעך, געגרויסט זיך מיטן וווּקס פון שטעטל. ער איז געוואָרן אַ טייל פון בת־ים, דער שטאָלץ פון בת־ים, אַ דערמונטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און אַ דאַנק אים האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער רום פון אונדזער שטאָט איבער דער ייִדישער וועלט.

דער טאָג פון שלום אַשס אַריינציען זיך אין זיין הויז, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן יום־טוב פאַר בת־ים און פאַר די אַשס. ווען איך בין זיי געקומען נעמען קיך בת־ים און געשמועסט נאָך מיט זיי ביז דער באַשטימטער שעה ווען מיר האָבן געזאָלט אַרויספאָרן, איז שלום אַשס אומגעדולד געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. ער האָט כסדר געקוקט אויפן זייגער, ווי ער וואָלט וועלן אונטערטרייבן די ווייזערס זיי זאָלן זיך שנעלער באַוועגן. און ווען מיר זענען שוין צוגעקומען צום הויז אין בת־ים האָט ער אַ שטראַלנדיקער זיך אָנגעהויבן צו חנדלען צו זיין מאַדזשיען: „זעסט, ס'איז נישט קיין חלום, מיר זענען סוף־כל־סוף געקומען צו זיך אַהיים...״ און פאַרטראַכטנדיק זיך אַ רגע האָט ער צו איר אַ זאָג־געטון: „לויטן מינהג דאַרף איך דיך נעמען אויף די הענט און אַריינטראָגן, אָבער דערצו האָב איך שוין נישט קיין כוח...״ דערביי האָט ער זיך דערמאָנט: „אַחוץ דעם, מאַדזשיע, מוז איך נאָך פריער אַ מזוזה אָנקלאַפּן״. ער האָט אָנגעטון אַ קאַפּל, אָנגעקלאַפּט די מזוזה און אַוועק־געשטעלט זיך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים.

אין שטוב, ווען מיר זענען אַריין, איז ער געגאַנגען פון ווינקל צו ווינקל און געפרייט זיך מיט יעדער קלייניקייט, געטרונקען „לחיים״ מיט יעדן איינעם — מיט די פאַרשטייערס פון דער עיריה, פון דער הסתדרות; מיט גוטע פריינד, פאַר־ערערס, וואָס האָבן אָנגעפילט די שטוב. אַלע האָבן געפילט די גרויסקייט פון דעם מאָמענט פון שלום אַשס באַזעצן זיך„ צווישן אַ מיליאָן ייִדן אַרום מיר דאָ״ — ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט.

די פאַמיליע אַש איז גאָר גיך געוואָרן אַ לעבעדיקע טייל פונעם בת־ימער פייזאַזש: שלום אַש ווערט אַ מיטגליד פון דער הסתדרות, אינטערעסירט זיך מיט די שולן און דער עיקר — מיט די שול־קינדער. ער שפּאַצירט אַרום נחתדיק איבער די גאַסן פון בת־ים, ספּעציעל — איבער די אַלייען און ביים ים־

ברעג. אָפּטמאָל טרעפט מען אים אַרומגערינגלט מיט צענדליקער קינדער. און אויב ער פאַרפעלט אַ טאָג זיינס אַ שפּאַציר — קומען יונג און אַלט צו אונדז געוווּיר ווערן צי ס׳האָט עפּעס חלילה נישט פּאַסירט מיט שלום אַשן. מ׳טרעפט אים אויף יעדער פייערונג אין בת־ים, אויף יעדער קולטור־אונטערנעמונג, אויף יעדער שול־אימפּרעזע.

אין לאַנד איז דאַן געוואָרן אַ שווערע צייט: די פעדאַיונס, די עגיפּטישע טעראָריסטן, האָבן יעדן טאָג איבערגעלאָזט זייערע בלוטיקע סימנים אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד. שלום אַשן האָט עס שרעקלעך ווי געטון: „צי איז נאָך ווייניק יידיש בלוט פאַרגאָסן געוואָרן?" — האָט ער געפרעגט מיט ווייטיק. אין די אַראַבישע לענדער האָט די פּרעסע שוין געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי זיי וועלן פאַרברענגען אין תל־אביב, נאָך דעם ווען אַלע יידן וועלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים אַריין. שלום אַש לייענט וועגן דעם אין דער אויסלענדישער פּרעסע — עס ברויזט אין אים דער צאָרן. און דאַן קומט אָן די פאָדערונג פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע צו אַלע אירע בירגערס צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. שלום אַש און זיין פרוי באַקומען אַ דרינגענדיקע אויפפאָדערונג; די לעצטע שיף דאַרף אָפּגיין — זיי מוזן שוין פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער ענטפערט רואיק און קלאָר: „ניין, איך וועל נישט אַוועקפאָרן".

אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע ווערט פּראָקלאַמירט אין לאַנד. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר שיקט אַ ספּעציעלן שליח, אַז די אַשס זאָלן תיכף ומיד אַרויספליען. שלום אַש ענטפערט קאַטעגאָריש: וואָס עס זאָל נישט זיין באַשערט — ער וועט בלייבן מיט אַלע יידן צוזאַמען. דער אַמבאַסאַדאָר שלאָגט פאָר די אַשס זאָלן איבערגיין וווינען אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדע. דערויף האָט שלום אַש געענטפערט, אַז „אויב ס׳האַלט טאַקע אַזוי שלעכט מיט מיינע יידן אין ישראל, וויל איך מער נישט בלייבן לעבן; קיין צווייטן חורבן פוילן וויל איך מער

נישט איבערלעבן". דער אַמבאַסאַדאָר האָט אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל כאָטש אַרויסהענגען אַן אַמעריקאַנער פאָן אויף זיין הויז, כדי דאָס זאָל אים באַשיצן. אַש האָט דערויף גאַנץ קאַלט געענטפערט, אַז אויב די ווייס־בלויע פאָן קאָן אים נישט באַשיצן אין ישראל, וויל ער נישט מער לעבן.

די סיני־אַקציע איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט. פולע מאָס־קירונג פון דער ליכט ביי נאַכט. די וועגן זענען פול מיט מאָביליזירטע. די עלטערע גייען אין דער ציווילער פאַרטיידיקונג. אַרום חצות קומט צו מיר שלום אַש מיט אַ בקשה: „איר גייט דאָך מן הסתם דורכפירן אַ קאָנטראָל פון די פאָסטנס. מיר קיין פלאַץ, איך זאָל האַלטן שמירה, האָט איר נישט געוואָלט געבן. נעמט מיך כאָטש מיט אויף דער אינספעקציע — לאָזט מיך האָבן דאָס געפיל, אַז איך טו אויך עפּעס".

ס'איז שווער איבערצוגעבן מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג שלום אַש איז אויפגענומען געוואָרן אויף די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס. אָבער אייניקע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן ווילט זיך אומבאַדינגט דערציילן: ביי איין פּאָסטן האָבן מיר געטראָפן אַן עלטערן מענטשן, וואָס האָט געציטערט פון קעלט. שלום אַש האָט אויסגעטון זיין רעקל און איבערגעלאָזט עס דעם יידן; אויף אַ צווייט אָרט האָט ער זיין סוועטער אויסגעטון און אַוועקגעגעבן. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער וואָלט גערן אַוועקגעגעבן אַ חלק פון זיך אַליין.

ווען ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די ידיעות וועגן אונדזערע ערשטע נצחונות, האָט אַש ממש געטאַנצט פאַר פרייד. מאַדזשיע איז געווען פאַרצווייפלט צוליב זיין אויפהייטערונג — זי האָט מורא געהאַט אַז דאָס האַרץ זאָל אים חלילה נישט פּלאַצן פאַר שמחה.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט שלום אַש מיט פרייד אויפגענומען דעם פאָרשלאָג פונעם העכערן פּאָליציי־אָפיציר, יעקב נש, צו באַזוכן דעם נאַרוואָס איינגעשטילטן פראָנט.

שלום אַש פּאָרט אַרום איבערן מדבר סיני, זעט מיט זיינע אייגענע אויגן די געפאַנגענע, די שטעט, וואָס זענען דעראָבערט געוואָרן פון יידישע יינגלעך; די צעשעדיקטע מצרישע טאַנקן, אַרמאַטן, זייער מעכטיקע באַוואָפנונג און די טויזנטער שיך זייערע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין מדבר. איניקע טעג און נעכט איז ער כסדר געווען אונטערן איינדרוק פונעם געזעענעם. „זינט דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט, האָט עס נאָך אַזאַ גבורה נישט באַוויזן" — זאָגט ער צו מיר. — „דאָס מוז מען באַשרייבן. איך וועל אָנשרייבן אַ בוך איבער דער העראָיק פונעם יינגן ישראל. קיינער אויסער מיר וועט עס נישט אָנשרייבן. קיינער איז נישט מסוגל אַזוי צו שילדערן די גרויסקייט פונעם נצחון, ווי איך".

שלום אַש האָט נישט זוכה געווען דאָס ווערק אָנצושרייבן. ערב פרילינג 1957 איז ער שווער קראַנק געוואָרן. נאָכן קומען אַביסל צו זיך — איז ער אַרויסגעפאָרן מיט דער פרוי צו זייער טאָכטער אין לאָנדאָן.

די לעצטע נאַכט אין ישראל האָט שלום אַש פאַרבראַכט אויף אַ מסיבה ביי אונדז אין הויז, ווו ס'זענען געווען די סאָלדאַטן און אָפיצירן פון אונדזער גדוד. איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן זיי, ווי אין חלום; אויף די אייניקע פאַרוווּנדעטע, וואָס זענען געווען צווישן זיי, האָט ער געקוקט, ווי אויף הייליקע. ער האָט געגלעט זייערע באַנדאַזשירטע ווונדן, ווי ער וואָלט וועלן העלפן זיי דערמיט. און ווען ער האָט זיך שפּעט ביינאַכט געזעגנט — כדי נאָך איבערשלאָפן אייניקע שעה פאַרן אַוועקפליען קיין לאָנדאָן, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז געווען דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן... האָבן די זכיה צו פאַרברענגען אַן אָוונט מיט אונדזערע גיבורים נאָך אַזאַ נצחון — דאָס איז אַ חלום, וואָס האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט ביז איצט".

איך האָב געבעטן שלום אַשן ער זאָל איבערנעמען שליחותן פאַר אונדזער שטאָט, זיך טרעפן מיט פאַרשידענע פערזענלעכ־

קייטן אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, ווערבירן זיי, ווי פריינד פון בת־ים. ער צינדט זיך אָן צו דעם פאָרשלאָג. ער פלאָנט אויפצו־בויען אַ גרויס קולטור־הויז אין בת־ים. ער איז זיכער, אַז זיינער אַ לאָנדאָנער פריינד, ראַבינאָוויטש, וועט העלפן דערצו. ער אַנטוויקלט אויך פאַר אונדז אַ גרויסן פלאַן פון אַראָפּברענגען פאַרשידענע פריינד און באַקאַנטע — זאָלן זיי קומען, באַזעצן זיך אין בת־ים, קויפן אַ נחלה, בויען ווילעס, הייזער. ליידער איז שוין אָבער גאָרנישט געוואָרן פון אַלע פּלענער. זיין ברויזנדיק לעבן איז פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן.

צען יאָר זענען פאַרביי זינט איך האָב זיך געזעגנט מיט שלום אַשן — פאַר זיין לעצטן פלי קיין לאָנדאָן. ווען מיר האָבן אים באַגלייט צום פלי־פּלאַץ קיין לוד, האָט קיינער פון אונדז נישט געגלויבט, אַז דאָס איז געווען זיין לעצטע רייזע — אונדזער לעצטער צוזאַמענטרעף מיטן לעבעדיקן ריז פון דער יידישער ליטעראַטור. ער אַליין האָט אָבער געהאַט, ווייזט אויס, עפּעס אַ פאָרגעפיל. יענעם פרימאָרגן איז ער אַרויפגעקומען צו מיר אין שטוב אַריין און געבעטן מיין קליין יינגל ער זאָל מיט אים אַרויסגיין שפּאַצירן איבער די גאַסן. תמיד פלעגט ער ליב האָבן אַליין אַרומצושפּאַצירן איבער די גאַסן, ביים ברעג פון ים. דאָס־מאָל האָט ער גאָר געבעטן מיין יינגל, וועלכן ער האָט טאַקע זייער ליב געהאַט, ער זאָל אים פירן. ווייזט אויס, אַז אַזוי אַרום האָט ער זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיין באַליבט בת־ים, מיטן ים און מיט די גאַסן פון שטעטל און דורך מיין זון — מיטן יונגן דור פון זיין באַליבטער לעצטער היים; דעם יונגן דור, אין וועלכן ער האָט זיך מיט ליבע געשפּיגלט און געחלומט צו ווערן פון אים געלייענט, דערקענט און פאַרשטאַנען.

דוד בן־ארי

פאַרזיצער פונעם קוראַטאָריום

פון בית שלום אַש

בת־ים, זומער 1967.

I.

צען יאָר

10־טער יולי 1967. אין ישראל — און אויסער ישראל — הערט מען נאָך די אָפּהילכן פון די פאַרביסענע קאַמפן אין דער „מלחמה פון די זעקס טעג", ווען די ישראל־אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון, וואָס האָט אפשר נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון מלחמות־ זי האָט באַזיגט די באַוואָפנטע מיטן מאָדערנסטן געווער אַרמייען פון דריי אַראַבישע מלוכות. און ביי די ברעגן פון סועץ־קאַנאַל, וואָס איז פּלוצלינג געוואָרן די גרע־נעץ, וועלכע טיילט פאַנאַנדער די עגיפּטישע אַרמיי פון דער ישראלדיקער, הערט מען ווידער די שיסעריי פון האַרמאַטן, קוילנ־וואַרפערס און מינענוואַרפעס; אונטערן הימל פון סיני־האַלב־אינדזל קומען ווידער פאָר פאַרביטערטע אַוויאַציע־שלאַכטן.

ס'האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט די שלושים־אזכרות נאָך די געפאַלענע אין דער „מלחמה פון זעקס טעג" און שוין שוואַרצן זיך אין די צייטונגען די טרויער־מעלדונגען וועגן נייע קרבנות.

און גראָד איז עס די צענטע יאָרצייט נאָכן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון שלום אַש אין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך גע־פונען אויף אַ באַזוך ביי זיין טאָכטער, רות שאַפּער. ס'ערשטע מאָל זינט ניין יאָר ווערט נישט איינגעאָרדנט אינעם גאָרטן פון בית שלום אַש אין בת־ים — אין דער לעצטער היים פונעם גרויסן שרייבער, די היים וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־הויז און מוזיי אויף זיין נאָמען — צום ערשטן מאָל ווערט דאָרט נישט איינגעאָרדנט די יאָר־יערלעכע אימפּאָזאַנטע אזכרה. ביי

אַזויפיל טרויער־פייערונגען, וואָס קומען פאָר אין גאַנצן לאַנד — און ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון די שיסערייען אַרום סועץ־קאַנאַל — איז עפּעס נישט געווען קיין אָרט אויף נאָך אַן אזכרה, כאָטש ס'האָט זיך דאָס מאָל געהאַנדלט וועגן אַזאַ קיילעכדיקער דאַטע, ווי צען יאָר. איז מען אָפּגעקומען מיט אַ רעפּעראַט „שלום אַשׂ דרך אין דער יידישער אייביקייט" און פאָרלייענען פראַגמענטן פון זיינע ווערק.

אָבער אין די פאַרשידענע ווייטקייטן פון דער יידישער צע־שפּרייטקייט איז די צענטע יאָרצייט פון שלום אַשׂן גאָר ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן. אין ישראל — אין אַ טייל פון דער פּרע־סע, אין ראַדיאָ מיט ספּעציעלע אוידיציעס; אין אַרגענטינע און פון דער צווייטער זייט — אין פּוילן, זענען גאַנצע זייטן אַוועק־געגעבן געוואָרן שלום אַשׂן און זיין שאַפן. די דאָזיקע דאַטע פונעם גרויסן פאַרלוסט, וואָס עס האָט געליטן די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט; די יידישע ליטעראַטור אין איר גאַנצער פילשטראַ־מיקייט — די צענטע יאָרצייט פון שלום אַשׂן איז נישט אַדורך אומבאַמערקט. פאַרקערט — זי איז פאַרשידנאַרטיק און מיט אַ סך יראת הכבוד אָפּגעמערקט געוואָרן.

דאָס איז נישט קיין צופאַל. ס'איז אַ פּועל־יוצא פונעם באַ־ווּסטזיין — כ'וואָלט געזאָגט: פונעם קאָלעקטיוון יידישע באַ־ווּסטזיין — אַז ס'איז געקומען די צייט די גאַנצע יידישע עפנט־לעכקייט זאָל זיך אין דער אָפּשאַצונג פון שלום אַשׂן דערהייבן איבער די סיכסוכים און אינטריגעס; איבער כוליגאַנישע אָנפאַלן און פּערזענלעכער נקמה־זוכעריי; איבער דעם נישט־פאַרגינען און אויסטראַכטן בילבולים, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריס־טיש אין דער באַציונג פון געוויסע פּערזאָנען און קרייזן אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע צו שלום אַשׂן. און נישט בלויז אין די לעצטע יאָרן — כלומרשט צוליב זיין „מאַן פון נצרת" (כאָטש די תקופה איז טאַקע געווען די צום מיינסטן פאַרביסענע און פאַרפּעסטעטע — זי האָט אויך צום מיינסטן פאַרסמט שלום

אַשן, אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען זיין פלוצלינגדיקן טויט) — נייערט די גאַנצע כמעט זעכציק יאָר זינט שלום אַש איז דער־שינען אין דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז געקומען די צייט אָפּ־צושאַצן שלום אַשן, דעם גרויסן יידישן פּראָזע־מייסטער, זיינע קינסטלערישע ווערטן און נאַציאָנאַלע קולטור־באַדייטונג. אויס־שיילן דעם שאַפער שלום אַשן — דעם פּרוכטיקסטן און פּאַרנע־מיקסטן שאַפער פון דער יידישער פּראָזע — פון דער מיט קויט און פּאַרסמטן ליפּן־שוים באַגאָסענער געשטאַלט, דער פּערזאָן שלום אַש.

עס האָט דערציילט דער איניציאַטאָר פון שלום אַשס באַ־זעצן זיך אין בת־ים, דער דעמלטיקער בירגערמייסטער פון דער שטאָט דוד בן־ארי, אַז ווען ר׳האָט צוגערעדט שלום אַשן מיט דער פּרוי זיך צו באַזעצן אין בת־ים, האָט אים שלום אַש געוואָרנט, אַז ער וועט האָבן צרות דערפון; אַז זיין, אַשס, גאַנץ לעבן איז ער אַ סיבה פון מחלוקת; ווו ער קומט אינטריגירט מען און מ׳גראָבט אונטער אים, די שונאים לאָזן אים נישט צו רו און לאָזן נישט צורו זיינע פריינד. און ס׳איז דאָך נישט קיין סוד, אַז אַפילו אין 1955, ווען ס׳איז געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַרן אויפבויען שלום אַשס הויז אין בת־ים, זענען געשיקט געוואָרן צום ה׳ בן־ארי אַנאָנימען, אַז מ׳וועט וואַרפן אַ באָמבע אויפן הויז, אַז מ׳וועט נישט שווייגן, נישט רוען, נישט דערלאָזן...

שלום אַש אַליין האָט אויסגעצייכנט געוווסט וועגן דער באַ־ציונג און די אינטריגעס קעגן אים. אין אַ בריוו צום דיכטער מלך ראַוויטש (פון סטעמפאָרד, דעם 6־טן סעפּטעמבער 1941) שרייבט ש. אַש: „איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט נישט צו רעאַגירן סיי אויף אָנפאַלן ווי אויף לויבגעזאַנגען — צוליב דעם איינציקן טעם: עס איז נישטאָ קיין דערהויבן און קיין פאַלן — נאָר אין דיר אַליין. אייך ענטפער איך אָפּ און דאַנק אייך נישט פאַר די לויבגעזאַנגען, נאָר פאַר דער אומפּאַרטייאישקייט, מיט וועלכער איר זענט צוגעגאַנגען צום לייענען מיין בוך, צוליב דעם האָט

עס געווירקט אויף איך. ביי אונדז לייענט מען נישט מער מיינע ביכער — נאָר, איר זאָלט מיר מוחל זיין, מען שפּיאָנירט זיי נאָך. מען קוקט אויס צו געפינען אַ טריפה פסול, כדי צו שרייען: הורא נאַ זשידאַ! אָבער עס איז נישט אַן איינרעדעניש, נאָר מיין פעסטער גלויבן, אַז לעגיאָנען וואַרטן אויף מיינע ביכער, לעגיאָ־נען וועלכע זענען פאַרלוירן און בלאָנדזשען אין אַ טונקעלן בין השמשות, וואָס איז געפאַלן אויף דער וועלט, מער — אונדזער וועלט. היינט דערזען זיי איינצלנע — מאָרגן — מיליאָנען. און זאָגט מיר וואָס איר ווילט, איך גלייב באמונה שלימה, אַז איך טרעט אויס אַ וועג פון דער פינצטערער נאַכט פאַר מיין פאָלק — אַן דעם גלויבן וואָלט שווער געווען איבערצוטראָגן די איזאָלירונג און די פאַרפאָלגונג״...

דאָס איז געווען אַ טיפער אַליין־באַוווסטזיין ביי שלום אַשן. עס איז נישט געווען קיין שום פאַרפאָלגונג־מאַניע אין זיינע פעסטשטעלונגען און חשדים, נישט געווען קיין איבערטרייבונג אין זיי. אויב ס׳איז געווען אַן איבערטרייבונג, איז עס גיכער אין דער ראָל, וואָס שלום אַש האָט זיך אַליין צוגעשריבן אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק, אין דער איבערצייגונג, אַז ער איז בכוח צו מאַכן אַן איבערקערעניש אינעם לעבן פונעם פאָלק, אין זיין גע־שיכטלעכער אַנטוויקלונג. נייערט דאָס איז נישט געווען זיינס אַ שוואַכקייט פון די לעצטע יאָרן — מיר געפינען אָנדייטונגען דערויף שוין אין שלום אַשס יוגנט, גראָד ווי מיר געפינען אין אַ סך פון זיינע ערשטע שאַפונגען גרונט־מאָטיוון, צומאָל סקיצן, פון זיינע שפּעטערדיקע גרויסע ווערק. אין זיינס אַן אויטאָביאָ־גראַפיע שרייבט ש. אַש, אַז אין זיינע ערשטע שרייבערישע פּרוּוון איז ער „געווען דער מענטש, וואָס האָט אויסגעלייזט דאָס יידישע פאָלק פון קנעכטשאַפט און געברענגט עס צוריק אין זיין אייגן לאַנד״. אַזוי שטאַרק האָט ער געגלייבט — זאָל זיין אַפילו: ער איז געווען פאַרגלויבט — אין זיין שליחות צום יידישן פאָלק.

נייערט, אַז ס׳זענען געווען אָנפאַלן — אינטריגעס, רכילות,

בייזוויליקע אויסטראַכטענישן אויף אים, — דאָס איז שוין לגמרי נישט געווען קיין איינגעגלויבטקייט. ער האָט זיך שוין אַפילו נישט איבערגענומען דערמיט. אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד־לעכן קריטיקער, ח. ש. קאַזשדאַן, שרייבט ער טאַקע: „איר באַ־דאַרפט זיך נישט נעמען צום האַרצן. נאָך אַן אַנפאַל אויף מיר. איך האָב עס נישט געלעזן און וויל עס נישט לעזן. וואָס אַנבאַ־טרעפט פעלשן נאָטיצן, אַריינשטעלן אין אַ מחברס אַן אַרטיקל אַ זאַץ פון דער רעדאַקציע, בין איך געוווינט דערצו נאָך פון „נאָוואָיע ווערעמיעס„ צייטן. ווען מען האָט אויפגעפירט מיין דראַ־מע „משיחס צייטן״ אין פעטערבורג צום ערשטן מאָל (עס איז דוכט זיך געווען אין יאָר 1904),* האָב איך פונעם קריטיקער פון דער „נאָוואָיע ווערעמיע״ בשעתו באַקומען אַזאַ בריוול, ווי להבדיל אייערס. ער בעט מיך אַנטשולדיקונג פאַר אַ זאַץ, וואָס עס גע־פינט זיך אין זיין קריטיק, פאַר וועלכן ער איז נישט פאַראַנט־וואָרטלעך. איז ווי איר זעט, איז אַפילו אין דער הינזיכט האָבן די לייט פון „פאָרווערטס״, אָדער זאָל איך זאָגן „בונד״ (ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך דער „בונד״ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צייט־שריפט) — גאָר נישט מחדש געווען״.

די דאָזיקע העץ־און סם־קאַמפּאַניע האָט געדויערט ביז די לעצטע טעג פון שלום אַשן. ס'איז דאָך גוט באַקאַנט דער גע־שמאַקלאָזער (און ממש גראַפאָמאַנישער) געפערזטער אַנגריף פון זלמן שניאור אויף שלום אַשן אינעם תל־אביבער „היינט״ — ווען אַש איז געקומען זיך באַזעצן אין ישראל; אָדער אַפילו אַ קורצע צייט — געציילטע טעג פאַרן טויט פון אַשן — האָט ז. שניאור געשריבן וועגן שלום אַשן אינעם תל־אביבער „הבקר״ צוו. אַנד. „יענע וועלכע האָבן, אין ישראל, מוחל געווען דעם מחבר פון „נוצרי״ צוליב פּאָליטישע טעמים, רעדן נישט אין נאָ־מען פון וועלט־יידנטום בכלל און פון אַמעריקאַנער יידנטום

* ס'איז געווען אין 1906.

בפרט... איך האָב עדות וועגן דער „שמד־טעטיקייט" פון שלום אַשן נאָך זינט יענע אַלטע צייטן אין וואַרשע, ווען ער האָט גע־קעמפט קעגן ברית־מילה". ז. שניאור האָט אַפּילו געדראָט, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן „נייע דאָקומענטן" וועגן דעם. ער האָט עס וואָס אַן אמת נישט געטון — צי דערפאַר, ווייל אין צווישן צייט איז אים שלום אַש אָפּגעשטאַרבן, צי גיכער דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט אַזעלכע דאָקומענטן? — דאָס איז אָבער נישט וויכטיק. וויכטיק איז דער פאַקט, אַז ביזן סאַמע טויט האָט מען נישט אויפגעהערט צו העצן קעגן אַשן, גראָבן אונטער אים, כאָטש ער איז שוין דאַן זיכער נישט געווען אַזוי קאָנטראָווערס, ווי אין די יונגע און מיטעלע יאָרן; נישט געווען אַזאַ אומרואי־קער און אומרו־טראָגנדיקער גייסט.

ווייל בעצם הייבט זיך שוין אָן די קאָנטראָווערסישקייט פון שלום אַשן ממש פון זיין געבוירן אָן. וואָרן: אָפיציעל האָט עס געהייסן אין זיין היים־שטאָט, קוטנע, אַז ער איז געבוירן געוואָרן דעם 1־טן יאַנואַר 1880. אמת, ס'איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז ביי יידן אין פוילן האָט מען אין יענע יאָרן כמעט קיינמאָל נישט געגעבן פאַרשריבן די געבוירן־דאַטע פון אַ קינד. דערצו נאָך — ביי פרומע יידן; ווער שמועסט נאָך — ביי אַזאַ פיל־קינדערדיקע משפחה, ווי ביי ר' משה גאָמבינער (אַזוי האָט אין קוטנע געהייסן דער פאָטער). ס'איז דאָך פאַראַן אַ פּאָפּולערער אַנעקדאָט אויף דער טעמע: אַ ייד פרעגט זיך אַן עצה — „ווי אַזוי זאָל איך פאַרשרייבן מיין קינד, מיט אַ פּאָר יאָר יינגער, צי מיט אַ פּאָר יאָר עלטער". ער זאָל עס פאַרשרייבן מיט דער ריכטיקער געבוירן־דאַטע איז אים בכלל נישט איינגעפאַלן.

די מוטער פון שלום אַשן (מלכה, פון דער היים ווידאַווסקי, אַ קאַלישער משפחה) האָט געטענהט, אַז איר מיזשיניקל, שלום, איז געבוירן געוואָרן נאָך פּסח; לויט זיינע לעצטע דאָקומענטן (די אַמעריקאַנער פּעסער) איז ער אַ געבוירענער: דעם 1־טן נאָוועמבער 1880. ס'הייסט, אַז אַזוי האָט דעצידירט זיין ווייב,

מאַטל (מאָדזשיץ). אָט האָט איר שוין דעם ערשטן סיכסוך אַרום אַשן, די ערשטע קאָנטראַווערסיעס, אין וועלכע זיין פּערזאָן איז געווען פאַרמישט.

פון קינדווייז אָן איז ביי שלומען קענטיק אַ צעצווייאיקט־קייט, אַ געוויסע נשמה־צעשפּאָלטנקייט. שלום אַש אַליין מיינט, אַז דאָס איז פון דער פאַרשידנקייט פונעם אָפּשטאַם פון זיינע עלטערן, פון די פאַרשידענע פּייזאַזשן, אין וועלכע זיי זענען געבוירן געוואָרן. ער האָט דערציילט, אַז געהאָדעוועט האָט ער זיך „צווישן צוויי וועלטן". דער וועלט פון זיינע געזונטע, מגושמדיקע, באַלעגופישע ברידער און דעם חדר, בית־המדרש, פון וועלכן (זיינע עלטערן האָבן אַזוי געהאָפּט) ער האָט באַדאַרפט אַרויס אַ רב. נייערט צו פופצן יאָר הייבט אים אָן צו ציען צו עפּעס אַנדערש. קודם כל — דער דרויסן: דאָס פעלד, דער וואַלד, די זון; והשנית — דער גייסטיקער דרויסן: העברעישע השכלה־ספרים, דייטשע ליטעראַטור, פּוילישע ליטעראַטור (ביידע שפּראַכן לערנט ער זיך אַליין. דאָס איז מן־הסתם דער אָנהייב פון זיין אויבנאויפיקער באַקאַנטשאַפט מיט מער שפּראַכן און דאָס פּאַקטיש נישט קענען גרינטלעך קיין איינע פון זיי). וועגן יענער תקופה אין זיין לעבן דערציילט שלום אַש אַליין אין זיינער אַן אויטאָביאָגראַפישער פאַרצייכענונג „מיין שענסטע ליבע":

„רעליגיעז געשטימט פון מיין פריסטער יוגנט, אַ קינד מיט מיסטישע בייגונגען, פלעג איך דאַוונען פרום און לאַנג, לערנען גאַנצע טעג און גיין אין אַ פרומען וועג..."

און ווייטער:

„אַ קינד פון פופצן יאָר, פלעג איך דאַן אַרומגיין און קלערן איבער דעם תכלית פון דער וועלט. און די זון האָט אין דרויסן געשיינט און איך האָב ליב געהאַט די זון. פלעג איך זיך אַרויס־גנבענען מיט מיינע ביכלעך און גיין אין גאָרטן..."

אָט זענען די ערשטע בולטע סימנים פון זיין נשמה־

צעשפּאָלטנקייט, וועלכע ער זעט אין אַן אויטאָביאָגראַפיע (ווי שוין פריער דערמאָנט) אין די פאַרשידענע געגנטן, פון וועלכע זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט; דעם ויתרוצצו צווישן צוויי פּייזאַזשן און געמיטן — אויפן באָדן פון זיין אייגן געבוירן־שטעטל, קוטנע. ער מאַכט טאַקע אַן אויספיר אין יענער אויטאָביאָגראַפיע:

„דורך דעם די צעטיילונג פון מיין נשמה."

די צעטיילונג — ריכטיקער: צעשפּאָלטנקייט — דער סימן מובהק פון אַ סך קינסטלער־נאַטורן, איז דער לייטמאָטיוו פון זיין לעבן, זיין גאַנצן שאַפן, זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטריטן און סקאַנדאַלן; דאָס איז אויך דער קענצייכן פון זיין מעכטיקן קינסטלערישן טאַלאַנט, פון דעם אומגעהויערן פאַרנעם זיינעם אין דער ליטעראַטור.

אָבער לאָמיר נאָכגיין איניקע פראַגמענטן פון זיין ביאָגראַפיע:

צו 17 יאָר אַנטלויפט שלום אַש פון דער היים, ווערט אַ לערער ביי אַ דאָרפישער משפחה, ביי קרובים. דאָרט באַקענט ער זיך מיטן דאָרפישן לעבן, מיט דער פויערישער נויט — זיין „אָנפאַנג־שול אין לעבן", ווי ער באַצייכנט עס אַליין. קורץ נאָך דעם איז ער אַוועק קיין וולאָצלאַוועק, געווען אַ מלמד, אַ לערער; געמאַטערט זיך, געהונגערט, ביז ער האָט געפינען אַ פאַך: שרייבן בריוו, בעיקר — ליבע־בריוו. דאָס איז שוין געווען זיין „העכערע שול", ווייל דורך דעם קומען אין באַריר מיט דער אָרעמקייט פון וולאָצלאַוועק, די דינסטמיידן און סתם אַנאַלפאַבעטן, האָט ער באַקומען „די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך פון לעבן". אָט האָט איר די „אוניווערסיטעטן" פון דעם יונגן שלום אַש — אַ יידישע אויפלאַגע פון „מיינע אוניווערסיטעטן", וועלכע ס'האָט דורכגעמאַכט זיין גרויסער פריינד (און חסיד פון זיין טאַלאַנט) מאַקסים גאָרקי.

אין וולאָצלאַוועק האָט ער — אַ חוץ שרייבן בריוו — אויך

אָנגעהויבן צו שרייבן דערציילונגען און דווקא אויף העברעיש. ערשט נאָך זיין ערשטן באַזוך ביי י. ל. פּרצן (1900) גייט ער איבער — לויט דער עצה פון פּרצן — צו שרייבן יידיש. מיט פּרצס הילף טאַקע האָט ער אויך אָפּגעדרוקט (אין דעם זעלבן יאָר, אין דער צייטונג „דער יוד") זיין ערשטע דערציילונג „משהלע" — מיט וועלכער ס'הייבט זיך אָן די 57 יאָר דויערנ־דיקע שרייבערישע טעטיקייט און אין משך פון וועלכער ער האָט געשאַפן מער ווי זעכציק בענד שריפטן!

אין 1903 דערשיינט די ערשטע זאַמלונג פון שלום אַשס דערציילונגען און בילדער „אין אַ שלעכטער צייט". דאָס זעלבע יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם העברעישן שרייבער און פּעדאַגאָג מ. מ. שפּיראָ, מאַטילדע (מאַטל), אָדער מאַדזשיע, וועלכע האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף זיין אויסבילדונג, אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און אויסרייפונג פון זיין טאַלאַנט. זי באַוויַזט אין אַ גרויסער מאָס צו באַהערשן די רייסנדיקע שטראָמיקייט פון שלום אַשן, נייערט נישט אין גאַנצן — זיין אומרו, דעם שעפערישן און ריין מענטשלעכן.

שוין אונטער איר השפּעה שרייבט ער אָן דאָס ווערק, וואָס רוקט אים אַרויס אויפן אויבן־אָן פון דעמלטדיקן יונגן דור אין דער יידישער ליטעראַטור — „דאָס שטעטל" (1904) — אַ פּאָעמע אין פּראָזע, אַן אידילישע שילדערונג, ביז אים אומבאַקאַנט, פון יידישן שטעטל; אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אָנגעהויבן זיין געענוג רייכע און פאַרצווייגטע דראַמאַטורגישע טעטיקייט מיט דער פּיעסע „צוריקגעקומען" („מיטן שטראָם"); ער הייבט אָן זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט מיט אַ רייזע קיין קראָקע און זאַקאָפּאַנע, ווו ער דערנענטערט זיך מיט אָנגעזעענע פּוילישע שרייבערס (דער שרייבער און קינסטלער סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש ועצט איבער זיין „מיטן שטראָם", וואָס ווערט דאַן אויפגעפירט אין קראָקעווער פּוילישן טעאַטער), וויל אַליין אָנהייבן צו שרייבן פּויליש און גיט אויף דעם פּלאַן אונטער דער השפּעה פון באַרימטן

פוילישן שרייבער סטעפאַן זשעראָמסקי און וויטקעוויטש, וועלכע לערנען אים, אַז דער אייגנטלעכער אינסטרומענט פון יעדן שרייבער איז זיין אייגענע שפּראַך, זיין „מאַמע־לשון".

עס הייבן זיך אָן די טריומפן פון שלום אַשן: די אויפפירונג פון זיין פּיעסע „משיחס צייטן" מיט דער גרויסער רוסישער קינסטלערין וויעראַ קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין פּעטערבורג; דאָס אויפפירן „גאָט פון נקמה" מיט רודאָלף שילדקרויטן דורך ריינהאַרדטן אין בערלין; זיין ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל; די שאַרפע קריטיק פון י. ל. פרצן (אַז אַש וויל צופיל נושא חן זיין אין די אויגן פון דער דרויסנדיקער, גויאישער וועלט) נאָך דער באַגייסטערונג, מיט וועלכער פּרץ האָט אויפגענומען זיינע ערשטע ווערק - און אין דער זעלבער צייט — די פלאַמיקע פאַרטיידיקונג, אין וועלכער פּרץ האָט זיך אַנגאַזשירט לטובת דעם יונגן אַש, ווען ער איז אָנגעגריפן געוואָרן צוליב דעם באַרימטן דאַן „מילה־סקאַנדאַל" אין וואַרשע.

זיינע וויטערדיקע וואַנדערונגען: אַמעריקע, צוריק אייראָפּע, ווידער ארץ־ישראל, דאָס באַזעצן זיך אין דייטשלאַנד, אין פּאַריז — ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער וואַנדערט אַריבער מיט דער משפּחה קיין אַמעריקע, ווערט אַן אַמעריקאַנער בירגער. זיין שאַפן ווערט אַלץ רייפער, פאַרנעמיקער, פילזייטיקער. זיין אומרו הערט אָבער נישט אויף. ברעכן ווידער אויס סקאַנדאַלן — מיט אים, אַדער אַרום אים; געזעלשאַפטלעכע חילוקי דעות, פּאָליטישע ענונציאַציעס, שפּראַכן־פראַגע. ס'זעט אויס, ווי די סקאַנדאַלן און חילוקי דעות וואָלטן געווען אַ טרייבקראַפט, אַ סטימול פאַר זיין שעפערישקייט. ס'וואַקסן זיינע דערפאָלגן, וואַקסט אויך די קנאה. ער ווערט אַ וועלט־נאָמען אין דער ליטעראַטור, וויל מען אַלץ מער און שטאַרקער פאַרשמירן זיין נאָמען ביי די יידישע מאַסן, וועלכע פאַרהערלעכן אים ממש, ליבן אים און שעצן — מיט אַלע זיינע שטרויכלונגען און חסרונות. זיי שעצן אין אים דעם קינסטלער, וואָס איז דער

אויסדריקער פון זייער אינערלעכער וועלט און וועלכער עפנט פאַר זיי אומבאַקאַנטע, סודותדיקע וועלטן — אין זייער שפּראַך, וועלכע ער דערהייבט מיט זיין מאַלערישקייט און פאַלקסטימלעכער זאַפטיקייט.

איז אפשר נאָך צו פאַרשטיין די מענטשלעכע שוואַכקייטן פון אַנדערע שרייבערס, וועלכע — באַהערשטע פון קנאת סופרים און פון דער קנאה צו שלום אַשס מזל אינעם לעבן; צו זיינע דערפאָלגן און זיין רום — האָבן ביי זיין לעבן נישט אויפגעהערט צו העצן קעגן אים, באַשמוצן זיין נאָמען, פאַרסמען זיינע טעג און נעכט (כאָטש ער האָט געזאָגט, אַז ער לייענט נישט די אָנגריפן און זיי גייען אים וויניק אָן), פאַרקירצן זיינע יאָרן. ס'איז דאָך פּאַרט אַ פאַקט, אַז דעם ערשטן בלוט־אויסגוס אין מוח האָט ער באַקומען נאָך אַ סקאַנדאַל אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז געקומען ספּעציעל צו דער בר־מצווה פון זיינס אַן אייניקל (דעם בכור פון מיטלסטן זון, משה), וואָס זיינע שונאים האָבן אויסגענוצט כדי פאַרשוואַרצן אים ס'פּנים און צו פאַרשטערן די שמחה; דעם דריטן, טויטלעכן אויסגוס — דעם 10־טן יולי 1957 אין לאָנדאָן, נאָכדעם ווי אַ זשורנאַליסט איז צוגעשטאַנען צו אים מיט צודרינגלעכע פראַגעס, מיט פראַגעס־שטעכלקעס. ער איז גלייך נאָכדעם געקומען אַהיים צו זיין טאָכטער, אַוועקגעזעצט זיך אַן אויפגעבראָכטער צום שרייבטיש און — געשטאָרבן מיט דער פעדער אין דער האַנט.

אָבער איצט, ווען ס'זענען פאַרביי צען יאָר זינט יענער פאָטאַלער נאַכט; ווען אַ סך פון די, וועלכע האָבן געבערענט זיינע טריט און געסמט די לופט אַרום אים — געפינען זיך שוין אויך אויפן עולם האמת — — —

אגב, ס'ווילט זיך דערציילן אַן עפּיזאָד מיט איינעם אַזאַ, אַ שוכן עפר, וועלכער איז שוין נאָך שלום אַשס טויט געווען אין ישראל און געוואָלט אויפגענומען ווערן דורך אַן אַנדער באַרימטן שרייבער, דעם נאָבל־פּרייז־טרעגער ש״י עגנון. נישט געקוקט

אויף די שטאַרקע באַמיונגען פון דעם מענטשן, וועלכער איז שוין דאַן געווען ענג־פאַרבונדן מיט די רעליגיעזע קרייזן (און ווי באַוווּסט איז ש״י עגנון אַ רעליגיעזער ייד) האָט זיך עגנון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אים אויפצונעמען און צו רעדן מיט אים. ער האָט מאָטיווירט: מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַזוי פאַרצאַפּט דאָס בלוט פון אַזאַ גרויסן שרייבער, ווי שלום אַש, וויל ער נישט האָבן צו טון. מ׳דאַרף האָפנטלעך נישט צוגעבן, אַז דער נישט אויפגענומענער רעליגיעזער שרייבער איז געווען חיים ליבערמאַן. דער זעלבער, וועלכער האָט אָנגעפירט אין משך פון יאָרן די פאַרביסנסטע העצע קעגן שלום אַשן; וועלכער האָט אָנגעשריבן דאָס איבערפולטע מיט סם און שנאה פאַרנעמיקע בוך „שלום אַש און קריסטנטום״. כאָטש דער זעלבער האָט מיט איינִיקע יאָר פריער געשריבן וועגן אַשן: „אַ קינסטלער וואָס האָט געבראַכט דאָס געזאַנג פון דער וועלט, שירה פון גאָט, נבואה...״ (— אין זיין פּאָלעמיק מיט ש. ניגערן וועגן אַשן). פון חיים ליבערמאַנס „דעבאַטע אין זעקס בריוו״, ווילט זיך ציטירן אַן אָפּזאַץ, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר חיים ליבערמאַנען גופא — מיט איינִיקע יאָר שפּעטער:

„ס׳האָבן לעצטנס פון פאַרשידענע זייטן אָנגעהויבן בלאָזן ווינטלעך קעגן אַשן. קודם פון סאָוויעט־רוסלאַנד — פאַר זיין נעגאַטיווער האַלטונג צום קאָמוניזם. דאַן פונעם „בונד״ — פאַר זיין באַגייסטערונג פאַר ארץ־ישראל, און פון די ידישיסטן — פאַר זיין באַיאָען העברעיש אין ארץ־ישראל. און פון די אַלע ווינטלעך איז געוואָרן אַ גאַנצע טענדענץ אַראָפּצוזעצן אַשן פון דעם אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און אַרויפזעצן אַהין אימיצן אַנדערש...״ ער רופט אָן שלום אַשן „מיין גרעסטער יידישער שריפטשטעלער״. „אַ מענטש וואָס האָט שוין אָפּגעלייגט עקזאַמען דורך צענדליקער מייסטערווערק, מייסטערווערק...״ (אונטערגעשטראָכן פון ח. ל.). אָט ווי דער מענטש האָט געשריבן וועגן אַשן און איינִיקע יאָר שפּעטער — מיט נאָך מער פייער,

שנאה, ממש שוים אויף די ליפּן, אָנגעהויבן די קאַמפּאַניע רדיפות און בילבולים אויף זיין „גרעסטן יידישן שריפטשטעלער". אַט וואָס האָט אַזוי אַרויסגערופן דעם צאָרן פון ש"י עגנונען — דעם מענטש, וועלכער האָט ביים באַרגשפּיץ פון זיין רום, נאָכן דערהאַלטן די נאָבל־פּרעמיע, אויסגעשטרעקט די האַנט צו אהרן ווערגעליסן; ער האָט אָפּגעשטויסן די פרומע האַנט פון חיים ליבערמאַנען דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געוואַגט אויפצוהייבן קעגן דעם גרויסן יידישן שרייבער. דער דאָ געבראַכטער עפּיזאָד איז אויטענטיש (ער איז עפּנטלעך דערציילט געוואָרן פון ש"י עגנונס איבערזעצער אויף יידיש, אליעזר רובינשטיין, בעת דער פייערונג לכבוד ש"י עגנונס נאָבל־פּרעמיע אינעם יידישן שרייבער־פאַריין אין תל־אביב).

ש"י עגנון האָט בשום אופן נישט געקאָנט משלים זיין מיט דער העצע קעגן אַשן — כאָטש ער האָט אויך זיכער נישט אַלץ אָנגענומען וואָס איז אַרויס פון אַשס פּעדער, אָדער מויל. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז ס'איז דאָס רעכט פון אַ קינסטלער צו האָבן זיין מיינונג און שטעלונג צו פאַרשידענע פראַגעס — אַפילו ווען די מיינונג איז אים, עגנונען, געווען פרעמד — און דאָס פאַרמינערט אויף קיין האָר נישט די קינסטלערישע דער־גרייכונגען און נאַציאָנאַלע פאַרדינסטן פון אַ שרייבער.

און אַזוי ווי עגנון האָט אויך געהאַלטן דער רוב מנין און רוב בנין פונעם פאָלק אין ישראל. דערפאַר האָט דאָ שלום אַש געפונען אויף זיינע עלטערע יאָרן אַזאַ וואַרעמע היים און סביבה.

וואָלט זיכער גאָר אימפּאָזאַנט אויסגעפאַלן דאָס אָפּמערקן די צענטע יאָרצייט פון שלום אַשן. איז עס אָבער געווען: יולי 1967, ווען ס'איז נאָך נישט געווען פאַרלאָשן דאָס פייער אויף די גרענעצן פון ישראל; ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפונען אין שטענדיקער קאַמף־גרייטקייט און אין הונדערטער יידישע היימען האָט געהערשט אַ טיפער, אומענדלעכער טרויער נאָכן פאַלן פון זייערע טייערסטע ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

II.

אויף מיין וועג...

וועגן שלום אַשן איז שוין פֿאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור. באַזונדערע מאָנאָגראַפֿיעס, זכרונות און אָפּשאַצונגען אין די טאָוולען פֿון ביכער; צענדליקער טויזנטער, אַ סך צענדליקער טויזנטער אָפּרופֿן אין דער פּרעסע אין פֿאַרשידענע שפּראַכן און לענדער אין דער וועלט.

אין בית שלום אַש אין בת־ים געפֿינט זיך אַ באַזונדערע זאַמלונג פֿון פּרעסע־אויסשניטן וועגן שלום אַשן אין דער אַמעריקאַנער ענגלישער פּרעסע אין די יאָרן 1930—1958 האַלט די דאָזיקע זאַמלונג אַליין קנאַפּע 1500 איינסן; די זאַמלונג פּרעסע־אויסשניטן פֿונעם בית שלום אַש אין פֿאַרשידענע שפּראַכן, וואָס ווערט ווייטער געפֿירט און אויסגעברייטערט, האַלט שוין צענדליקער טויזנטער איינסן (דער ערשטער אויסשניט איז ערשט פֿון 1913, פֿון „פּעטערבורגער פֿריינד״) — און זי איז ווייט נישט קיין פֿולע.

ס׳געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון הויז אַ זאַמלונג אַשיאַנאַ פֿונעם דיכטער מלך ראַוויטש — 176 פּרעסע־אויסשניטן פֿונעם פֿאַטאַלן יולי 1957, פֿאַר צוויי יאָר; אויך אַ זאַמלונג פּרעסע־אויסשניטן פֿון משה ווייסמאַן פֿון לאָס־אַנזשעלעס (קאַליפֿאָרניע) — זינט 1942 ביז 1958 האַלט זי איבער 200 איינסן. יעפּים ישורינס שלום אַשס ביבליאָגראַפֿיע — בלויז פֿון די אָפּרופֿן וועגן זיין טויט, באַשטייט פֿון אַן ערך 450 איינסן אין פֿאַרשידענע שפּראַכן.

ווי שוין דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל האָט י. ל. פּרץ אייניקע מאָל געשריבן וועגן דעם יונגן שלום אַש — ס׳רוב מיט אַ סך אָנערקענונג און ליבשאַפט, כאָטש ער האָט נישט געזשאַלעוועט אים קיין ווערטער פון מוסר און קריטיק; אַש איז נאָך זוכה געווען צו גרעסערע אָפּהאַנדלונגען פון בעל מחשבותן (אייגעשלאָסענע אין בעל מחשבותעס ווערק) און ס׳האָט — כמעט פון די ערשטע שריט זיינע, געציילטע יאָרן נאָך זיין דעביוט — באַגלייט אים דאָס וואַרעמע וואָרט פון ש. ניגער, די מערהייט פון וועלכן איז לסוף איינגעזאַמלט געוואָרן אין דעם גרויסן באַנד „שלום אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק״, צונויפגעשטעלט פון מלך ראַוויטש. ביים סוף פונעם בוך איז פאַראַן יעפים ישורינס ביבליאָגראַפיע — ש. ניגער וועגן שלום אַשן — האַלט זי 148 איינסן. אָבער דאָס ערשטע זעלבשטענדיקע ביכל איז געווען נחמן מייזילס „שלום אַש (פינף און צוואַנציק יאָר שאַפן)״, וואָס איז דערשינען אין קלעצקין־פאַרלאַג אין וואַרשע, אין יאָר 1926.

זינט דאַן האָט נחמן מייזיל גופא אָנגעשריבן אַ צאָל גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום אַשן („אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור״, קאָנגזייטיקע השפעות אין וועלט־שאַפן״, וועגן באַזונדערע ווערק פון שלום אַשן און ברייטערע, אַרומנעמענדיקע אָפּהאַנדלונגען צו פאַרשידענע געלעגנהייטן אין אייניקע ביכער זיינע) און האָט געאַרבעט איבער אַ גרעסערער שלום אַש־מאָנאָגראַפיע. ער האָט זיך אַפילו געוואָנדן אין דער פראַגע צום בית שלום אַש: „איך וויל איצט רעאַליזירן מיינעם אַ לאַנגן טרוים — אָנשרייבן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע איבער שלום אַש — און אַרומנעמען זיין צייט, די יידישע און נישט־יידישע שאַפונג־וועלט, וואָס שלום אַש האָט אין איר געלעבט און געשאַפן. בעיקר האָב איך צווישן אַנדערע אַ גרויסע אַרבעט ווי די קריטיק, די יידישע און נישט־יידישע, האָט אויפגענומען שלום אַשן. איך האָב שוין פיל מאַטעריאַל אויפגעקליבן. איך האָב געוואָלט, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען אויף דער וועלט מיט דער הילף און אויפ־

זיכט פון דעם שלום אַש הויז. איך וויל נישט קיין מאַטעריעלע הילף, נאָר כ׳וויל מאַכן אַ מין גייסטיקן שותף דאָס בית שלום אַש. ...איז זאָל זיין מיין בוך דאָס ערשטע, וואָס וועט אַרויס אונטערן נאָמען פון דעם שלום אַש הויז." — האָט נחמן מייזיל געשריבן צו דער אַנפירונג פון בית שלום אַש (אין אַ בריוו פון 22־טן אויגוסט 1962). נאָכן באַזעצן זיך אין ישראל איז נחמן מייזיל איינציקע מאָל שעהנלאַנג געזעסן אין בית שלום אַש איבער די נאָטיץ־ביכלעך, כתב־ידן און פאַרצייכענונגען פון שלום אַשן, געמאַכט זיך נאָטיצן צו זיין געפּלאַנטער מאָנאָגראַפיע, לײדער האָט ער זי אָבער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

זינט מייזילס אָנהייב דערשיינען איינציקע ביכער וועגן שלום אַשן, נייערט שוין פון גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער; ביכער — פּאַמפלעטן; ביכער, וואָס האָבן געצילט צו צעשטערן דעם גוטן נאָמען פונעם גרויסן שרייבער ביי די יידישע מאַסן, אָראָפּצורייסן די ליבשאַפט צו אים, אַ תל צו מאַכן פון זיין השפעה און אָנזען. אַזעלכע זענען קודם כל געווען די דערשינענע אין ניו־יאָרק: אב. קאַהאַנס „שלום אַשס נייער וועג" (1941) און אַ סך שפּע־טער — חיים ליבערמאַנס פאַרנעמיק בוך „שלום אַש און קריסטנ־טום".

צווישן דעם און דעם, צווישן די פאַרניכטנדיקע ביכער און זאַכלעכע אָפּהאַנדלונגען געפינט זיך י. ראַפּאַפּאָרטס בוך „שלום אַשס ליטעראַרישע נצחונות און מפּלות", וואָס איז דערשינען אַזש אין אויסטראַליע (אין מעלבורן) אינעם יאָר 1953. דאָס זענען דעם בייזן (צומאָל בייזוויליקן) קריטיקערס געקליבענע אַרטיקלען וועגן שלום אַשן, געשריבענע אין פאַרשידענע צייטן און געלעגנ־הייטן.

י. ראַפּאַפּאָרט האָט אַ סך מער געשריבן וועגן אַשן (פאַר דער מלחמה אַפילו אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „שלום אַשס שטע־לונג צו יידיש"), אָבער דער אָפּקלייב פון אַרטיקלען, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין די טאָוולען פון אַ בוך, קאָן שוין

באַטראַכט ווערן ווי אַ מער פאַרגאַנצטער איבערזיכט איבער שלום אַשס שאַפן, מיט אַן אַריינפיר „שלום אַשס שעפערישער וועג", ווו דער קריטיקער סקיצירט אין בולטערע שטריכן (כאָטש ווייט פון פריינדלעכקייט) די קינסטלערישע אייגנטימלעכקייט און דעם אַנטוויקלונג־וועג פון שלום אַשן.

ביים לעבן פון שלום אַשן האָט גרעסערע עסייען וועגן אים אָנגעשריבן דער בוענאָס־איירעסער יידישער קריטיקער גרשון סאַפּאָזשניקאָוו („שלום אַשס מוטער־קאָמפּלעקס" און „שלום אַשס שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור"), וואָס זענען שוין נאָכן טויט פון שלום אַשן דערשינען אינעם בוך „פון די טיפענישן" (1959), אַ זאַמלונג עסייען, אין וועלכע דער מחבר פּרוּווט צו געבן אַ פּרוידיסטישע באַלייכטונג (אָדער אויסטייטשונג) פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

ערשט נאָכן טויט פון אונדזער פּראָזע־מייסטער איז דער־שינען אין מעקסיקע א. ה. ביאַלינס „שלום אַש" (1959), אַ בוך, וואָס דער מחבר האָט אָנגעשריבן ווי „דאָס וואָרט פון אַ מענטש וואָס איז נישט אַריינגעריסן געוואָרן אין דער אַש־וואַקכאַנאַליע. אפשר וועט עס אַביסל איינשטילן דאָס פייער פון שנאה, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן קעגן אַן אומשולדיקן מענטש, אַ גרויסן קינסטלער; אַ שרייבער, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט ווייניק זיינס גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור. איינער, וואָס האָט פאַרשאַפט פיל כבוד דעם יידישן פאָלק. אויב די וועלט וייס פון דער יידישער ליטעראַטור און האָט רעספּעקט פאַר איר, איז עס אַ דאַנק אַשן. אַש איז טויט, אָבער ווי לאַנג די וועלט וועט עקזיסטירן און אַ ליטע־ראַטור — אין וואָס פאַר אַ שפּראַך עס זאָל נישט זיין — וועט עקזיסטירן, אַזוי לאַנג וועט אַשס נאָמען לעבן".

עס זענען אויך דערשינען אַ סך אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום אַשן אין אַנדערע שפּראַכן. אין די לעצטע יאָרן — אין פּויליש, אַן אָפּהאַנדלונג פון פּראָפ. סט. פּיגאָן, אינעם בוך „שלום אַשס

קאָרעספּאָנדענץ מיט פּוילישע שרייבערס״; אין רוסיש — אַן אָפּהאַנדלונג פון מ. ביעלענקי — אַן אַריינפיר צו דער רוסישער אויסגאַבע „מענטשן און געטער״ (אַ בוך, אין וועלכן ס׳זענען אַריין שלום אַשס 13 דערציילונגען און דער ראָמאַן „די מוטער״).

ערשט אין יאָר 1966 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אין בוך־פאָרם די עסייען־זאַמלונג פון ה. ש. קאַזדאַן „שלום אַש״. ס׳איז אַ וואָגיק בוך, אַ בוך פון פיעטעט און ליבשאַפט. כאָטש עס „פּרעטענדירט נישט צו זיין אַן אויסשעפּנדיקע און אַלץ־אַרומ־נעמענדיקע אַרבעט. מיין כוונה איז געווען: בייטראָגן צום אָנדענק פונעם גרויסן שריפטשטעלער, אָפּגעבן אים דעם פאַרדינטן כבוד; אָפּשאַצן און כאַראַקטעריזירן זיינע ליטעראַרישע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען. אָביעקטיוו און אויפריכטיק האָב איך מיינע מיי־נונגען און אָפּשאַצונגען באַזירט אויף אַ צאָל ווערק פון שלום אַשן. איך האָב זיך דערביי אין גלייכער מאָס אָפּגעשטעלט הן אויף די קינסטלעריש־עסטעטישע ווערטן, הן אויף די אידעיש־געזעלשאַפטלעכע״ — שרייבט ה. ש. קאַזדאַן אין זיין קורצן אַריינפיר צום בוך.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך זענען די פערזענלעכע זכרונות וועגן שלום אַשן — זיי כאַראַקטעריזירן דעם שרייבער פון גאָר אַן אַנדער קוק־ווינקל, פונעם שטאַנדפּונקט פון זיין כאַראַקטער, פּריוואַטע האַנדלונגען, עפּיזאָדן מיט אים, אָדער אַפילו אַנעקדאָטישע קוריאָזן וועגן אים. אַזוי זענען געווען די זכרונות פון שלום אַשס קוטנער חבר פון די קינדער־יאָרן, דעם זשורנאַליסט ד״ר אברהם גליקסמאַן; עפּיזאָדן, וועלכע ס׳האָט אויף זיין הומאָרפולן און קינסטלערישן אופן פאַרפיקסירט דער יונגסטער פונעם פּרץ־קרייז, דער שרייבער אפרים קאַגאַנאָווסקי און אַ צאָל אַנדערע פון דעם מין.

באַזונדערס האָט זיך דער מין „אַשיאַנאַ״ שטאַרק אַנטוויקלט גלייך נאָכן טויט פון שלום אַשן. דאָן איז דערשינען דעם שרייבער שלמה ראָזנבערגס בוך „שלום אַש פון דער נאָענט״ (1958), וואָס

פאַרמאַגט אַ טייל פּאָלעמיק „דער וויכוח אַרום שלום אַשן" און די ערשטע טייל — טאַקע וועגן שלום אַשן פון דער נאָענט. שלמה ראָזנבערג האָט וואָס צו דערציילן וועגן דעם: אַ חוץ, וואָס ער איז געווען אַ קרוב פון דער פרוי אַש, איז דער מחבר אויך אַן ערך צען יאָר געווען שלום אַשס פּריוואַט־סעקרעטאַר (אין פּוילן און בעיקר — אין פראַנקרייך).

ס'איז דערשינען אין תל־אביב (אין דעם זעלבן יאָר) יצחק פּאַנערס „שלום אַש אין זיין לעצטער היים". דער שרייבער יצחק פּאַנער איז געווען שלום אַשס לעצטער סעקרעטאַר — טאַקע דאָס לעצטע יאָר פון שלום אַשס לעבן — אין בת־ים. אגב: אין דעם בוך דערציילט פּאַנער, אַז פרוי מאַטילדאַ אַש האָט אים אין אַ שמועס געזאָגט, אַז בת־ים דערמאָנט זי אין קוטנע. די זעלבע געזעלשאַפטלעכע אָפּגעזונדערטקייטן, די זעלבע קליינ־שטעטלדיקייט (אין 1956, פאַרשטייט זיך)...

„אפשר האָט אַש טאַקע דערפאַר אויסגעקליבן אַט דאָס שטילע שטעטל פאַר זיין לעצטער היים? אפשר האָט ער נאָך די אַלע שטורעמס פון די לעצטע יאָרן געבענקט נאָך דעם אידילישן שטעטל פון זיין קינדהייט — ווען מענס המשך און נייער גילגול עס איז בת־ים?" — פאַרענדיקט פּאַנער דאָס קאַפּיטל „נאָך זיבן און פערציק יאָר".

אַ גרעסערע צאָל זכרונות (אין המשכים, צומאָל אַ סך המש־כים) איז דערשינען אין דער פּרעסע און טיילווייז אַריינגענומען געוואָרן אין ביכער פון די בעלי־זכרונות. צווישן די זכרונות איז אַפילו פאַראַן אַן עסיי פונעם שרייבער שיע טענענבוים אונטער אַ סענסאַציאָנעלן נאָמען „דער יידישער קייסער", וווּ דער מחבר שטרייכט באַזונדערס אונטער שלום אַשס נטיה צו פייערלעכקייט, יום־טובדיקייט, מלכותדיקייט; דער דערציילער בנימין שלעווין האָט אין זיין בוך „געקליבענע דערציילונגען" אַריינגענומען אַ קאַפּיטל זכרונות „מיט שלום אַשן אין ניס".

אַ גרויסן טומל האָבן אַרויסגערופן די זכרונות פון אַשס בכור, דעם ענגלישן שרייבער נתן אַש „מיין פאָטער און איך" (אין ענגליש, אין דעם זשורנאַל „קאָמענטערי"). די דערמאָנטע ברייט־אויסגעשפּרייטע (אויף צען געדיכט־אָנגעפּיקעוועטע זייטן פונעם גרויסן זשורנאַל־פאָרמאַט) זענען געווען געדרוקט אין יאַנואַר 1965, ד. ה. געציילטע טעג נאָך נתן אַשס טויט. ווילט זיך צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ווען ער וואָלט געלעבט און איבערגעלייענט זיינע זכרונות אָפּגעדרוקטע, וואָלט ער אַליין באַדויערט, אַז ער האָט זיי אָנגעשריבן, — אַזויפיל בייזוויליקייט, קנאה און שלעכטס איז פאַראַן אין די דאָזיקע (אגב — נישט אָן טאַלאַנט) אָנגעשריבענע זכרונות. נייערט די גרעסטע צאָל זכרונות פון דעם מין זענען געווען געדרוקט תיכף נאָך שלום אַשס טויט.

קודם כל דאַרף מען דאָ אויסרעכענען פראַגמענטן פון די זכרונות פון שלמה ראָזנבערג און יצחק פאַנער (וואָס זענען שפּעטער אַריין אין זייערע ביכער). מלך ראַוויטש האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע ציקל „שבחי שלום אַש" (וואָס איז אונטער פאַרשידענע נעמען געדרוקט געווען אין אַ צאָל יידישע צייטונגען איבער דער וועלט) און שפּעטער עס אַריינגענומען אינעם בוך „מיין לעקסיקאָן" וועגן מדינת ישראל, מיט אַן אַריינפיר, ווי ס׳ווערט געזאָגט צווישן אַנדערע: „אונדזער געפיל זאָגט אונדז, אַז מיר טוען רעכט שלום אַשן ז״ל אָנהויבנדיק דאָס דאָזיקע בוך וועגן שרייבער און קינסטלער אין מדינת ישראל מיט זכרונות וועגן אים. מער ווי אין אַלע לענדער פון דער וועלט, האָט ער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געפונען היים און משפחה — צווישן פיל צענדליקער חברים שרייבער און הונדערטער טויזנטער יידיש־ און עברית־לייענער — אין מדינת ישראל". (אַ קאַפּיטל „שלום אַש" איז אויך פאַראַן אין ראַוויטשס „מיין לעקסיקאָן", באַנד 1).

דער דיכטער שלום שטערן פון מאָנטרעאָל האָט אָפּגעדרוקט אַ גרעסערן ציקל „דערמאָנונגען און מיינונגען וועגן שלום אַשן"

(אין טאָראָנטער „וואָכנבלאַט", אין ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט").

דער שרייבער, זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער מאַרק טורקאָוו האָט אָנגעשריבן פאַר דער בוענאָס־איירעסער „יידישער צייטונג" (און ס'איז געווען איבערגעדרוקט אין אַ צאָל אַנדערע צייטונגען) אַ גאַר גרויסע סעריע זכרונות „שלום אַש פון דער נאָענט" — עפּיזאָדן און צוזאַמענטרעפן מיט שלום אַשן אין משך פון אַ דריי צענדליק יאָר. דער באַקאַנטער בינע־קינסטלער און טעאַטער־דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ האָט אָפּגעדרוקט אין אַ צאָל צייטונגען אין ביידע אַמעריקעס זיינע זכרונות „שלום אַש ווי איך האָב אים געקענט" — 8 גרויסע קאַפּיטלעך, וואָס דערציילן בעיקר וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון שלום אַשן מיטן ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער און וועגן דער אַרבעט פונעם קונסט־טעאַטער איבער די ווערק פון שלום אַשן (איין קאַפּיטל האָט אַפילו געהייסן: „שלום אַש — אַ זייל פון יידישן קונסט־טעאַטער") און נאָך און נאָך זכרונות (פון אַ גרעסערן און קלענערן פאַרנעם) פון באַקאַנטע און ווייניקער באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. טאָ זאָל מיר אויך דערלויבט זיין — איידער איך גיי איבער צו דער טעמע פון שלום אַשס וואַנדערונגען איבער די וועגן פון יידישן זיין און פּיין, צו שלום אַשס דרך אין דער יידישער אייביקייט — צו דערציילן אייניקע קליינע עפּיזאָדן פון מיינע צוזאַמענטרעפן מיט שלום אַשן, צומאָל: פון שלום אַשס השפּעה אויף די אָנהייבן פון מיין אַרבעט און אומדירעקט — אויף מיינע עלטערע יאָרן. און אָנהייבן וועל איך טאַקע פון סוף.

איך בין נישט קיין פאַטאַליסט, נייערט אין באַשערטע זאַכן גלויב איך גאַר שטאַרק. פון אַ סך מסוכנדיקע און פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס אין מיין לעבן איז מיר באַשערט געווען ווי עס איז אַרויסצוקריכן, גובר צו זיין גרויסע שוועריקייטן, אַרויסצוהייבן זיך כמעט פונעם אָפּגרונט און ווידער אַרויסצושווימען אויף דער אויבערפלאַך. אַפּנים — אַ גורל־זאַך. גלויב איך טאַקע אין באַשערטע זאַכן.

פאַר אַזאַ באַשערטער זאַך האַלט איך אויך, אַז ביים סוף פון

מײנע װאַנדערונגען, נאָכן עולה זײַן און באַזעצן זיך אין ישׂראל, בין איך געװאָרן דער לײטער פֿון בית שלום אַש אין בת־ים.

געשען איז עס פּאַר מיר אין גאַנצן אומגעריכט. מיט דעם לעבעדיקן שלום אַש האָב איך זיך אין משך פֿון אַ סך יאָרן נישט געזען אַפֿילו — זינט אונדזער צוזאַמענטרעף אין פּאַריז (װעגן װעלכן כ׳װעל אַביסל שפּעטער דערציילן). װען איך בין אין יאָר 1956 געװען װי אַ טוריסט אין ישׂראל, איז שלום אַש גראָד געװען אין אויסלאַנד און דערפֿאַר איז נישט צו שטאַנד־געקומען מײַן געפּלאַנטער באַזוך בײַ אים אין בת־ים. װען כ׳האָב זיך באַזעצט אין ישׂראל — איז שוין געװען אײניקע חדשים נאָך שלום אַשס טויט און זײַן הויז אין בת־ים האָב איך צום ערשטן מאָל באַזוכט בעת דער אַקאַדעמיע צו דער ערשטער יאָרצײַט.

צו דער אַקאַדעמיע האָט מיך מיטגענומען מײַן פֿרײַנד, דער העברעיִשער עסייִסט, פּעליעטאָניסט און פֿירנדיקער הסתדרות־ישער קולטור־טוער ישעיהו אַברך, װעלכער איז געװען פֿון די ערשטע מיטגלידער אינעם קוראַטאָריום פֿון בית שלום אַש. אַברך, װעלכער האָט אומגעהויער פֿיל אויפֿגעטון אין פּרט פֿון העלפֿן אײַנװאָרצלען זיך נײַע עולים — שרײַבערס, קינסטלערס, קולטור־טוערס — אינעם לעבן פֿון לאַנד (סײַ עקאָנאָמיש, סײַ געזעלשאַפֿטלעך), האָט מיך אומדערװאַרט פֿאַר מיר (פֿאַרנדיק צו דער אַקאַדעמיע) געפֿרעגט צי װאָלט איך מסכים געװען צו קאַנדידירן אויפֿן פּאָסטן פֿונעם לײטער פֿון בית שלום אַש, װאָס דאַרף בקרוב געשאַפֿן װערן? איך האָב אים דערצײלט אײניקע עפּיזאָדן פֿון מײַנע צוזאַמענטרעפֿן מיט שלום אַשן; געמאַכט אײניקע באַמערקונגען װעגן אַשס שאַפֿן, איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז כ׳װאָלט געװען אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט אויף דעם פּאָסטן. און ער האָט עס טאַקע פֿאָרגעשלאָגן מײַן קאַנדידאַטור דעם דעמלטיקן בירגער־מײסטער פֿון בת־ים, דעם איניציאַטאָר פֿון שלום אַשס באַזעצן זיך אין זײַן שטאָט און פֿונעם בית שלום אַש, דעם פֿאָרזיצער פֿון קוראַטאָריום, דוד בן־ארי. שפּעטער האָט ער פֿאַרטײדיקט מײַן

קאַנדידאַטור פאַר דער ערך־חברטע פון קוראַטאָריום, דער אלמנה פרוי מאַטילדאַ אַש (וועלכע האָט זיך געפונען אַ פּאַראַליזירטע ביי איר טאָכטער אין לאָנדאָן) און אַזוי בין איך — צו מיין גרויסער פרייד — פאַרבונדן געוואָרן טאָג־טעגלעך מיטן נאָמען שלום אַש; איך אָטעם כסדר מיט דער אַטמאָספער פון שלום אַשס היים, מיט דער ישראלדיקער אַטמאָספער פון זיין שאַפן. דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט — אין משך פון די שיינע עטלעכע יאָר זינט דער דערעפענונג פון הויז — אָפּצופרישן מיינע ידיעות וועגן די מיר שוין באַקאַנטע ווערק פון אַשן און באַקענען זיך מיט אַזעלכע, וועלכע איך האָב ביז דאַן נישט געקענט, זייענדיק קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר אָפּגעריסן פון די רייכסטע מקורות פונעם יידישן שאַפן, פון דער מערבדיקער וועלט.

ווייל אין מיינע יוגנט־יאָרן בין איך געווען גאָר היימיש מיטן שאַפן פון שלום אַשן, נאָכמער — אַש האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיין איבערגיין פון העברעיש־פּוילישקייט צו יידיש. נישט ער דירעקט, נייערט זיינע ווערק, וואָס זענען געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן מיך פאַרכאַפּט און וועלכע איך האָב באַוווּנדערט, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן צו לייענען יידישע ביכער. איך קאָן זיך היינט נישט אָפּגעבן קיין חשבון וואָס האָט מיך דאַן גענומען אין זיי — אפשר זייער מאַלערישקייט, זייער געזונטע ערדישקייט (איך אַליין האָב זיך דאַן געקליבן צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער), צי גאָר דער דינער הומאָר, וואָס אין זיי, אָדער — די פיל גרעבערע מענערישע פולבלוטיקייט.

כאָטש אייגנטלעך האָב איך זיך דאַן, אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, גאָר שטאַרק באַקענט מיט אַשס שאַפן — פון דער בינע. מיט אַשן דעם דראַמאַטיקער: „די יורשים", „דער לאַנדסמאַן", „יחוס", „פאַר אונדזער גלויבן", „גאָט פון נקמה", „מאָטקע גנב", — ווי אויך די קלענערע פּיעסן: „מיטן שטראָם" (געשפּילט אַ סך אין דראַמאַטישע קרייזן), „אמנון און תמר", (אויפגעפירט

פון מענדל עלקין ביי די „ווילנער", אָבער אָן אַ באַזונדערן דער־פאָלג). אַשס דראַמאַטורגיע איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער אין די בעסערע יידישע טעאַטערס און דראַמאַטישע קרייזן אין גאַנץ פּוילן, אָבער דער עיקר — אין וואַרשע. איך האָב אַפילו אָנגע־הויבן צו שרייבן טעאַטער־רעצענזיעס מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַשס אַ פּיעסע.

ס'דערמאַנט זיך שטאַרק מיין יוגנט־זינד פון דעם מין: אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער האָט שלום אַשס „מאָטקע גנב" געפּייערט דאַן טריומפן — ממש געוואָרן אַ צווייטער „דיבוק" פונעם שטאַנדפּונקט פון דערפאָלג. צו דער הונדערטסטער פאַר־שטעלונג איז אַראָפּגעקומען שלום אַש. די פּרעסע האָט געשריבן באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דער פאַרשטעלונג, וועגן אַשן. האָב איך (דאַן — נאָך נישט קיין גאַנצע 17 יאָר יונג) געהאַלטן פאַר נייטיק אַראָפּצורייסן די פאַרשטעלונג — אין אַ צעירי־ציוי־ניסטישער צייטשריפט. איך האָב געשריבן, אַז זי „כשרט שונד אונטער שלום אַשס נאָמען" — דווקא דערפאַר, ווייל מיין ברודער זיגמונט איז געווען (צוזאַמען מיט ש. לאַנדאַון) דער רעזשיסער פון דער פאַרשטעלונג. פאַר מיר, דעם נאַר וואָס צוריקגעקומענעם פון אַ חלוצים־פאַרם, איז די גאַנצע „הייזל"־טעמאַטיק — און דאָס זאַפטיקע פאַנאַנדערשפּילן (און איבערשפּילן) דאָס הייזל דורך די טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן — דאָס איז פאַר מיר געווען עקלדיק. דאָס האָט מיר פאַרשטעלט דעם סאָציאַלן תוכן און פּראָטעסט פון „מאָטקע גנב", די מאַמע־ליבשאַפט, די קערנדיקע שטעטל־געשטאַלטן — איך האָב בלויז געזען דאָס הייזלדיקע. נייערט שלום אַש האָט זיך אָפּנים ווייניק איבערגענומען מיט מיין קריטיק... ווען איך בין אים אַ קורצע צייט שפּעטער פאַרגעשטעלט געוואָרן, האָט ער אַפילו נישט געדענקט וועגן דעם, אַז כ'האָב „אַראָפּגעריסן" זיין מאָטקע (אָדער אפשר האָט ער אַפילו גאָר נישט געהאַט געלייענט די רעצענזיע...).

נייערט פון שלום אַשס שטעטל־אידיליע, שטעטל־פּאָעמע,

בין איך געווען באַצויבערט. און מיין ערשטע ליטעראַרישע אָפּ־האַנדלונג איז געווען וועגן „שטעטל".

אין וואַרשע האָט דאַן עקזיסטירט אַ ליטעראַרישער סעמי־נאַר ביי דער „קולטור־ליגע" און איך בין געווען אַ צוהערער פונעם סעמינאַר. דער לעקטאָר פון ידישער ליטעראַטור איז גע־ווען דער פּאָפּולערער קולטור־טוער און פּעדאַגאָג שלמה מענ־דעלסאָן, אַן אויסגעוואַקסענער אין דער פּרץ־סביבה און אַ גרוי־סער חסיד פון אַשס שאַפן (אַגב — אויך אַ פּערזענלעכער פריינד פון דער משפחה אַש. ער — און זיין ברודער מאיר און דער דריטער ברודער, וויגדער, — די גאַנצע מענדעלסאָן־משפחה). שלמה מענדלעסאָן האָט מיך געקענט נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, ער פלעגט אַרויפקומען צו אונדז אַהיים (געווען אַ גימנאַזיע־חבר פון מיין ברודער זיגמונט), האָט ער געהאַט צו מיר אַ באַזונדערס־וואַרעמע באַציונג. ער האָט עס אומבאַדינגט פאַרלאַנגט פון מיר כ'זאָל מיט זיין הילף אַרבעטן איבער „איינס פון די שענסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור", ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט וועגן אַשס „שטעטל". האָב איך עס געטון מיט גרויס התמדה און דאַן זוכה געווען צו גאָר פיינע קאָמפּלימענטן מצד שלמה מענדעלסאָנען. ער האָט אָנגערופן מיין סעמינאַר־אַרבעט „אַן ערנסטע קריטישע אָפּהאַנדלונג, וואָס ברענגט אָריגינעלע געדאַנקען וועגן דער דורותדיקער פּוילישקייט פון שלום אַשס יידן".

דער זכות דערפון איז מיר אָבער גאָר נישט בייגעשטאַנען אייניקע יאָר שפּעטער. כ'האָב דאַן געהאַט דעם כבוד (אָבער נישט קיין גרויס פאַרגעניגן) שאַרף קריטיקירט צו ווערן (בעל פה) פון שלום אַשן. ריכטיקער: קריטיקירט האָט ער סטעפאַן זשעראָמסקין, וועלכן איך האָב געהאַט איבערגעזעצט, נייערט אַריינגעכאַפּט האָב איך.

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ סקאַנדאַל, ווען ס'האָבן זיך באַ־וויזן אין דער פּרעסע די ערשטע ידיעות, אַז „בקרוב וועט דער־

שיינען סטעפאַן זשעראָמסקיס ראָמאַן" אין מיין אויטאָריזירטער איבערזעצונג. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן „ערב פרילינג". דער ידיש־פוילישער זשורנאַליסט בערנאַרד זינגער האָט דאַן — כ׳האָב נישט געקאָנט קיינמאָל דערגיין, וואָס האָט עס אַרויס־גערופן — אויפגעהויבן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן זשעראָמסקין. ב. זינגער האָט פאַרגעוואָרפן זשעראָמסקין, אַז ער איז אַן אַנטי־סעמיט און ווי אַ באַווייז האָט טאַקע געזאָלט דינען „ערב פרי־לינג", בעיקר — די פראַגמענטן, ווען זשעראָמסקי באַשרייבט דאָס יידישע וואַרשע. אין אַ סעריע אַרטיקלען אינעם וואַרשעווער „היינט" האָט בערנאַרד זינגער ממש געריסן פאַסן פון זשעראָמ־סקין און זיין לעצט ווערק.

שלום אַש איז מיט זשעראָמסקין געווען (ווי שוין באַוווּסט) באַקאַנט נאָך פון די יונגע יאָרן, פון קראָקע, זאַקאָפּאַנע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר זשעראָמסקיס אַ פריינד. ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז זשעראָמסקי האָט שטאַרק געהאַלטן פון שלום אַשס טאַלאַנט. שלום אַש אַליין פלעגט זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרערער פון זשעראָמסקיס טאַלאַנט און גערעדט וועגן אים מיט גרויס דרך־ארץ.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטי־זשעראָמסקי־קאַמפּאַניע פון בערנאַרד זינגער — און דווקא אין דער זעלבער צייטונג, וווּ שלום אַש האָט מיטגעאַרבעט — האָט אַש געהאַלטן פאַר נייטיק צו זאָגן זיין וואָרט. בערנאַרד זינגערס אַרטיקלען האָט ער געלייענט („ערב פרילינג" זשעראָמסקיס — נישט) און האָט אַפּנים געגלייבט זינגערן, געלאָזט זיך פון אים אַריינשלעפּן אין דער קאַמפּאַניע קעגן זשעראָמסקין. שלום אַש האָט דאַן בקול רם דערקלערט אין ליטעראַטן־פאַריין, אַז אויב זשעראָמסקי איז געוואָרן אַן אַנטיסע־מיט, וויל ער אים מער נישט קענען. „און דעם יינגל (געמיינט, פאַרשטייט זיך, מיך) וואָס נעמט זיך איבערזעצן אַנטיסעמיטישע ביכער, דאַרף מען געבן איבער די הענט".

איך ווייס טאַקע נישט, צי איך וואָלט דאַן נישט באַקומען

פעסט איבער די הענט (צי איבערן קאָפּ) ווען ס'נעמט זיך נישט אָן (זייער ענערגיש) מיין קריוודע ה. ד. נאָמבערג — וועלכער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַריין — אַשס חבר פון די יוגנט־יאָרן און אַ מענטש, וואָס האָט בכלל געהאַט אַן אומגעהויערן אויטאָריטעט אין די שרייבעריש־זשורנאַליסטישע קרייזן, ווי אויך אין די געזעלשאַפטלעכע. בין איך אַ דאַנק אים אַרויס אומבאַשעדיקט פון דעם שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער. נייערט אויף שלום אַשן האָב איך געטראָגן אַ שווער האַרץ (ווער שמועסט, אַז איניקע וואָכן שפּעטער האָב איך אַליין געזען, ווי שלום אַש האָט זיך גאָר האַרציק מיט גרויס דרך־ארץ באַגריסט מיט זשערעמסקין). אַזוי ווי איך האָב ביז דאַן געזוכט צו זיין וואָס נענטער אין זיין געזעלשאַפט, אויפצוכאַפּן זיינס אַ וואָרט, אַ בליק — און אַריינטייטשן אַ סך אין יעדן בליק — האָב איך זינט דאַן אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט שלום אַשן.

III.

וואַנדערונגען

אין דער אמתן איז מיר גאָר נישט אָנגעקומען שווער דאָס אויסמיידן זיך צו טרעפֿן מיט שלום אַשן. ס׳האָבן זיך גראָד אָנגעהויבן די יאָרן פֿון מיינע גרויסע, אָדער לאַנגדויערנדיקע וואַנדערונגען, וואַנדערונגען איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, בעיקר — איבער גאָר קליינע שטעטלעך, וווּ שלום אַש האָט זיכער נישט געהאַט קיין חשק צו קומען. און אויב ס׳האָט שוין יאָ געטראָפֿן אַ שטאָט, וווּ מ׳וואָלט זיך געקאָנט צונויפֿטרעפֿן, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די טעאַטערס, אין וועלכע כ׳האָב געאַרבעט, גוט אַכטונג געגעבן, כדי זיך נישט אָנצוטרעפֿן אויף אַ שלום אַש־אָוונט, ווייל דאָס וואָלט אָוועקגעהרגעט יעדע טעאַטער־אונטערנעמונג. דער רום פֿון שלום אַשן איז דאַן אַלץ מער געשטיגן און זיין יעדעס קומען אין אַ שטאָט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישן יום־טוב אין דער שטאָט. ווער שמועסט נאָך: אַן אַרויסטריט זיינער — די בילעטן זענען געוועזן אויספֿאַרקויפֿט מיט אַ צייט פֿריער. מ׳האָט שלום אַשן געטראָגן אויף די הענט, אָפּטמאָל טאַקע אין פֿולן זין פֿון וואָרט.

און אָט איז זומער 1931 — מיין ערשטער אַרויספֿאָר קיין אויסלאַנד. נאָך איניקע וואָכן אין בעלגיע האָב איך זיך אַרייבערגעשמוקלט קיין פּאַריז און אַ שיינע פּאָר וואָכן געמוזט זיך אַביסל אויסבאַהאַלטן אין פּאַריז, ביז איך האָב באַקומען אַ שטיקל לעגאַליזירונג דאָרט. געוועזן בין איך אַביסל אָנגעשראָקן, ווייל אויף דער פֿראַנצויזיש־בעלגישער גרענעץ האָט מען מיך געהאַט

פאַרהאַלטן און ווען נישט, וואָס ס׳איז גראָד געווען דער 14־טער יולי — דער טאָג פון פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן יום־טוב — און די גרענעץ־זשאַנדאַרן זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג (טאָקע דערפאַר איז דער טאָג אויך אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן אַריבערגיין די גרענעץ), וואָלט איך געקאָנט ליידן אַן עוולה. האָב איך טאָקע נישט געזוכט קיין געזעלשאַפט, אַפילו אויסגעמיטן צוזאַמענטרעפן מיט באַקאַנטע קינסטלערס און שרייבערס און שוין גאָר שטאַרק אויסגעמיטן נייע באַקאַנטשאַפטן. האָב איך שוין יאָ געטראָפן ערגעץ אַ באַקאַנטן, האָב איך זיך בלויז באַגריסט מיט אים פון דער ווייטנס און וואָס גיכער זיך געלאָזט אין מיין וועג.

מיין גרעסט פאַרגעניגן אין פאַריז איז דאָן געווען צו מאַכן שעהנלאַנג שפּאַצירן אַרום און אַרום די פאַריזער בולוואַרן. איך פלעג אַרויסמאַרשירן פון מיין ווינאַרט אין לאַטייניש קוואַרטל, דורך באַסטיל — צום פּלאַס דע לאַ רעפּיבליק און דורך דער אָפּערא, אַוועק צום מאָנפּאַרנאַס. דאָרט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ דרויסנדיק טישל פון אַ קאַפע און גערוט, געקוקט פאַר זיך אָן אַ ספּעציעלן ציל. כ׳האָב ליב געהאַט צו אָבסערווירן דעם פאַרבייגייענדיקן פאַרביקן עולם — אָן אַ שום באַשטימטן אינטע־רעס און כוונה, סתם אַזוי צו אָבסערווירן.

אַזוי זיצנדיק אַמאָל ביי אַ טישל אויפן מאָנפּאַרנאַס האָב איך פּלוצלינג דערזען שלום אַשן, וואָס איז געשטאַנען ביים קאַפע און געקוקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, אָדער זיך געוואָלט דערמאָנען. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך דאָן פאַרלוירן, כ׳האָב נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַנדלען. נאָך אין וואַרשע האָב איך געהערט, אַז שלום אַש האָט אַ טבע נישט צו דערקענען מענטשן, אַפילו נאָענטע חברים זיינע. אין ליטעראַטן־פאַריין האָט מען דערציילט אַנעקדאָטן, אַז ער האָט אָפטמאָל פאַרביטן סעגאַ־לאָוויטשן, וועלכן ער האָט שוין געקענט אַ צוויי צענדליק יאָר, מיטן ד״ר גליקסמאַן — זיין חבר פון די קינדער־יאָרן, אָדער



2/VIII 933

באהבה

באד גאסטין

שלו׳ם אַש מיט חיים נחמן ביאַליק — אויף אַ שפּאַציר אין באַד גאַסטיין, אין יאָר 1933

מיט קאַגאַנאָווסקין, וועלכן ער האָט זייער אָפּט גערופן קאַגאַ־נאָוויטש — אַ מין סינטעז צווישן זיין נאָמען און סעגאַלאָוויטשס. די שונאים פון שלום אַש (און אַזעלכע זענען שוין דאַן געווען גענוג), אָדער נישט פאַרגינערס, האָבן געטענהט, אַז דאָס טוט ער צוליב גאווה, כדי אונטערצושטרייכן, אַז ער געפינט זיך אין די עולמות העליונים, זיין מוח איז פאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן... גוט־ווינטשערס, פריינד, האָבן אים פאַרענטפערט, אַז ער איז באמת אַזוי צעשטרייט — בעיקר: ווען ער געפינט זיך אין טראַנס פון שרייבן אַ ניי ווערק. זיינע געדאַנקען זענען דאַן אויף אַן אמת נישט אין די ווענט פון ליטעראַטן־פאַריין און די מענטשן פון ליטעראַטן־פאַריין, נייערט אין דער וועלט, וואָס ווערט איצט פון אים איבערגעשאַפן, אָדער גאָר — אויף ניי געשאַפן אין זיין פאַנטאַזיע.

ווידער — נישט צו מאַכן זיך באַמערקן שלום אַשן, וואָלט געווען צופיל חוצפה פון מיין זייט. האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסצוהעלפן פון דעם שווערן פּלאָנטער דורך... אַ שאָקל מיטן קאָפּ פון דער ווייטנס. דאָס וועט זיין: נישט אָנגעוואָרפן זיך און נישט אַרויסגעדרייט זיך.

ווען איך האָב זיך אַזוי באַגריסט פון דער ווייטנס האָט שלום אַש פּלוצלינג אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע אויגן — עפּעס, ווי געפּרוווט זיך צו דערמאָנען, אָוועקשטעלן מיך אויף עפּעס אַן אָרט אין זיינע מוח־קעמערלעך. פּלוצלינג — גאַנץ אומדערוואַרט פאַר מיר — איז ער צו צו מיין טיש אָן צו זאָגן אַ וואָרט זיך אַוועקגעזעצט און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן אַן אויגנבליק. ווייזט אויס, אַז דורך דער צייט האָט ער זיך ערשט רעכט דערמאָנט ווער איך בין, ווייל ער האָט מיך געפרעגט, וואָס עס הערט זיך עפּעס גוטס ביי מיין ברודער מאַרק. מאַרק איז געווען אַ שטיקל בן־בית ביי אַשן, ווען די פאַמיליע אַש האָט געוווינט די פּאָר צווישנמלחמהדיקע

יאָרן אין וואַרשע און האָט אַפּנים מיך געמאַכט אַביסל נענטער פֿאַר מיין אומגעריכטן גאַסט.

נאָך דעם, ווי איך האָב אים בקיצור געענטפערט וועגן מאַרקן, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען רייד פון אים. ווי אַ געפּלעפּטער בין איך איבער אַ שעה צייט געזעסן ביי יענעם קאַפע־טישל און גע־הערט שלום אַשן. ס'איז געווען איינע פון די מאָדנעסטע און דער־הייבנדיקסטע איבערלעבונגען מיינע: זיצן פּנים אל פּנים מיט אַזאַ ריז פון דער יידישער ליטעראַטור, מיט אַזאַ אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט, אינטים צו שמועסן מיט אים, אָדער ריכטיקער — אויסהערן וואָס ער זאָגט מיר. ווייל איך האָב דאָך כמעט נישט גערעדט, בלויז פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ רעפּליק, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי כ'וואָלט אים וועלן געבן די געלעגנהייט צו כאַפּן דעם אָטעם. אים, אַשן, וועלכער האָט מיט געציילטע יאָרן צוריק אַזוי געשטורעמט קעגן מיר און פלוצלינג — האָט ער דערקענט „דאָס ייִנגל" פון דער וויטנס — און דווקא אין איינער פון די רוישנדיקסטע און ברויזנדיקסטע געגנטן פון פּאַריז, ווו עס כוואַליעט דורך אַ ים מיט מענטשן, ווי פאַרשידנ־אַרטיקע און פאַ־ישידנפאַרביקע פיש אין אַ ים. דווקא דאָ האָט מיך דערקענט שלום אַש אַליין און נאָך אָוועקגעזעצט זיך מיט מיר רעדן, אינטים רעדן!

וואָס האָט ער מיר אַלץ נישט אויסדערציילט אין יענעם שמועס? — וועגן זיין צוגרייט־אַרבעט צום „תהילים־ייִד" און וועגן דער פאַרענדיקטער טרילאָגיע; באַקלאָגט זיך אויף די פאַרלעגערס און רעדאַקטאָרן, וועלכע שטערן אים אין דער אַר־בעט מיט זייערע פאָדערונגען; אויף קאָלעגן־שרייבערס, וועלכע אינטריגירן קעגן אים, ווייל זיי פאַרגינען נישט זיינע דערפאָלגן. באַזונדערס — איצט, ווען ער ווערט איבערגעזעצט אויף ענגליש (דאַן האָבן אָנגעהויבן אין אַמעריקע צו דערשיינען זיינע ביכער, איבערגעזעצטע אויף ענגליש). שונאים האָט ער זיך געשאַפן פון רעכטס און לינקס, ווייל ער וויל זיך נישט פאַרבינדן מיט קיין

שום פּאַרטיי. „איך אָנערקען בלויז איין פּאַרטיי — דאָס יידישע פאָלק" — האָט ער אויסגערופן צו מיר מיט פּאַטאָס, ווי ער וואָלט גערעדט נישט ביי אַ קאַפע־טישל, נייערט פון אַ טריבונע, צו מאַסן. און פּלוצלינג האָט ער אַריינגעוואָרפן: „אויף מיין יובילייפייערונג אין וואַרשע זענט איר געווען?" (ניין, איך בין נישט געווען, כ׳בין דאַן נישט געווען אין וואַרשע). „אַ שאָד, דאָס איז געווען אַן אמתע פאָלקס־פייערונג". ער האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט פייער. מאָמענטנווייז האָט זיך מיר גאָר נישט געוואָלט צוגלייבן, אַז דאָס איז אַ וואָר: איך זיץ אין פּאַריז מיט דעם גרויסן שלום אַשן און ער רעדט צו מיר אַזוי! ניין, ס׳איז זיכער אַ חלום...

פּלוצלינג איז דער חלום צעריננען געוואָרן: גראָד אַזוי ווי ער האָט אומגעריכט פאַר מיר אָנגעהויבן דעם מאָדנע שמועס מיט מיר, אַזוי אומגעריכט האָט ער איבערגעריסן דאָס פליִצן פון רייד, פאַרקוקט זיך אין עפּעס אַ פּינטל און אָנגעהויבן צו שווייגן. איך ווידער האָב נישט געוואָלט שטערן זיין שווייגן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אַפּנים האָט ער שוין אויסגעלאָדן אַלץ, וואָס האָט אים געשוועדט אויפן האַרצן און — גענוג. אַזוי זענען מיר געזעסן שווייגנדיק אייניקע מינוט. פּלוצלינג האָט זיך שלום אַש געגעבן אַ ריס אויף פונעם אָרט, צוגעוואָרפן מיר „אַ גוטן" און מיט גיכע טריט אַוועק פון מיין טישל.

אין משך פון די חדשים, וואָס איך האָב דאַן געוווינט אין פּאַריז, האָב איך אים נאָך אייניקע מאָל באַגעגנט — דוכט זיך, אַז אַלעמאָל ווידער אויפן מאָנפּאַרנאַס — נייערט ער האָט זיך מער נישט אָפּגעשטעלט, נישט געשמועסט מיט מיר, בלויז געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. אָבער דאָס איינע מאָל — דאָס השתפכות הנפש זיינס — האָט ביי מיר אין האַרצן פולשטענדיק אָפּגעשוועכט דאָס געפיל פון פאַרביטערונג לגבי אים, וואָס האָט מיך געגנויעט עטלעכע יאָר. פאַרקערט — ס׳האָט נאָך מער געשטאַרקט די באַוווּנדערונג מיינע פאַר זיין פּערזענלעכקייט. סיי פאַר זיין טאַלאַנט, סיי פאַר זיין געשטאַלט, וואָס האָט תמיד גע־

צויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן — אַפילו אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע, אין דער „שטאָט פון ליכט", ווי ס'האָבן קיין זעלטענע געשטאַלטן און דערשיינונגען נישט געפעלט. דערצו נאָך אין יענע וואָכן, אין דעם יאָר פון דער קאָלאָניאַלער וועלט־אויסשטעלונג, וואָס האָט ערשט רעכט געצויגן צו די ליכטער פון דער שטאָט פאַרשידענע באַשעפענישן פון דער גאַנצער וועלט, פון פאַרשידענעם קאָליר, גרויס און פאַרנעם.

און זינט יענע צוזאַמענטרעפן אין פּאַריז האָב איך שוין מער שלום אַשן נישט געזען. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ווען ער איז געווען אין פּוילן, בין איך געווען אין אויסלאַנד, אָדער אַרומגעוואַנדערט איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. נייערט פון מיין וועג איז ער נאָך אַ שיינע פּאָר יאָר נישט אַראָפּ. אַ שטייגער: מיט דער מעשה פון זיין פּוילישן אָרדער, דער „קליינער מלחמה", וואָס האָט זיך ווידער צעפלאַקערט אַרום אַשן.

איך בין גראָד דאַן געווען אין לאָנדאָן — ס'איז געווען סוף 1932 — אָבער אויך אין לאָנדאָן האָט דער אָרדער־שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער געהאַט זיין שטאַרקן אָפּקלאַנג. אין דער יידישער פּרעסע — און דאַן זענען אין לאָנדאָן געווען צווי יידישע טאָג־צייטונגען, אַ חוץ דעם יוסטן ענגליש־יידישן וואָכנבלאַט „דזשואיש קראָניקל" — און נאָכמער: אין די „היימישע" שמועסן. היימישע שמועסן מיין איך דאָ די קיביצערייען פון שרייבערס, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, געזעלשאַפטלעכע טוערס. אין די רעדאַקציעס און אין די קאַפעען. גאָר שטאַרק — אינעם פּאָפּולערן האָטעל און רעסטאָראַן פון האַריס לאַנדאַו אויף וויטשעפּל, ווו איך האָב טאָקע געוווינט אויך.

די מערהייט קיביצערס האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן אַז אַש האָט נישט באַדאַרפט אָנצונעמען דעם אָרדער, אָדער — אַז ער דאַרף אים צוריקשיקן. „דאָס וואַרפן די אַנטיסעמיטן צו אַ ביינדל, כדי צו פאַרדעקן זייער אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק קעגן

די פוילישע יידן" — האָבן זיי געטענהט. געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אָפן געזאָגט: „פאַרוואָס דווקא שלום אַש? עפּעס מוז דאָך שטעקן אונטער דעם"... אַנדערע האָבן איבערגעחזרט די אַרגומענטן פון פוילישע נישט־פאַרגינערס: ס'איז אַשס חניפה. „מאַשעק"... האָבן דערמאָנט פּרצס טענות מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, אַז אַש „ווינקט צו דער גויאישער וועלט" א.אַז.וו.

איך האָב זיך דאַן געפונען אין אַ שווערער לאַגע: קיין צו שטאַרקע סימפּאַטיע צו דער דעמלטדיקער פוילישער פּילסודסקי־רעגירונג האָב איך נישט געהאַט; פאַרקערט גאָר (כ'בין אין יענעם יאָר אַוועק פון פוילן כמעט אומלעגאַל) דווקא יאָ. גע־ווּסט האָב איך, אַז שלום אַש האָט נישט איינמאָל — און צומאָל עפנטלעך — אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע און באַוווּנדערונג פאַר פּילסודסקין, ווי דעם נאַציאָנאַלן העלד פון באַפרייטן פוילן. פון דער צווייטער זייט אָבער איז מיר שטאַרק געלעגן אויפן האַרצן דער כבוד פון יידישן שאַפן אין פוילן, דער כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער שלום אַש איז געווען דער אַנערקענטער רעפּרעזענטאַנט. און נישט בלויז אין פוילן — אין דער גאַנצער וועלט, צי ס'האָט אימיצן געשמעקט, אָדער נישט. דערפאַר טאַקע האָב איך געהאַלטן, אַז די אויסצייכנונג פאַר אַשן דאַרף מען אָננעמען ווי אַן אַנערקענונג פאַר דער יידישער לי־טעראַטור — און דווקא פון אַ צד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין צו שטאַרקע סימפּאַטיע צו איר. דער אָפיצירן־אָרדער פון „פוילנס ווידערגעבורט", וואָס איז שלום אַשן צוגעטיילט געוואָרן ערב דעם יאָרטאָג פון פוילנס באַפרייונג (נאָוועמבער 1932) מעג זיך טאַקע האָבן זיינע פאַרבאָרגענע פּאָליטישע כוונות מצד דער פוילישער רעגירונג, נייערט זיין פאַקטישער אויסדרוק איז: אַנערקענונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר איר פירנדיקן שאַפער און רעפּרעזענטאַנט (אויפן דיפּלאָם פון אָרדער איז טאַקע בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז ער ווערט שלום אַשן דערטיילט „פאַר פאַרדינסטן אויפן פעלד פון דער ליטעראַטור", ווי ס'איז

מיר שפּעטער געלונגען פּעסטצושטעלן). איינער אַ לאַנדאַנער ייִדישער טוער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן „פּאַביאַ־ניסט". האָט באַוויליקט פּעסטצושטעלן: „עקסטרעמען קומען זיך צונויף. פּאַשיסטן (געמיינט אַשס סימפּאַטיעס צו פּילסודסקין) און קאָמוניסטן (געמיינט מיין ווייניקייט) געפינען ערגעץ־ווו אַ געמיינזאַמע שפּראַך".

איך פאַרצייכן דעם עפּיזאָד ווי אַ קוריאָז וואָס באַווייזט, ווי ווייט ס'איז דערגאַנגען די העצע קעגן שלום אַשן שוין אין יענע יאָרן — ווי ווייט געאָגראַפיש און... כוליגאַניש.

נאָך דעם עפּיזאָד זענען אַוועק איניקע יאָר פון מיינס אַן אָפּגעשוואַכטער פאַראינטערעסירונג מיט שלום אַשן. כ'האָב אַפילו זייער ווייניק געלייענט זיינע ווערק אין יענע יאָרן. קודם־כל — ווייל בדרך כלל האָב איך פיינט צו לייענען בעלעטריסטיק אין צייטונג־המשכים. חוץ דעם — אפשר צוליב מיינע וואַנדערונגען איבער פאַרשידענע לענדער אין יענע יאָרן — האָב איך אַ סך געלייענט דאַן פאַרשידנשפּראַכיקע ליטעראַטור, אין די שפּראַכן, וועלכע איך האָב נישקשהדיק געקענט און אַפילו אין שפּראַכן, וועלכע איך האָב גאָר שוואַך געקענט (אַ שטייגער — ענגליש, שפּעטער: טשעכיש). איך קאָן מיר שוין אַליין נישט קלאָר מאַכן די סיבה דערפון. אפשר איז עס טאַקע געוועזן אַ פּועל־יוצא פון דעם שטאַרקן דראַנג ביי מיר צו באַקענען זיך מיט אומבאַקאַנטע וועלטן, אויסדרוק־פאָרמען, קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען; און אפשר טאַקע — אַן אונטערבאַוווסטזיניק שטרעבן צו באַפרייען זיך פון „נאַציאָנאַליסטישע" השפּעות (אַ טענדענץ, וואָס האָט זיך געשטאַרקט דאַן אין די פּאָליטיש־אידעישע קרייזן, צו וועלכע איך האָב געהערט); און אַש איז אין יענע יאָרן — נאָך זיין באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד (און די סקאַנדאַלן דאָרט מיט די סאָוועטישע ייִדישע שרייבערס, זיין באַרימטער „יאַך פּאַף אָף אַך") און נאָך דער טרילאָגיע — אין אונדזערע אויגן אַנגעגאַנגען ווי דער פאָן־טרעגער פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם. כ'וויס בלויז, אַז

כ׳האָב כמעט גאָרנישט געלייענט פון אַשס נייע שאַפונגען, נישט קאָנענדיק איצט געני אויפקלערן די סיבות.

ערשט אין מיטן 1938, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי, איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט „דער תהילים־ייד״. דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיג־מונט טורקאָוו האָט זיך געטראָגן מיטן געדאַנק צו דראַמאַטיזירן דעם „תהילים־ייד״, צונויפגעשריבן זיך וועגן דעם מיט שלמה ראָזנבערגן (דעמלט — אַשס סעקרעטאַר אין פראַנקרייך. אגב — איניקע יאָר שפּעטער האָט מאָריס שוואַרץ טאַקע דראַמאַטיזירט דעם „תהילים־ייד״). איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן. ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייער אַש. אַריינלייענענדיק זיך אינעם בוך איז מיר פאַרשטענדלעך געוואָרן אַשס דעדיקאַציע פונעם בוך פאַר זיין פרוי („פאַר מאַדזשען — דעם פריינט פון מיין לעבן — דאָס בוך פון אונדזער לעבן, שלום״). כ׳האָב דערזען פאַר זיך — נאָך דעם „טויט־אורטייל״, „גאָטס געפאַנגענע״ אַ פאַרטיפטן און טיף־יידישן שלום אַש. כאָטש ס׳זענען נישט געבליבן פאַר מיר אומבאַמערקט די „קריסטלעכע״ עלעמענטן אינעם בוך, דאָס „פאַרגויאישן״ דעם „תהילים־ייד״; איך האָב געזען די דער־מאָנטע עלעמענטן שוין אין די ערשטע שאַפונגען פונעם שריי־בער, אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן און כ׳האָב געהאַלטן (איך בין אויך איצט איבערצייגט, אַז כ׳בין גערעכט געווען אין דעם פּרט), אַז דאָס איז אַ ווייטערדיקער פּרווו פון שלום אַשן צו אַנטוויקלען, אויסצוברייטערן און צו פאַרטיפן טעמעס (און מאָ־טיוון), וועלכע ער האָט סקיצירט אינעם באַגין פון זיין שאַפן. אין דער הינזיכט בין איך מסכים געווען מיט י. ראַפּאַפּאָרטן (כאָטש איך האָב פאַר זיך געמאַכט אַנדערע אויספירן, ווי ער), כ׳האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פון י. ראַפּאַפּאָרטס גאַלי־קע אָנפאַלן אויף שלום אַשן אין דער בונדישער „וואָכנשריפט״. ווי געזאָגט שוין בין איך אַ לענגערע צייט נישט געווען אין פּוילן און כ׳האָב זיך שוואַך פאַנאַנדערגעקליבן אין די שטימונגען און

צווישן־באַציונגען אין אונדזער סביבה. ערשט אַ חבר האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין בעת אַ לייכטן קיביץ־שמועס אין ליטעראַטן־פאַריין: „אַש איז דאָך ווידער געוואָרן אַן אָפענער ציוניסט. ער איז אַפילו אַ מיטגליד אין דער יידישער אַגענץ". מ'האָט מיר דערציילט וועגן אייניקע בולט־פּאָליטישע אַרויסטריטן פון שלום אַשן (אויף די שפּאַלטן פון „היינט", אין רעדעס) און דער עיקר: „דאָס געזאַנג פון טאָל" — אַ בוך, וואָס איז גראָד דאַן געהאַט דערשינען אין פּוילן. „לייען דיר איבער אויף טשיקאַוואָסט — האָט מיר געראָטן דער חבר — דאָס איז דאָך ממש ציוניסטישער סאָצרעאַליזם". רחמנא ליצלן. האָב איך טאַקע גענומען דאָס בוך צום לייענען און — איבערגעלייענט אין איין אָטעם. אַ וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. אין די חלוצים פון עמק האָב איך דערקענט, ווי לעבעדיקע, אייניקע מיינע חברים פון די חלוצים־פאַרמען; אין די איבערלעבונגען,ליידן, חלומות און געראַנגלען פון די עמק־פּיאָנערן, האָב איך דערפילט דעם אָטעם פון מיינע אייגענע שטורמישע יונגע יאָרן. אַ ויתרוצצו איז אין מיר פאָרגעקומען — צווישן מיין ראָמאַנטישן עבר פון די יונגע יאָרן און דער אידעישער איינשטעלונג פון די רייפע יאָרן. געזיגט האָט טאַקע די מוחדיקע אידעישע איינשטעלונג, גלייכצייטיק איז אָבער אויפגעקומען אַ פרישע דאַנקבאַרקייט צו שלום אַשן — פאַרן אויפוועקן די געפילן, וועלכע האָבן שוין אויסגעזען זיין פולשטענדיק אויסגעלעבט אין מיר. און וואָס איז דען ליטעראַטור — איר כוח און באַדייט — אויב נישט צו עמאָציאָנירן, עסטעטיש דערהייבנדיק צו אַנטפּלעקן נייע וועלטן פון דערקענטניש, אָדער צוריק אויפצוּוועקן די איינגעזונקענע אין פאַרגעסנקייט?

אַן ערך אַ יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די מלחמה. איך בין פון די חורבות און רויכן פון דער נאָכנישט פאַרלאָשענער מאָקאַברישער שריפה פונעם באָמבאַרדירטן וואַרשע, אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק און דאָרט זיך ווידער אָנגעהויבן צו בויען אַ היים.

דעם 1טן מאַי 1941 האָט דאָס ביאַליסטאָקער יידישע מלוכה־טעאַטער, אין וועלכן איך האָב געאַרבעט — פאַרביימאַרשירט מיט אַ גראַנדיעזן צוג פאַר דער טריבונע, ווו ס'זענען געשטאַנען די „גדולים", פּאַרטייאישע און אַלגעמיינע נאַטשאַלסטוואָ. פאַר מיר האָט מאַרשירט אברהם מאָרעווסקי, וועלכער האָט זיך געריסן צו טראָגן די רויטע פאָן, ווען מיר האָבן פאַרביימאַרשירט די טריבונע. ער האָט אויסגעזען כולו יום־טוב. זיין אימפּאָזאַנטע געשטאַלט האָט אַרויסגעשיינט פון אונדזער צוג. אָבער ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט — נאָך דער טריבונע — אויף אַ קורצן אָפּרו, האָט ער מיר אַ זאָג־געטון:

— דאָס איז אַלץ פּוץ, פייערווערק. אמתן סאָציאַליזם האָב איך איבערגעלעבט מיט דריי יאָר צוריק אין חיפה, אויפן הר הכרמל...

איך בין פאַרציטערט געוואָרן: די לופט האָט דאָרט אויך געהאַט אויערן... איך האָב קוים באַוויזן צו באַרואיקן מאָרעווסקין, צו פועלן ביי אים ער זאָל אויפהערן זיך פאַנאַנדערצוּשווימען אין די זכרונות וועגן זיין רייזע קיין ארץ־ישראל, דערצו נאָך אין אַן אָרט און סביבה, ווו נישט איינער וועט זיך געפינען, וואָס וועט זיין גרייט זיך מיט עפּעס צו פאַרדינען ביי נאַטשאַלסטוואָ.

און אין זיך האָב איך זיך געטראַכט: איך האָב דאָך אויך אַן ענלעך געפיל. ער, ווייל ער איז געווען אויפן כרמל; איך — ווייל כ'האָב געלייענט „דאָס געזאַנג פון טאָל".

דאָס איז געווען פון די געציילטע פאַלן, וואָס אַש איז דורך מיר דערמאָנט געוואָרן דורך די יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיין נאָמען איז דאָרט געווען אין יענע יאָרן טריף־פּסול לגמרי. אַפילו שפּעטער, ווען ער איז געווען דער פאָרזיצער פונעם אַמע־ריקאַנער שרייבער־קאָמיטעט צו הילף דעם ראַטן־פאַרבאַנד, גע־דרוקט זיך אין דער „מאָרגן־פרייהייט" — פאַר די מושלים איבערן יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד (די אַנאָנימע, וואָס זענען געזעסן אין די חדרי־חדרים און פון דאָרט דיריגירט און

רעגירט) איז דאָס געווען לחלוטין נישט וויכטיק. פאַרן דרויסן — דאָס הייסט: צוליב אויסערן־פּאָליטישע מלחמה־טעמים — מעג ער זיין געכשרט. אין לאַנד מוז ער בלייבן טריף־פסול.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביי דער לעצטער אָדליגע לגבי יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין דער העלפט זעכציקער יאָרן, איז שלום אַש דאָרט ווידער געכשרט געוואָרן — אויף אַלע אופנים. אַזוי איז צום אַכציקסטן געבוירן־יאָר זיינעם אין „סאָוועטיש היימלאַנד" — אין אַן אָפּטיילונג „נאָטיצן אַפּן קאַ־לענדאַר" — גאַנצע צוויי שפּאַלטן אָפּגעגעבן שלום אַשן. טאָקע מיט קריטישע באַמערקונגען, נייערט אָן זידלערייען און גראָבע אָנפאַלן. אָ שטייגער: „ניט געקוקט אַף די קאָמפּליצירטע ווידערשפּרוכן אין זיין וועלט־באַנעם, וואָס האָבן אים דערפירט צו פאַלשע אָפּשאַצונגען פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע פּראָ־צעסן אינעם 20־טן י. אָ. (די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אויפקום און אויפבוי פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט אד"גל [געמיינט דאָ זיכער די טרילאָגיע „פּעטערבורג—וואַרשע—מאָסקווע" — י.ט.ג.]) האָט ער אָנגעשריבן אייניקע פונדאַמענטאַלע קינסט־לערישע ווערק וועגן דעם לעבן פון די יידן אין פּוילן און אַמע־ריקע". פאַרשטייט זיך, אַז וועגן זיינע ארץ־ישראלדיקע ווערק איז גאָרנישט דערמאָנט(גראָד ווי נישט דערמאָנט, אַז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט אַש געוווינט אין ישראל), דאַקעגן ווערט „דער אַפּאָסטאָל" פאַרעכנט „צו שלום אַשס וויכטיקסטע ווערק" — כאָטש דאָס דאָזיקע בוך איז אין יידיש בכלל נישט דערשינען און אַוודאי אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נישט גע־לייענט געוואָרן.

אין דער נאָטיץ ווערט געזאָגט, אַז שלום אַש „האָט מיט־געווירקט דערצו, אַז די יידישע פּראָזע זאָל אַרויסגעפירט ווערן אויף דער אַרענע פון דער וועלט־ליטעראַטור", נייערט זי אַסעקורירט זיך גלייך מיט מאַקסים גאָרקין, „וועלכער האָט הויך געשאַצט שלום אַשן אַלס קינסטלער, האָט כמעט מיט

זעכציק יאָר צוריק אָנגעוויזן אויף די ווידערשפּרעכלעכע ליניעס אין זיין שאַפן; אָפּמערקנדיק אַשס „שטרעבונג צום אַלמענטש־לעכן" אין יענע ווערק זיינע, ווו ער „באַווייזט די יידן ניט בלויז אַלס מאַרטירער", האָט גאָרקי אין דער זעלבער צייט קריטי־קירט אַשן פאַר זיין „אַנטלויפן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט".

אַ יאָר שפּעטער איז אין דעם זעלבן „סאָוועטיש היימלאַנד" געווען געדרוקט אין המשכים אַ ראָמאַן פון אברהם קאַהאַן „פאַרברעכן און געוויסן", ווו ער פירט אַרויס שלום אַשן — צוזאַמען מיט ש. אַנסקי, — אויפן ביילים־פּראָצעס אין קיעוו.

דאָס זעלבע יאָר צייכנט זיך אויס מיט נאָך גאָר אַ וויכ־טיקן אַש־מאָמענט אין ראַטן־פאַרבאַנד: נאָך דרייסיק יאָר איז ווידער דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע שאַפונגען אין רוסיש: „ליודי אי באָגי" („מענטשן און געטער") — אַ בוך פון 423 זייטן, אין וועלכן ס'גייען אַריין 13 דערציילונגען פונעם שריי־בער און זיין ראָמאַן „די מוטער". פאַר די דערציילונגען קומט אָן אויספירלעכע הקדמה פון מ. ביעלענקי, וועלכער כשרט אויך לכתחילה אַשן מיט אַ ציטאַט פון גאָרקין: „לויט מיר נאָך איז ער דער באַגאַבטסטער פון די היינטיקע יידן־שריי־בערס" (פון גאָרקיס אַרכיוו) און שאַצט אין אַלגעמיין הויך אָפּ שלום אַשס שאַפן, נייערט — ער מיידט אויס צו דערמאָנען די ארץ־ישראלדיקע ווערק פונעם שרייבער, ווי אויך „מערי" און „דער וועג צו זיך", די פונדאַמענטאַלע טרילאָגיע (זיכער — צוליב איר קאָנטררעוואָלוציאָנערישקייט), „קידוש השם", דעם „תהילים־ייד" און ענלעכע פּסולע ווערק. אָבער די צענטע יאָר־צייט איז שוין אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרשוויגן געוואָרן. ס'איז יולי 1967!

נייערט דער לאַנגיעריקער סאָוויעטישער חרם אויף אַשן (ביז זיין „רעהאַביליטאַציע" אין דער אָדליגע), האָט נישט גע־קענט אין גאַנצן אָפּווישן זיין פּאָפּולערקייט ביי סאָוויעטישע

יידן (פון עלטערן דור, פֿאַרשטייט זיך). איך האָב זיך איבערצייגט וועגן דעם ביי צוויי עפּיזאָדן.

קורץ פֿאַר מיין צוריקפֿאָרן קיין פּוילן (אין יאָר 1946) האָט מיך איבעראַשט אין פֿרונזע, דער הויפּטשטאָט פֿון קירגיזיע, מיינער אַ פֿריינד, אַ באַקאַנטער מעדיקער. ריכטיקער — ער האָט מיך געשטעלט אין אַביסל אַן אומבאַקוועמער לאַגע. אין אַן אינטימען שמועס פֿאַרן געזעגנען זיך, האָט ער מיך אַ פֿרעג געטון: „אפשר קאָנט איר מיר עפּעס איבערלאָזן פֿון שלום אַשס ווערק?“. איך האָב אַפֿילו צו דעם מענטשן געהאַט דעם פֿולסטן צוטרוי, אָבער איך האָב באמת נישט געהאַט קיין שום „בורזשואַזע“ אויסגאַבע פֿון יידישע ביכער. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָוואָקאַציע פֿון זיין זייט (דאָס האָט אָפֿט געטראָפֿן אין יענע יאָרן און יענע מקומות), ווייל דער מענטש איז געווען מיט מיר פֿולשטענדיק אָפֿנהאַרציק. אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיר אַמאָל געוויזן פֿון זיין ביב־ליאָטעק — ווו ס'איז געווען פֿאַרפּאַקט אין אַ סך פּאַפּירן און פֿאַרשטעקט טיף הינטער גראָבע מעדיצינישע ביכער — אַ קליין תנכל און געזאָגט מיר מיט טרערן אין די אויגן: „דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געראַטעוועט פֿון מיין ברענענדיקער שטוב אין לענינגראַד“. וואָלט איך אים זיכער נישט געלייקנט, ווען איך האָב עפּעס פֿון אַשס ווערק. בייערט איך האָב אויף אַן אמת נישט געהאַט. איך האָב אים פֿאָרגע־שלאָגן ביכער פֿון סאָוויעטישע יידישע שרייבערס — ער האָט זיי אַלע געהאַט געלייענט און אַ טייל געהאַט אין זיין ביבליאָטעק. ער האָט אויך אַשס ווערק געהאַט געלייענט פֿאַר דער מלחמה — פֿון די סאָוויעטישע אויסגאַבעס, וואָס זענען געהאַט דערשינען ביז אַשס טריף ווערן דאָרט. דאָס איז געווען אַן אמתער יידי־שער מענטש און אַן אויפֿריכטיקער פֿריינד פֿון דער יידישער ליטעראַטור. און ער האָט זיך געבעטן: „איר וואָלט מיך מחיה געווען מיט אַשס אַ בוך. דאָס איז דאָך דאָס שענסטע פֿון דער

יידישער ליטעראַטור". און ווען איך האָב אים אויסגעפרעגט, וואָס ער האָט אַלץ געלייענט פון שלום אַשן, האָט ער מיר צווישן אַנדערן דערציילט:

— ווען איך בין געווען אין לעמבערג, נאָך אין פערציק־סטן יאָר, האָב איך ביי איינעם פון מיינע פּאַציענטן געפונען שלום אַשס „דאָס געזאַנג פון טאָל". פרעג איך אייך: האָט איר נאָך אַזאַ קינסטלערישׂ ווערק אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור?

איך בין אַפילו געווען טיף איבערציייגט — כ'האָב זיך שוין געפונען אונטערן שטאַרקן רושם פון דוד בערגעלסאָנס סטיל, נאַראַציע און פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען — אַז מעסטנ־דיק מיט ריין־קינסטלערישע קריטעריעס, איז דער דאָזיקער ייד פולשטענדיק נישט גערעכט. אָבער איך האָב פאַרשוויגן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז איין עלעמענט פון אַשס שאַפן האָט דאָ גובר געווען די גאַנצע סאָוויעטישע יידישע ליטעראַטור: דאָס לעבעדיק ארץ־ישראלדיקע אינעם „געזאַנג פון טאָל". מיין פריינד איז געווען אַ טיף־נאַציאָנאַלער ייד און קעגן דער ווירקונג פון אַשס ארץ־ישראלדיקייט אויף זיינע נאַציאָנאַלע עמאָ־ציעס — קעגן דעם האָב איך זיך נישט געפילט בכוח אַנטקעגנ־צושטעלן.

דער צווייטער עפּיזאָד איז שוין געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָרעספּאָנדענציעלער. אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע צייט נאָך סטאַלינס טויט — אַן ערך אַ יאָר — איז צו מיר געקומען אַ באַקאַנטער אין ווראָצלאַוו יידישער דאָקטאָר און געזעלשאַפט־לעכער טוער, ד"ר אַ. נ. און געבעטן אייניקע שלום אַשס ביי־כער (וועלכע זענען אויך אין פוילן דאַן נישט געווען צו קריגן). ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינער אַ פעטער, אַן אַלטער ייד, וואָס וווינט אין מאָסקווע, בעט זיך ביי אים רחמים ער זאָל אים שיקן אייניקע ווערק פון אַשן. דער ייד, אַ באַראַנאָוויטשער, האָט

געהאַט אין זיין ביבליאָטעק אַ שפּאָר ביסל ביכער פון שלום אַשן — ער איז געווען זיינער אַ גרויסער פאַרערער און חסיד — אָבער בעת די שוואַרצע טעג (און וויסטע נעכט) פון 1949, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער די גאַנצע ביבליאָטעק זיינע פאַרברענט (אגב: ד״ר א. נ. געפינט זיך שוין זינט אַ צען יאָר אין ישראל).

אָט אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע „צוזאַמענטרעפן" מיט שלום אַשן האָב איך געהאַט אויף מיינע וואַנדערונגען. דירעקטע און אומדירעקטע. צו די דירעקטע וואָלט איך נאָך פאַרעכנט מיין כוונה אויפצופירן אין נידערשלעזישן יידישן טעאַטער מיינע אַ באַאַרבעטונג פון שלום אַשס טראַגעדיע „אַ שנירל פּערל". נישט געקוקט אויף איר מעלאָדראַמאַטישקייט און מיסטישן שלייער, האָב איך געזען אין איר גרויסע סצענישע מעגלעכקייטן — מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ פאַרנעמיקן ספּעקטאַקל און טאַקע: אַ טיף־יידישן, נאָך וואָס עס האָבן אַזוי שטאַרק געבענקט די איבערבלייבענישן פון יידישן ישוב אין פּוילן, וועלכע האָבן זיך דאַן (אין 1948 יאָר) בעיקר געהאַט קאָנצענטרירט אין נידערשלעזיע. ס׳איז אָבער גאָרנישט געוואָרן דערפון: די ממונים איבער דער פּאָליטישער כשרות פונעם טעאַטער — די יידישע בלויז, ווייל קיין פּוילישע צענזור איז דאַן איבערן יידישן טעאַטער נישט געווען — האָבן נישט דערלאָזט אַזאַ נאַציאָנאַליסטיש ווערק, מיט משיחישע מאָטיוון און אויך אַקצענטן, וואָס וואָלטן געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אויסדרוקן פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען. און דאָס איז נאָך אַביסל צו פּריש געווען אינעם זכרון פון די פּוילישע יידן.

די פאַרשידענע צוזאַמענטרעפן מיט שלום אַשן און זיין שאַפן — אויף מיין וועג און אין מיינע וואַנדערונגען; די גרינטלעכע און ערנסטע אַרבעט איבער אַשס ווערק אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר — דאָס אַלץ האָט ביי מיר געשאַפן אַ בילד

פון אַשס דרך אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכן איך האַלט פאַר אַשס דרך אין דער יידישער אייביקייט.

ווי אַזוי האָב איך געזען די עטאַפּן פון דעם דאָזיקן דרך, וועל איך זיך באַמיען צו באַלייכטן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

IV

דעם שרייבערס וויג

די וויג — די מענטשלעכע און שרייבערישע וויג פון יעדן שאַפער — האָט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג אויף זיין גאַנצער אַנטוויקלונג. מעג די אַנטוויקלונג זיין אַ זיג־זאַגיקע, אַ פאַרפּלאָנטערטע, שלענגלען זיך איבער פאַרשידענע וועגן און שטעגן — עפּעס אַ פאָדעם וועט זיך צו איר ציען פון דער וויג, פון דער היים. און ווי עס זאָלן נישט האָבן אַוועק די דרכים פון שלום אַש — אידעיש, געאָגראַפיש — אומעטום וועט מען קאָנען געפינען דעם פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון זיין וויג, פון זיין היימשטעטל קוטנע.

די דרכים פון שלום אַשן זענען געווען לאַנג־שטחימדיקע. נישט בלויז צוליב זיין לאַנגיעריקן שאַפונג־וועג — קנאַפּע זעכציק יאָר אומאויפהערלעך, אינטענסיוו שאַפן — נייערט אויך צוליב דער פילזייטיקייט פון זיינע שאַפערישע פאַראינטערעסירונגען, דעם דיאַפּאַזאָן פון זיינע טעמאַטישע און היסטאָרישע פאַראינטערעסירונגען.

נישטאָ נאָך אַ שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור — און געציילטע בלויז אין דער וועלט־ליטעראַטור — וועמענס הויפּט־טעמע (געאָגראַפיש, היסטאָריש און אידעיש) מען זאָל קאָנען אַזוי פאַרשידנאַרטיק אויסטייטשן, „צושרייבן" אים אַזוי־פיל לענדער און תקופות. אַוודאי איז אין אַ געוויסער מאָס די סיבה דערפון געווען זיין פּרוכטיקייט — נישט איינמאָל האָבן אים דאָך געמוזט אויספעלן טעמעס אינעם היינט און אינעם

נאָענטן אָרום — נייערט נישט אין קיין קלענערער מאָס איז די סיבה געווען שלום אַשס שטרעבן צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות פונעם ידישן קיום; צו באַזינגען די שטראָמען, אין וועלכע ס׳האָט זיך געטובלט דער „נצח ישראל״ — די יידישע אייביקייט.

דער אייביקער אומרו — שלום אַש — האָט ביז זיין טיפער עלטער נישט געקאָנט זיך באַפרידיקן מיטן דערגרייכטן און געזוכט צו אַנטפּלעקן אַלץ נייע פּלאַסטן פון ידישן קיום.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. שוין דאַן האָט ער זיך נישט געוואָלט און נישט געלאָזט באַגרענעצן צו די ענגע ראַמען פונעם „שטעטל״ — אין ראָמאַנטיש־אידילישן פּלאַן, צי אַפילו אין די שפּעטערדיקע רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע צומאָל שילדערונגען; אַוודאי שוין נישט צום סענטימענטאַל־רחמנותדיקן טאָן פון זיינע ערשטע דערציילונגען, ווי „משהלע״. כאָטש אַפילו דאָ, אין די ערשטע פּרוּוון זיינע, פילט זיך דאָס בונטאַרישע פון אַשן, וועלכע רייסט זיך אַדורך דורך דעם שיטערן געוועב פון דער חדר־שילדערונג אין „משהלע״

„גאָט האָט אַלץ באַשאַפן. די גוטע הימלען, די זיסע נאַכט, די שיינע לבנה און די פריינטלעכע שטערנליכט. דער אייגענער גאָט האָט באַשאַפן גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן. און די שלעכטע מענטשן פּייניקט מען אויף יענער וועלט מיט כל מיני יסורים. און דער גאָט איז אַ גוטער — אַ זיסער גאָט״...
און ווייטער:

„אוי, ווען איך וואָלט געווען גאָט, — טראַכט ביי זיך משהלע און ווערט פאַרשעמט, — נאָר אין מינוט, מער נישט... איך וואָלט געמאַכט, אַז אַלע זאָלן זיין צדיקים, אַז אַלע זאָלן גוט זיין, אַז אַלע זאָלן פרום זיין. איך וואָלט גענומען די גוטסקייט, וואָס געפינט זיך אין הימל און צווישן מענטשן צעטיילט״.

און ס׳פאַרענדיקט זיך די דאָזיקע ערשטע געדרוקטע סקי־

צע פון שלום אַשן (אין „יוד", נומער 48, פון 29־טן נאָוועמבער 1900) מיט די ווערטער:

„וואָלט די גוטסקייט אין הימל צו ווינציק געווען, וואָלט איך דאָס ביסל, וואָס געפינט זיך אין מיין האַרץ צוגעלייגט"...

אין דער ערשטער דערציילונג, ווו אַש אַנטפּלעקט אין שריפט צום ערשטן מאָל זיין אינערלעכע וועלט, איז טאַקע פאַראַן דער אָטעם פון שטעטל — און פונעם חדר, דורך דער פּריזמע פון וועלכן דער שרייבער האָט נאָך אַ שפּאָר ביסל יאָרן געזען די וועלט און אירע אַנטפּלעקונגען — נייערט ס'איז שוין אויך פאַראַן דער אָנזאָג פון איינעם פון די וויכטיקסטע עלע־מענטן אין אַשס שאַפן בכלל: דער וויכוח מיט גאָט, דאָס שטרעבן צו גוטס און שלימות.

שלום אַש אַליין איז מודה (אין דער הקדמה צו דער ער־שטער נאָכמלחמהדיקער אויסגאַבע פון די „געזאַמלטע שריפטן", וואָס איז דערשינען אין פּוילן אין יאָר 1925): „פון יידישן שטעטל בין איך אַרויסגעקומען און אויף דעם וועג צום יידישן שטעטל בין איך געגאַנגען דורך דער גאַנצער צייט פון מיין שאַפן. האָבן מיינע טראַקטן געקאָנט זיין טראַקטן פון דער וועלט, נאָר ווו איך בין געגאַנגען און געקומען — אין די גרויסע שטעט פון דער אַלטער, צי אין די גרויסע שטעט פון דער נייער וועלט — אומעטום האָבן פאַר מיר געפינקלט ווי כישוף־פייערן, ווי וויזיאָנען, די נידעריקע דעכער פון די קרומע הייזלעך פון שטעטל, ווו די אָרעמקייט, די צניעות און די יידי־שע פרומקייט וווינט... ...אָט די פּערל פון שטעטל (די אינער־לעכע פרומקייט, די שוואַכע אָרעמע מענטשלעכקייט, וועלכע רייסט זיך צו העכערע און שענערע וועלטן), האָב איך געזוכט אויף דעם וועג פון מיין לעבן".

דאָס איז דער באַוויז, אַז דער שרייבער איז פאַרבליבן טריי זיין וויג, אַז זי האָט משפּיע געווען אויף זיין גאַנץ לעבן און גאַנצן שאַפערישן וועג. דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז

מ׳קאָן זיין שאַפן אַריינשטופּן אין אַ סדום־בעטל פון בלויז שטעטל, ווי ס׳האָבן עס געוואָלט אַ צאָל קריטיקערס. אַ שטייגער — י. ראַפּאַפּאָרט. ער רופט אָן אונדזער גרעסטן פּראָזאַיקער — מיט ליבע און באַגרענעצונג — „דער דיכטער פון שטעטל" (אינעם בוך: „שלום אַש ליטעראַרישע נצחונות און מפּלות"). ער איז מודה, אַז „אַש איז נאָכגעגאַנגען דעם יידישן שטעטל אויף זיין וועג אין דער וועלט, סיי קיין אַמעריקע („אַנקל מאָזעס"), סיי קיין ארץ־ישראל („דאָס געזאַנג פון טאָל"). אָבער דאָרט וווּ ער טרעפט דאָס אַלטע שטעטל, ווי אין „אַנקל מאָזעס", איז ער אָפט גוט און שטאַרק; אָבער דאָרט וווּ דאָס שטעטל ווערט טראַנספאָרמירט, ווי אין ארץ־ישראל ביי דער חלוצישער יוגנט, איז ער גאָר שוואַך".

ראַפּאַפּאָרט גיט זיך נישט די מי — אָדער וויל עס מיט אַ כיוון נישט — צו געפינען אַשס לאַנגיעריקע שאַפערישע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל, נייערט בלויז: די אָפּשפּיגלונג פונעם שטעטל אין אַשס ארץ־ישראל־טעמאַטיק. איז פאַרשטענדלעך, אַז די אָפּשפּיגלונג פונעם שטעטל אין דעם קיבוץ פון עמק, קומט ביי אים אַרויס „גאָר שוואַך". ער זוכט נישט דאָס אויטאָנאָם־ארץ־ישראלדיקע ביי אַשן (וואָס איז דאָך געווען אַזוי שטאַרק און בולט שוין אין די ערשטע יאָרן פון אַשס שאַפן) נייערט — ווידער און אָבער אַמאָל: דאָס שטעטל.

אויך איינער פון די צום מיינסטן באַגייסטערטע באַזינגערס פון שלום אַשס שאַפן, א. ח. ביאַליק, האַלט, אַז דער עיקר פאַרדינסט פונעם שרייבער איז די פאַרייביקונג פון „גלות פוילן". אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז ביאַליק, וועלכער איז ווייט נישט קיין ציוניסט (פאַרקערט — אַ מענטש פונעם עקסטרעם־לינקן פליגל אין אַמעריקע) גיט גלייכצייטיק אַ גאַנץ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פונעם „געזאַנג פון טאָל", פון די קינסטלערישע ווערטן פונעם ראָמאַן. בכלל פאָרמולירט ער שיין און מיט ליבשאַפט שלום אַשס גאַנצן שאַפערישן וועג, וועלכער „איז



שלום אַש מיט מאַקסים גאָרקי, ביים לענין־מאַוזאָליי אין מאָסקווע (1929)

געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, פון איין וועלט־טייל צום צווייטן און ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ טייל פון דעם גייסט און פון דעם לעבן פון די יידן איבער דער וועלט״. האָבן מיר שוין דאָ, ברוך השם, נישט בלויז דאָס שטעטל און נישט בלויז ״גלות פּוילן״, נייערט די גאַנצע יידישע וועלט. און לאָמיר צוגעבן פון זיך: אין אַלע דורות.

נאָך אַ גרויסער פריינד און פאַרערער פון שלום אַשן, ח. ש. קאַזשדאַן, שרייבט אין זיין עסיי ״פון ,שטעטל׳ — ביז ,יתגדל ויתקדש״ (אין דער עסייען־זאַמלונג ״שלום אַש״): ״אַש דער קינסטלער רעאַגירט יעדעס מאָל אויף די איבערלעבונגען און געשעענישן פון טאָג און זיי קומען צום אויסדרוק אין זיין שאַפן. רעוואָלוציע, אירע יידישע און נישט יידישע טוערס און פרעדיקערס, קאַמף פון יידישע פּאַרטייען צווישן זיך — זייערע אידעאָלאָגיעס, טאָג־לאָזונגען און רופן; פּאָגראָמען, שמד, אַסי־מילאַציע, מלחמה מיט אירע שרעקלעכע אומגליקן; ציוניזם, פּאַלעסטינע, חלוציזם — אַלץ איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דיכטערס שילדערונגען, פאַרייביקט געוואָרן לדורות״.

דוכט זיך אָבער, אַז צום גרינטלעכסטן און טרעפלעכסטן האָט כאַראַקטעריזירט שלום אַשן — פונעם באַגין אָן — זיין פריינדלעכער און פּיעטעטפולער באַגלייטער איבערן גאַנצן שאַפונג־וועג; אפשר דער עמאָציאָנעלסטער און עמאָציאָניזיר־טער יידישער קריטיקער פון שלום אַשס דור, ש. ניגער, ווען ער האָט אָנגערופן אַשן ״דער נביא פון דער ערד״. פון דער ערד — אין אַלע אירע דערשיינונגען און אויסדרוקן; פון דער ערד, אין וועלכער ס׳וואָרצלען טיף ביימער און מענטשן, נייערט איבער וועלכער ס׳איז אויך פאַראַן אַ הימל, אין וועלכן ס׳שוועבן מענטשלעכע חלומות און שטרעבונגען.

ש. ניגער האָט געזען — און מיט רעכט — אין שלום אַשן דעם פּאָעט אין פּראָזע, דעם ראָמאַנטישן באַזינגער — פון דער שטעטלדיקער אידיליע און האָט אים אָנגערופן ״ראָמאַנטיקער־

רעאַליסט". ער האָט געשריבן וועגן אים: „אַש איז כמעט דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס איז צוגעבונדן צום לעבן און איז אייינגעפלאַנצט אין דער ערד, ווי אַ בוים, וואָס וואַקסט".

ס'לאָזט זיך צוגעבן: אַשס ליבשאַפט צום לעבן — אין אַלע אַנטפּלעקונגען פון לעבן; אויך — אַשס גענייסערישקייט פון לעבן, וואָס פילט זיך אין זיינע ווערק, אין זיין שאַפערישן טעמפּעראַמענט און אימפּעט; די גענייסערישקייט פון אַלע שיינקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין לעבן — דאָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר שלום אַשן דעם עסטעט, דעם קינסטלער און דער קינסטלער־נאַטור.

פאַראַן קריטיקערס, וועלכע האָבן אויפגעוויזן פעלערן אין דער קאָנסטרוקציע — באַזונדערס אין אַשס ראָמאַנען; אַ געוויסע נישט פּרעציזקייט פון דער נאַראַציע, שפּראַך־נאַכלע־סיקייט. אויף דעם האָט נאָך ש. ניגער אומדירעקט געענטפערט אין די יונגע יאָרן פון אַשן, באַצייכנענדיק אים ווי דעם מאָלער אין דער יידישער ליטעראַטור: „אַשס נאַטירלעכער באַרוף איז נישט אַריינצולאָזן זיך אין חקירות, נישט פרעגן און נישט ענט־פערן, נאָר שטיין רואיק און קוקן מיט אַ שטילער אַנטציקט־קייט... און מאָלן און מאָלן און מאָלן".

אַש האָט אָבער דאָך געפרעגט און געענטפערט, געחקירעט זיך. באַזונדערס — וועגן עבר פונעם פאָלק, וועגן זיין אוראָפּ־שטאַם און זיין ארץ־ישראלדיקע פאַרבינדונג. די עלעמענטן האָבן מיר שוין אין די פריע אַש־שאַפונגען, אַפילו אין אַזאַ רייןֹ„גלותיסטיש" ווערק ווי „אַ שטעטל" — דאָס בוך, וואָס האָט דעם יונגן שלום אַש, אַרוסגערוקט אויפן אויבן־אָן פון דער יידישער ליטעראַטור, — געפינען מיר אַזאַ בילדל:

„און דענסמאָל איז אָנגעקומען דער ארץ־ישראל־ייד, נאָכן ארץ־ישראל־געלט, וואָס איז געווען אין די פושקעס, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די טירן ביי די מזוזות אין יעדן יידישן הויז,

און ווּהין יעדע מאַמע האָט צו ליכט־צינדן אַריינגעלייגט ,ליכט־געלט׳.

„ווי אַ שאָטן איז ער אָנגעקומען. אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ בלייך יום־כיפּורדיק פּנים און וואָס אין זיין הויכן גע־קנייטשטן שטערן איז געווען אַ טיפער סוד אויסגעגאָסן. דער סוד, פאַרוואָס מיר זענען אַזוי לאַנג אין גלות... דער סוד, ווען משיח וועט קומען... אַ ייד פון יענע יידן, וואָס מיר גלויבן, אַז זיי זענען ערגעץ־ווּ דאָ, נאָר מיר ווייסן נישט ווּ. אַ ייד פון יענע יידן, וואָס דערזעענדיק זיי, דערמאָנען מיר זיך אָן עפּעס... אַ פאַרבאָרגענע געטריישאַפט ווייעט אין אונדזערע הערצער און מיר פילן זיך, אַז מיר געהערן צו וועמען... אָן ארץ־ישראל־ייד אין אַ ווייסן, אַטלעסענעם כאַלאַט מיט לאַנגע שוואַרצע פּיאות״...

„...און די אַלטע יידן האָרכן אויס וואָס דער ארץ־ישראל־ייד דערציילט פון דער אַלטער מאַמען. יידן קוקן אויף אים. אין די קנייטשן פון זיין קאַפּאָטע האַלט זיך ארץ־ישראל שטויב אויף, דער שטויב, וואָס ווייעט איבער די הייליקע קברים, איבער דער מאַמע רחלס קבר. און דאָס האַלט אין זיך אויף אַ שטומען, ליבן סוד, פון ווייט... פון זיין פּעקל האָט ער שטיק־לעך קאַלך אַרויסגענומען, וואָס ער אַליין האָט אָפּגעקרישלט פון דעם כותל המערבי...״

פון זיין פּעקל נעמט ער אַרויס ערד. ערד פון דער מאַמע רחלס קבר. דאָרט געווען, אויפן וועג קיין אפרת, ווי עס שטייט אין חומש, ווו יעקב אבינו האָט אונדזער מאַמע רחל באַגראָבן, אויפן וועג קיין בית־לחם — פון קבר האָט ער ערד אַראָפּגע־נומען״...

און אַזוי ווייטער — אין זעלבן טאָן, אין זעלבן גייסט.

אָט האָבן מיר געפונען די גענעזע פון שלום אַשס פאַר־בינדונג מיט ארץ־ישראל, אַ פאַרבינדונג, וואָס באַגלייט אים פון חדר אָן, פונעם חומש, איבער דעם ארץ־ישראל פון דער

צווייטער עלייה, איבער „פּאַלעסטינע־א״י״ ביז צו דער מדינת ישראל. אינעם שטעטל, ווו די תּפילות פון בית־מדרש גיסן זיך ביי אים צונויף אין דער לופטן מיט די קלאַנגען פונעם קלויסטער; ווו די ווייסל רעדט צו אים יידיש און זי רוט שבתדיק, ווי די „גאַנצע וועלט רוט שבת״ — אין דעם שטעטל, אינעם חדר און אין בית־מדרש, האָט זיך אָנגעהויבן שלום אַשס עמאָציאָנעלע און גייסטיקע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל.

צום ארץ־ישראלדיקן אין שלום אַשס שאַפן וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער אומקערן. דאָ איז בלויז כדאי געווען צו באַמערקן, אַז שוין אין באַגין פון זיין שאַפן, ממש ביי דער וויג זיינער, איז דאָס ארץ־ישראלדיקע געווען, ווי דער שרייבער שילדערט עס אַליין אין זיינס אַן אויטאָביאָגראַפיע (צו זיין 50־טן געבוירן־טאָג: „ארץ חרן און ארץ כנען האָבן איך געזען פאַר זיך, ווי עפּעס אַ ווירקלעכקייט. דאָס טייכל, וואָס איז געפלאָסן פאַזע אונדזער הויז, האָב איך אָנגערופן ירדן און דאָס וואַלדיקע בערגל הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פונעם הויף, איז געווען פאַר מיר דער כרמל־באַרג. די ביבלישע אָבות זענען מיר געווען אַזוי נאָענט, אַז ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי כ׳וואָלט פערזענלעך געקענט יעקבן מיט זיינע צוועלף זין. דוד המלך האָב איך געזען אַ זינגענדיקן אין בית המקדש און כ׳האָב ממש געהערט, ווי ער זינגט דאָרט מיט די לויים זיין תהילים...״

דעם פראַגמענט פון דער אויטאָביאָגראַפיע הייבט אָן דער פופציק־יעריקער שלום אַש: „פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט דער תנ״ך פאַנאַנדערגעפלאַקערט מיין פאַנטאַזיע...״

די פאַנטאַזיע האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט נישט אויף קאַטאָוועס. זי האָט אים געוויזן בילדער פון דער און פון יענער וועלט, אַנטפּלעקט פאַר אים אויסטערלישע זעונגען און שפּיגרונגען. „איך בין אַ קינד פון האַרבסט״ — שרייבט דער דיכטער אין זיין פאַרצייכנונג „פרילינג״, וואָס קומט אַנשטאָט אַ הקדמה צום דריטן באַנד פון דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע

ווערק אין אַמעריקע („ערצעהלונגען"). „אין אַ האַרבסט־נאַכט ביי פעדער־פליקן איז מיין מאַמע איבער מיין וויגל געזעסן און מיר אַ ווינטער־מעשהלע דערציילט. דער זיידע ביים קין־פלאַ־קערל אויף דעם אויוון האָט דעם תנ"ך געלייענט. שוואַרץ האָט די נאַכט אין אונדזער פענצטערל געקוקט. אין דרויסן האָט דער ווינט געוויינט, אין די צווייגן פון די ביימער זיך אָנגעטשעפּעט: דאָס האָבן מחנות פאַרוואָגלטע נשמות פאַר אונדזער פענצטער דורכשפּאַצירט. פון גיהינום געטריבן אין כף־הקלע — געוואַנדלט האָבן זיי איבערן וועג, די צעפּ האָר פון די קעפּ געריסן, איבער זייערע עבירות וועגן..."

צי האָט אַזוי ווירקלעך אויסגעזען די אַטמאָספער אַרום שלום אַשס וויג, איז פאַרשטייט זיך שווער פעסטצושטעלן. נייערט וויכטיק איז דאָס, וואָס שלום אַש אַליין האָט אַזוי געזען די אַטמאָספער אַרום זיין וויג — און די „מאַמע איבער מיין וויגל".

אַביסל שפּעטער — וואָס האָט זיך צום שטאַרקסטן איינגע־קריצט אינעם זכרון פון יונגן שלום? דער שבת, דער שבת אין זייער רוישיקער, פילקינדערדיקער היים. „לויט ווי דער שבת איז אָפּגעהיט געוואָרן אין אונדזער הויז, מיט די ברענענדיקע ליכט אין די בלישטשענדיקע זילבערנע לייכטערס, האָט מיר דער שבת אויסגעזען נישט ווי אַ טאָג פון ערדישן לעבן, נאָר ווי איינער פון יענע טעג, וואָס וואַרטן אויף אונדז אויף יענער וועלט..." — שרייבט ער אין זיינער אַן אויטאָביאָגראַפיע.

דאָ געפינען מיר די גענעזע פון זיינע אומפאַרגלייכלעכע שבת־שילדערונגען אין „אַ שטעטל", אין „ר' שלמה נגיד" — אויב איר ווילט אַפילו: די שבת־שילדערונגען פון זיינע ארץ־ישראלדיקע רייזע־איינדרוקן אינעם בוך „ארץ־ישראל". און דער עיקר: אינעם „תהילים־ייד", באַזונדערס — דאָס קאַפּיטל „די וואָכעדיקע און די שבתדיקע מאַמע". דאָרט זעט ער, אַז „ווען די מאַמע פאַרדעקט זיך די אויגן מיט די הענט און בענטשט

ליכט, קומט אַ הייליקער מלאך אַרייַן אין איר שטוב און שפּרייט שכינה איבער איר פּנים, טיש און שטוב אויס, פּונקט אַזוי ווי גאָט איז צווישן די כּוהנים, ווען זיי דוכענען".

דאָס איז די השפּעה פון דער מאַמעס צד, אַזוי צו זאָגן. און פון טאַטנס צד: „...לעגענדעס וועגן פּאָטערס גרויסער מענטשנליבע און זיין צדקה־טון... דערביי האָט ער נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן ייד און קריסט... דורך זיין באַציונג צו אונדזערע אָרעמע קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן ביי אים געהאַט אַרבעט, האָב איך זיך פון דער פּריסטער יוגנט אָן איינ־געוווינט אין יעדער מענטשלעכער באַציונג נישט צו פילן קיין אונטערשיד צווישן יידן און קריסטן" — דערציילט ער אין זיין פריער דערמאָנטער אויטאָביאָגראַפיע.

ס'איז שוין אין אַ פריערדיק קאַפּיטל דערמאָנט געוואָרן וועגן דער צעשפּאָלטנקייט, דער „צעטיילונג", ווי אַש רופט עס אָן, אין זיין נשמה — פון די קינדער־יאָרן אָן. און אָט ווי אַזוי אַש באַמיט זיך (אין דער זעלבער אויטאָביאָגראַפיע) אויסצוטייטשן די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט: „מיין מאַמע קומט פון די זומפּיקע פעלדער אַרום קאַליש, דורך דעם זענען אירע אויגן אַזוי טרוי־מעריש און איר גייסט אַזוי אומרואיק און מעלאַנכאָליש. פון איר האָב איך געירשנט מיין אומרואיקייט און די פייכטקייט פון מיין נשמה קומט פון דער פייכטקייט פון די טאָרף־פעלדער... פון אַ פיל געזונטערער געגנט קומט מיין טאַטע — פון די געזונטע, טרוקענע, פרוכטבאַרע פעלדער פון גאָמבין. און ווען געצנדינעריש ווילד זענען די פעלדער, פון וועלכע מיין מוטער קומט, זענען דערפאַר די רויטע גערטנער, פון וועלכע מיין טאַטע קומט, פול מיט אמונה און ביטחון. דורך דעם די צעטיילונג פון מיין נשמה".

קאָן מען האָבן פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער וויסנשאַפט־לעך־פּסיכאָלאָגישער פּינקטלעכקייט פון אַזאַ אויסטייטשונג פון דער גייסטיקער און כאַראַקטער־פאָרמירונג פונעם קינסטלער (ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט אויפגעקומען אונטער דער

השפּעה פון דער אין יענע יאָרן זייער מאָדישער עסטעטישער טעאָריע פון היפּאָליט טען, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז סביבה און געאָגראַפישע מאָמענטן האָבן אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג פאַר דער אויספאָרמירונג פון אַ קינסטלער און קונסט־ווערק). מ׳קאָן אָבער בשום אופן נישט אָפּלייקענען ד קינסטלערישע קראַפט פון דער אויבן־געבראַכטער אָפּשטאַם־שילדערונג פון שלום אַשן. ס׳גיט אויף אַ קינסטלערישן אופן אַ באַרעכטיקונג פון זיין אומרואיקייט, צעשפּאָלטנקייט און ווידעראַנאַנדקייט מיטן אַרום.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישן מאָמענט דערפון ווילט זיך ציטירן אַ פראַגמענט פונעם קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש „מאָמענטן" (וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905). נאָכן שילדערן די בלוטיקע געשעענישן אין קוטנע, מאַניפעסטאַציעס און שיסערייען אין וואַרשע; די תליה אין פעסטונג און דאָס הענגען אַ רעוואָלו־ציאָנער; אַ געהיימע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מ׳פרעדיקט, אַז ס׳לוינט זיך מקריב צו זיין אַ געוויסע צאָל מענטשן, כדי דורכצופירן אַ מאַניפעסטאַציע, דערציילט אַש:

„איך פרעג אין דער שטיל מיין חבר אברהמען (אברהם רייזען — י.ט.ג.), אויב איך מעג זיך אָנרופן. אַ פּאָר ,גענעראַלן' האָבן מיך שטרענג אָנגעקוקט:

— חברים, — זאָג איך — יעדנס מענטשנס לעבן איז אַ היי־ליקטום פאַר זיך באַזונדער, אַ וועלט באַזונדער. מען טאָר נישט שפּילן זיך מיט יענעמס לעבן אויף צוועקן, מעג דער צוועק זיין ווי אַ הייליקער. איך האָב נאָר רשות אויף מיין אייגן לעבן און קיינמאָל נישט אויף יענעמס...

מען איז מיך באַפאַלן ווי מיט האָגל:

— מיר דאַרפן נישט קיין רחמנות.

און אפשר האָבן זיי רעכט.

זיי זענען וועגווייזערס, בויערס פון אַ נייער וועלט און יעדער איז נאָר אַ ציגל צו בויען די נייע וועלט. איך בין אַ צעבראָכע־

נער אָרעמער זינגער. איך זע אין יעדן מענטש, אין יעדן אינדי־ווידואום אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך אַליין...״

אַוודאי איז דער פראַגמענט שוין אַ היפּשער שפּאַן אַוועק פון שלום אַשס „וויג״ (כאָטש דער אָנהייב פון רעפּאָרטאַזש איז אין קוטנע), נייערט ער איז נישט אָפּגעריסן פון דער היים פונעם דיכטער; ער באַווייזט אונדז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון זיין גייסטיקער וועלט, פון זיין לעבנס־באַנעם און קינסטלערישע פאַר־אינטערעסירונגען. און די האָבן זיך געשלענגלט פון דער מאַמעס שויס; — דורכן חדר און אַלע דערקענטניש־וועלטן און ווערטן, וואָס זענען מיטן חדר פאַרבונדן; — אין דער ערדישקייט פונעם אָרומיקן לעבן: דאָס שטעטל, מיט זיינע פאַרשידענע אַנטפּלע־קונגען און פאַרבן, שפּעטער דאָס דאָרף (די נאַטור, פעלד, וואַלד); און הימלישע ספערן (די הימלישע חלומות פונעם שטעטלדיקן ייִדן — און צומאָל נישט ייִדן; די געטלעכע כוחות — גאָט, דער אומעטומיקער, שפּינאָזיסטישער גאָט, אויסגעקאָנצי־פּירט פון די נאַיווע שפּירונגען פון אַ חדר־, אָדער ישיבה־בחור); צו דער דרייאייניקייט פון ייִדישן געראַנגל פאַר נאַציאָנאַלן קיום — אין פאַרשידענע געשיכטלעכע עטאַפּן: קידוש השם, משיח־שטרעבונגען און גאולה־חלומות. די דאָזיקע דרייאייניקייט האָט שפּעטער באַקומען ביי שלום אַשן איר אַפּאָגיי אין דער אידעע פון שיבת־ציון, אין דער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל — פונעם אַמאָל און פון היינט; אין דעם „טאַלאַנט צו ארץ־ישראל״, ווי עס הייסט איינע פון זיינע דערציילונגען פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ טאַלאַנט, וועלכער האָט טיף געוואָרצלט אין שלום אַשן גופא, האָט אים אַ סך מאָל געצויגן צו קומען קיין ארץ־ישראל און איינזאַפּן אין זיך די לופט און ליכט פונעם לאַנד. לסוף אויך — ביי דער נעילה פון זיין לעבן — צום באַזעצן זיך, צום איינבירגערן זיך, אין דער מדינה ישראל.

V

מאַמע און חדר

אין דעם עסיי „ש. אַשס מוטער־קאָמפּלעקס" („פון די טיפעניש") גיט דער קריטיקער גרשון סאַפּאָזשניקאָוו אַ פּאַרטיפּטע, פרוידיסטישע אויפפּאַסונג פון דעם מאַמע־עלעמענט אין שלום אַשס שאַפן: „אויף שלום אַשס העלדן שוועבט נישט קיין שמייכל ווי אַ זכר פון זיסע מאַמישע ליפּן, אין זיי לעבט אָבער יאָ אַ טיפע נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער וואַרעמקייט פון מוטער־געפילן. אינסטינקטיוו איז זייער ליבע־באַגער פיקסירט אויף דעם מוטער־אימאַזש און אינטעלעקטועל איז זיין לעבן אַן אַרענע פון שווערן אינערלעכן קאַמף, וואָס דריקט זיך אויס אידעיש אין דער שטרעבונג צו עטישער שלימות און אוניווערסאַלער אחדות". דאָס איז אַ מין אַריינפיר צום עסיי, וועגן דער טרילאָגיע „פאַרן מבול". דער קריטיקער ציטירט זייער טרעפלעך אַ געדאַנק, וואָס ווערט געבוירן ביים סוף פון דער טרילאָגיע אינעם מוח פון זאַכאַרי מירקין, אַז אין דער נאַטור איז פאַראַן עפּעס העכערס פון „אָפּ־קלייב־געזעץ", דאָס איז „די מוטער־געטלעכקייט און איר טרייבנדיקע קראַפט איז די ליבע". און ער קומט צום אויספיר, דער קריטיקער: „אין גאַר ווייניק קינסטלערישע ווערק קומט אַזוי קלאָר צום אויסדרוק די לעזונג פון די אייגענע אינערלעכע קאָנפליקטן — פון די פרימיטיווע קאָמפּלעקסן — ווי אין דער טרילאָגיע פון שלום אַשן".

און אין עסיי „ש. אַשס שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור" (אין דעם זעלבן בוך), שרייבט סאַפּאָזשניקאָוו: „אין דער

נבואה און אין דער יידישער פאָלקס־פאָרשטעלונג גייט ענג געפּאָרט די אידעע פון אַלמענטשלעכער פאַרברידערונג מיט דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־האָפענונג. אַזאַ אידעישע איינשטעלונג ביי שלום אַשן וואָרצלט אין זיין עמאָציאָנעלן באָדן, אין דער אינטימער פאַרבינדונג מיט דעם מוטער־אימאַזש...״

ג. סאָפּאָזשניקאָוו איז נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער יידישער קריטיקער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויפן מוטער־קאָמפּלעקס, ווי אַ טרייבקראַפט אין אַשס שאַפן. קיינער האָט עס אָבער נישט געטון אַזוי גרינטלעך און פאַרטיפט, ווי ער.

ביי שלום אַשן איז דער באַגריף „מאַמע״ נישט בלויז זיין מאַמע, די טיפּיש־יידישע מאַמע; אַפילו ביי די פּויערישע מאַמעס זיינע איז פאַראַן אַ יידישער ניצוץ. נאָכמער — „דאָס יידישע פאָלק האָט אַ מאַמע — די מוטער רחל, וואָס וויינט אויף אירע קינדער״ — ווי שלום אַש שרייבט אין זיינע ערשטע ארץ־ישראל־איינדרוקן (אינעם בוך „ארץ ישראל״). ובכן — אַ פאָלקס־מאַמע, אַ מין קאָסמישע יידישע מאַמע. די דאָזיקע ברייט־כוואַליעדיקע מאַמישקייט וואַקסט אויס ביי אים צו אַ קאָמפּלעקס, וואָס שטאַמט פון זיין ליבשאַפט, זיינע בענקשאַפטן און זיינע חלומות וועגן מוטער־וואַרעמקייט, וועגן זיין מאַמען.

ס׳ווילט זיך דאָ דערמאָנען אַ קוריאָזן עפּיזאָד: בעת דער גרויסער יובליי־אַקאַדעמיע צו די 50 יאָר פון שלום אַשן, אינעם וואַרשעווער „נאָוואָשטשי״־טעאַטער, נאָך אַלע באַגריסונג־ און אָפּשאַצונג־רעדעס, האָט גענומען דאָס וואָרט דער בעל־יובל אַליין. אומגעריכט פאַר אַלעמען — און אפשר טאָקע פאַר אים אַליין אויך — האָט ער זיין רעדע אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיק קול, פאָדערנדיק פון עולם, מ׳זאָל אָפּגעבן כבוד זיין אַלטער מאַמען, „וועלכע זיצט דאָרט, אין דער ערשטער ריי״. דער דאָזיקער עפּיזאָד איז אומגעהויער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אימפּולסיווקייט פון שלום אַשן, פאַר זיין וווּלקאַנישער אויסברעכערישקייט, סטיכישקייט און גלייכצייטיק — מאַמע־קולט.

„מאַמע" — איז געוואָרן אַ צענטראַלער עלעמענט פון שלום אַשס שאַפן טאַקע אין באַגין פון זיין שאַפן, אָבער ס'האָט אָנגעהאַלטן אויך ביז זיין פולסטער רייפקייט.

זיין אייגענע מאַמע, וועלכע ער זעט אומעטום, אַפילו אין די טרערן פון אַ פויערישער מאַמען. אין דעם ציטירטן אין פריערדיקן קאַפּיטל קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש „מאָמענטן פון די פרייהייטס־טעג", שילדערט שלום אַש די לוויה פון אַ 14־יעריק פויעריש יינגל, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין 1905 בעת אַ דעמאָנסטראַציע. דאָס קלאָגן פון דעם יינגלס מוטער באַשרייבט שלום אַש מיט פשטות און גערירטקייט; ער ווערט אַזוי פאַרזענלעך אַריינגעצויגן אין דער טראַגעדיע, אַז ס'שווימט פאַר אים אַרויס זיין אייגענע מאַמע, וועלכע איז דאַן געווען ווייט פון אים.

ס'קלאָגט די פויערטע:

„ווי וועל איך קוקן אויף זיין געדעקט בעט? (— איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין מאַמע: זי איז אין אַמעריקע — איך בין דאָ...) אַך, גאָט, ווי שיין איז דיין וועלט און וויפל צרות געפינט זיך אין דיין וועלט"...

ס'ווילט זיך מאַכן אַ שפּאַציר איבער די ערשטע „בילדער און דערציילונגען" פון שלום אַשן — אין דעם ערשטן בוך זיינעם „אין אַ שלעכטער צייט" (דערשינען אין 1903) — די מאַמעמאָטיוון, מאַמע־דערמאָנונגען און מאַמע־בענקענישן פון שלום אַשן אין דעם דאָזיקן בוך.

שוין אין דער דערציילונג „איבער דער גרענעץ", שילדערט ער ווי אַ מאַמע וואַשט לכבוד שבת די קינדערלעך ביים ברעג טייך. און גלייך נאָך דעם „און נאַקעטע בני יעקבלעך, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין גלות־קינדער (נישט) געווען, אין די אַרבעכנפותלעך, באָדן זיך און האָדעווען זיך אין וואַסער, ווי אמתע קינדער אויף דער שויס פון אַ מאַמע". און אַזוי כסדר ווערט אין דער קורצער דערציילונג נאָך אַ צען מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט „מאַמע" אין פאַרשידענע אַספּעקטן.

אין דער צווייטער דערציילונג „אַ ברוגז״ איז כמעט ביים אָנהייב פאַראַן אַביסל מעדיטאַציעס וועגן טויט פון אַ מאַמען און „געדאַכט האָט זיך מיר דענסמאָל, אַזוי ווי מיין אייגענע מאַמע וואָלט אויף מיר רחמנות געקריגן און מיט גרויס דערבאַרעמדי־קייט נעמט זי מיין קאָפּ אַרום און גלעט מיך אַזוי ווייך מיט איר האַנט אויף מיין באַק און זאָגט צו מיר מיט אַ גוט, דערבאַרעמדיק געלעכטערל:

— נאַרעלע, ווער וויל דאָס האָבן, אַז זיין מאַמע זאָל שטאַרבן? ווער?...״

און ווען אין דרויסן איז רעגנדיק און בלאָטיק, דוכט זיך שלומען (וועלכער איז אַוועק צו קרובים אין דאָרף אַריין), אַז „די גאַנצע וועלט, אַט דאָס אַלץ וואָס איז אַרום, איז ברוגז אויף דער וועלטס מאַמען...״

אין דער דערציילונג „אויף דעם וועג קיין שעמענעץ״ איז אַלץ „איינגעוואַקסן, איינגעוואָרצלט אין דער ערד, נאָר איך אַליין קריך אַרום, עפּעס ווי איך וואָלט מיך פון דער ערד אָפּגעריסן, אין דער וועלט זיך געלאָזט. איך האָב מיין מאַמען פאַרלאָזט, מיין טאַטן אַוועקגעוואָרפן און ווי אַ יתום דריי איך מיך אַליין אַרום, זוכנדיק ערגעץ אַ מקום מנוחה...״ און שפּעטער: „...דער הימל טרוקנט די ערד מיט ליכטיקער ליבשאַפט, ווי אַ מאַמע ווישט אָפּ די בעקלעך פון אַ פאַרוויינט קינד...״

„אַ געגט פאַרפאַלק״ — איז די גאַנצקייט אויפגעבויט אויף דער פּאַינטע פון צונויפפירן דעם אָפּגעפרעמדטן טאַטן — מיט די קינדערס מאַמע, מיט דער „מאַמעשי״, — מיט זיין געגט ווייב. און אויב אין „מחלוקת אין קאַרטשעוו״ האָט ער נישט קיין שום אָנרעגונג אַרוסצופירן אַ מאַמע־געשטאַלט, דערשיינט זי אין אַ העברעישן אויסדרוק אין דער שילדערונג פון שטעטל: „אונטן, אין דעם טאָל, אויף אַ קליינעם פּלאַץ, האַרט ביי אַ וואַסערל פון איין זייט, האַרט ביי אַ וועלדל פון דער צווייטער זייט, זענען צע־שאָטן איינצלנע הייזלעך, די דעכער זענען איינס צוגענייט צום

צווייטן — דאָס איז דאָס שטעטל קאַרטשעוו, אַן עיר ואם בישראל". אין „תשעה באב" דערציילט די רביצין פאַר די ידענעס, וואָס קומען זיך צונויף ביי איר, וועגן דעם סימבאָל פון אַ העלדישער ידישער מאַמען — „די מעשה פון חנהן מיט אירע זיבן זין". אין „אַ בית המדרשל" — אַ בילדל פון דעם „עיר המקלטל" אינעם שטעטל, וואָס איז אַ הויז „פאַר אַלע ידישע קינדערלעך" — זענען „זיינע אָרעמע שוואַרצע פיר ווענט דיר זייער היימיש, זיין שוואַרצער, פאַרויכערטער באַלקן זעט דיר אויס, ווי דער באַלקן פון דיין מאַמעס שטיבל..."

די דערציילונג „ביי אַ פרעמדן טייך", וועלכע איז אין גאַנצן אַ חלום וועגן „ציון", וועגן ארץ־ישראל, איז פאַרשטענדלעך, אַז „דאָס איז דער וועג קיין בית לחם, אָט שטייט אַ קבר, דער מאַמע רחלס קבר".

אין דעם ציקל „אַ שבת אין אַ שטעטל" — וואָס איז אייגנט־לעך: סקיצירטע פראַגמענטן פון דעם שפּעטערדיקן מייסטער־ווערק „אַ שטעטל" — גייט אַ ייִנגעלע און „האַלט אין דער האַנט דער מאַמעס סידור מיט נאָך עפּעס אַ ספרל, איינגעוויקלט אין אַ נאָז־טיכל, דערנאָך גייט זי אַליין..." און אויפן שפּאַציר גייען „משהלעך, שלמהלעך" און „האַלטן זיך אָן ביי דער מאַמעס הענט". אין „אַ פשוטע מעשה" איז טאַקע די צענטראַלע געשטאַלט פאַר דער אויסלאַדונג פון פייגעלעס געפילן דער קראַנקער טאַטע, ר' יעקב, אָבער דאָס געלט פון נדן, פונעם פּאָסט־ביכל, נעמט פייגעלע אַרויס כדי צו טראָגן פאַר דער מוטער אַהיים.

די זאַמלונג „אין אַ שלעכטער צייט" ענדיקט זיך מיט אַ דערציילונג „געווידמעטע מאַטילדען" — וועלכע איז שוין דאַן געווען די מוזע פונעם יונגן שלום אַש, הייסט די דערציילונג „אויך אַ מאַמע". איז עס אין לויבגעזאַנג פאַר דער ידישער מאַמישקייט פון דער אָרעמער אלמנה טויבען, וועלכע שיקט אַוועק איר געראָטן יצחקל לערנען אין אַ ישיבה. איר חלום איז: יצחקל זאָל ווערן אַ רב. ווי דער חלום פון שלומס מאַמען...

שלום און מאַטילדאַ אַש אין יאָר 1903

אַזוי זעען מיר ווי ס׳גייט אַדורך דורך יעדער דערציילונג און יעדן בילדל אין דעם ערשטלינג־בוך פון שלום אַש דער מאַמע־מאָטיוו — באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק, אין דער האַנדלונג, מעטאַפאַר, אָדער בילד.

דאָס הייסט נישט, אַז שלום אַש האַלט אין איין אידעאַליזירן מאַמע־געשטאַלטן. ער זעט די מאַמע — די יידישע און נישט בלויז די יידישע — פון פאַרשידענע אַספּעקטן. אין די דערציי־לונגען „אַ היים" און „די מאַמע מיט דער טאָכטער", זענען עס בייזע, שעלטנדיקע מאַמעס. אין דער דערציילונג „ערד", זענען אפשר דער מאַמע־ פּויערטעס געפילן צו איר פאַרזעעניש, דעם „שד" — גיכער חיהשע מוטער־אינסטינקטן. דאָ איז זיך טאַקע כדאי אָפּצושטעלן אויף אַ שטאַרקן איבערברוך אין אַשס שעפע־רישן וועג נאָך די ערשטע פינף יאָר פון זיין שאַפן, נאָך זיין ער־שטער אויסלענדישער רייזע (קיין קראָקע און זאַקאָפּאַנע) און דער עיקר — נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

ש. ניגער האָט די תקופה פון 1900—1904 אָנגערופן „דע־ביוט און ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון". ער שרייבט: „זיין יוגנט־לעך שאַפן איז געווען פול מיטן אומעט פון זיין לעבן אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. אָבער וואָס לענגער ער האָט פאַרבראַכט אין דער גרויסשטאָט, אַלץ ליכטיקער און אַלץ באַדייטפולער ווערט אין די אויגן פון זיין האַלב ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע דאָס בילד פונעם פּויליש־יידישן שטעטל, ווו ער איז אויסגעוואַקסן. און אייניקע בלעטלעך ווייטער: „די אידילישקייט פון אַשס שאַפן האָט זיך שפּעטער אויסגעוועבט; דאָס פאַמיליע־געמיט איז, אַזוי ווי די יאַ־זאָגעריי, די ,אמונה און בטחון׳, געבליבן אַ פּערמאַ־נענטער שטריך פון ריין קינסטלערישן כאַראַקטער און דאָס איז דער צווייטער אויפטו פון ,שטעטל׳: ס׳איז געווען אַן אָנזאָג אויפן געמיט פון משפּחהדיקייט, דעם גייסט פון מוטערשאַפט, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין אַשס דערציילונגען און ראָמאַ־נען..." און ש. ניגער פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל: „אַש האָט אי־

בערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון דער וואָרט־קונסט די אויפ־געוואַכטע ענערגיע און דעם פאַרשטאַרקטן גלויבן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיין געהויבענער און מונטערער טאָן איז פאַר דער ליטעראַטור געווען דאָס, וואָס דער גלויבן אין סאָציאַלער גערעכטיקייט און אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג איז געווען פאַר די פאָלקסמאַסן און דער פאָלקס־אינטעליגענץ". ש. ניגער שטעלט זיך טאַקע אויך אָפּ אויף דער באַדייטונג פאַרן יונגן שלום אַשס שאַפן, וואָס עס האָט געהאַט זיין רייזע קיין קראָקע, זיינע פאַרבינדונגען מיט די גרויסע פּוילישע שרייבערס און קינסטלערס פון יענער צייט (זשעראָמסקי, ריימאָנט, וויטקע־וויטש), נייערט ער באַטראַכט עס דער עיקר ווי אַן אויסברייטע־רונג פון אַשס שאַפערישן דיאַפּאַזאָן — זיין איבערגאַנג צו דער דראַמאַטורגישער פאָרם אַ שטייגער. ניגער זעט טאַקע, אַז „דאָס בילד וואָס ער האָט אויסגעמאָלט אין ,שטעטל' איז דאָס אידעאַ־ליזירטע בילד פון האַלב־מיטלעלטערלעכן לעבן און דערפאַר נאָך האַלב־פּאַטריאַרכאַליש און כמעט אין גאַנצן פריי פון ערנסטע סאָציאַלע און גייסטיקע קאָנפליקטן. אַנדערש איז די פאַמיליען־דראַמע וואָס הייסט „משיחס צייטן". וויטער גייט אָבער נישט ש. ניגער (אין דער פריער דערמאָנטער גרעסערער אַרבעט וועגן שלום אַשן) צום אַנאַליזירן דעם איבערברוך אין שלום אַשס סאָ־ציאַלן באַנעם — אייגנטלעך: דעם אויפקום פון סאָציאַלן באַנעם ביים שרייבער — ווי אַ פּועל־יוצא פון דער רעוואָלוציע פון 1905 (אָדער פון איר דורכפאַל).

בולט קומט אָבער דער איבערברוך צום אויסדרוק ביי שלום אַשן אין דעם קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש (דעם ציטירטן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך) „מאָמענטן פון די פרייהייטס־טעג". דאָרט קאָנען מיר געפינען דעם וועגווייזער פונעם איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען ביים ליריקער, דעם באַזינגער פון דער שטעטל־דיקער אידיליע, דעם ראָמאַנטיקער אַש — צו דעם רעאַליסט, וועלכער זעט אויך שאָטן־זייטן אין לעבן, זעט דעם סאָציאַלן

געראַנגל, עוולות, פּיין און בלוט. דאַן ווערט טאַקע געבוירן דער „ראָמאַנטיקער־רעאַליסט", זוי ניגער האָט אים אָנגערופן. און אַזאַ בלייבט ער שוין ביזן סוף פון זיין שאַפן מיט זיין גאַנצער אייגנאַרטיקייט פון דער ווירקונג פון שטימונגען אויף אים און זיין שרייבן. אונטער דער ווירקונג פון אַ שטימונג נעמט אַמאָל די אויבערהאַנט דער ראָמאַנטיקער, אַן אַנדער מאָל דער רעאַליסט. אַפילו אין דער זעלבער צייט, צומאָל אין דעם זעלבן ווערק נישט איינמאָל אַפילו אין דעם זעלבן קאַפּיטל, אָדער זייטל. אַוודאי איז עס נישט קיין סימן פון איינהייטלעכקייט און קאָנסעקווענטער סטיל־קאָנסטרוקציע פון זיין ווערק. אָבער — ווי האָט עס ריכ־טיק ניגער באַמערקט נאָך אין די ערשטע יאָרן פון אַשס שאַפן — ער האָט געמאָלן זיינע דערציילונגען, אַפילו די ראָמאַנען, נישט געבויט זיי (אויך די דראַמעס, וואָס זייער גרעסטער פעלער איז געווען מאַנגל פון דראַמאַטישער קאָנסטרוקציע). דאָס איז גע־ווען זיין אייגנאַרט, דאָס איז געווען די אַשישע קינסטלערישע האַנטשריפט אין דער ליטעראַטור.

דער אויבנדערמאָנטער איבערברוך אין אַשס וועלט־באַנעם, דער איבערגאַנג צו רעאַליזם (אָפּטמאָל אַפילו: מיט נאַטוראַליס־טישע אַקצענטן), שפּיגלט זיך אָפּ אין די מאַמע־מאָטיוון ביים שרייבער. זיי בלייבן ווייטער אין זיינע ווערק, אָבער שוין — אין פאַרשידענע געשטאַלטן, מיט פאַרשידענע אויסדרוקן. ווי די פריער דערמאָנטע בייזע, שעלטנדיקע מאַמעס און ווידער אידעאַ־ליזירטע מאַמעס. איינס נעגירט נישט דאָס צווייטע. די מאַמע אין „מאָטקע גנב" שלאָגט אויך דעם קליינעם מאָטקע, זי איז אָבער אין זיינע אויגן פאַרבליבן אַן אידעאַל, אַ חלום. נאָר צוליב איר וויל ער ווערן אַ לייט און ווען ער פאַרליבט זיך אין חנהלען — זעט ער אין איר זיין מאַמע. ס'ווערן ביי אים דאַן „צוויי מאַמעס", — דער העכסטער אויסדרוק פון זיין גליק.

אין אַ פריערדיק ווערק — „אַ פאַמע פון יידישן לעבן", ווי אַש רופט עס אָן (געהייליקט דעם אָנדענק פון זיין פאָטער

„רב משה בן צבי נתן, מיוצאי ביהם״) — „רב שלמה נגיד״ — פאַרבעט מען די טויטע מאַמע אויף דער חופה: „צוערשט איז רב שלמה געגאַנגען, דערנאָך די כלה; אַ האַלבע שטאָט איז מיט זיי אַרויסגעקומען צום קבר״.

דער ראָמאַן „די מוטער״ — אַ גרויסער ראָמאַן פון קינסטלער־לעבן אין אַמעריקע — איז אין גאַנצן איין פּרווו צו שאַפן אַ סימבאָל פון דער מוטער אין קונסט־ווערק. ס׳שטאַרבט די מאַמע שרה־רבקה, ווערט איר טאָכטער, דבורהלע, אַ מאָדעל פאַרן סקולפּטאָר בוכהאָלץ פאַר זיין סקולפּטור „די מוטער, וואָס בלוטיקט״.

אין „קידוש השם״ האָבן מיר ווידער אַ האַרציקע יידישע מאַמע פון פאַר איניקע הונדערט יאָר, וואָס איז אָבער אייביק, זי איז אויך היינטיק ביי אַשן (וועגן דעם מוטער־קאָמפּלעקס אין דער טרילאָגיע „פאַרן מבול״ איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער אַנאַליז פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו). ס׳איז שוין ציטירט געוואָרן דאָס קאַפּיטל „די וואָכעדיקע און די שבתדיקע מאַמע״ פון „תהילים יידן״. נייערט — היות ווי אין דאָזיקן גרויסן ווערק ווערט די מאַמע ווידער אידעאַליזירט און דערהויבן ביז די העכסטע הויכן, — ווילט זיך ציטירן נאָך איין פראַגמענט פון פריער־דערמאָנטן קאַפּיטל:

„און פּונקט ווי עס איז דאָ אַ וואָכעדיקע און אַ שבתדיקע מאַמע, איז דאָ אַ וואָכעדיקער און אַ שבתדיקער גאָט. דער שבתדיקער גאָט ווערט אין דער פאַנטאַזיע פון דעם יינגל פאַרקערפּערט אין אַ פאָרם פון עפּעס ווייבלעכס... עס האָט אַ שייכות מיט דער מאַמע רחל. די מאַמע קריגט ביי אים אַן אַנדער חשיבות, ווייל די מאַמע ווערט פאַרייניקט מיט דעם שבת... איצט זעט ער אײַן: אין אמתן איז די מאַמע אַ שבתדיקע מאַמע. נאָר אויף דער וועלט, אינמיטן דער וואָך, צוליב דעם גלות, מוז זי נעבעך, אַ גאַנצע וואָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואָכעדיקער. ווען משיח

וועט קומען, וועט די מאַמע אַפּילו אינדערוואַכנס זיין אַ שבתדיקע מאַמע... שוין שטענדיק... שטענדיק...״

דאָ האָבן מיר דעם אַפּאָטעאָז פון מאַמישקייט, דעם הויכפּונקט פון אידעאַליזירן די מוטער. „עס האָט אַ שייכות מיט דער מאַמע רחל״ און „דאָס יידישע פאָלק האָט אַ מאַמע — די מוטער רחל״.

אָט די אידעע וועגן אַ פאָלקס־מאַמע האָט עס מן־הסתם באַוויזן שלום אַשן, אַז ער זאָל אינעם פראָלאָג צו דער טראַגעדיע „אַ שנירל פּערל״, אַרויספירן די מוטער, — אַן אַבסטראַקטע, סימבאָלישע מוטער — וועלכע באַפרייט משיחן פון זיינע קייטן ביים טיטוס־טויער אין רוים. משיח און די פאָלקס־מאַמע — צוויי וואָגיקע געשטאַלטן אין אַשס קינסטלערישע און אידעישע זעונגען — קומען זיך דאָ צונויף אויף דעם וויכטיקסטן וועג פון שלום אַשס דרך, דעם גאַנג צו גאולה.

און זאָל עס נישט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס: פון דאַנען איז בלויז איין שפּאַן צו דער „קריסטאָלאָגישער״ טרילאָגיע, וווּ די מאַמע־געשטאַלט שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל — ס׳איז איר אַפּילו אַוועקגעגעבן אַ גאַנצער באַנד פון דער טרילאָגיע („מרים״). שוין אין די ערשטע ארץ־ישראלדיקע רייזע־איינדרוקן פון שלום אַשן איז פאַראַן אַ זעונג פון מרים ביי דער מוטער רחלס קבר.ביידע זענען זיי ביי אים סימבאָלן פון מוטערשאַפט, פון פאָלק־מוטער־שאַפט. ער רופט זיי אַפּילו „די מאַמע רחל און איר טאָכטער מרים״. מרים איז ביי אַשן איינער פון די סימבאָלן פון דער אייביקער יידישער מאַמע, גראָד ווי איר זון, ישו, איז אין פאַר־שידענע וואַריאַנטן, אין פאַרשידענע ווערק פון אַשן — איינ־שליסלעך „דעם מאַן פון נצרת״ — דער ייד פון נצרת, דער רבי פון נצרת.

צו די אַלע מאַמע־סימבאָלן, מאַמע־געשטאַלטן און מאַמע־אידעאַלן איז שלום אַש דערגאַנגען פון זיין מאַמען אויס, אַוועק־גייענדיק פון זיין אייגענער מאַמעס שויס פון אונטער אירע מאַמישע פליגל: אַוועקגייענדיק אין דער פרעמד, אויף וואָגל און

וואַנדער, אין זיין לאַנגן, אַנגעלאָדענעם לעבן־וועג. אָבער אָוועק איז ער קודם־כל פון דער מאַמען צום חדר.

דער חדר האָט געשפּילט אַ דעציִדירנדיקע ראָל אין דער פאָרמירונג פונעם כאַראַקטער פון דעם קליינעם שלום און אויף דער אַנטוויקלונג פון דיכטערס פאַנטאַזיע; אויף דער איינזאַמלונג פון זיין וויסן וועגן יידישן זיין און אויף זיין שטרעבן צו פאַר־טיפן זיך אין דעם וויסן, אין די דרכים פון יידישן גאַנג אין דער געשיכטע. אין חדר האָט אים קודם־כל באַהערשט דער תנ״ך.

„פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט דער תנ״ך פאַנאַנדערגעפלאַ־קערט מיין פאַנטאַזיע" — שרייבט שלום אַש אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע פאַרן יאַהרבוך פאַול זסאָלנאַי פאַרלאַג (1931) — צום 50־טן געבוירן־טאָג פון דיכטער, ווי ס'איז שוין דערמאָנט גע־וואָרן.

און אין זיין אַריינפיר־עסיי צום קאַטאַלאָג פון אַשיאַנאַ אין יעיל־אוניווערסיטעט, שרייבט שלום אַש:

„די ביבל איז געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב גע־האַלטן אין מיין האַנט. פון איר האָט מיך מיין פאָטער געלערנט דעם אלף־בית. זי איז געווען דאָס בוך פון לערנען און דאָס בוך פון מיין יוגנט־פרייד, מיין גראַמאַטיק און מיין מעשה־בוך, מיין געאָגראַפיע און מיין היסטאָריע. מ'קאָן זאָגן, אַז קיין אַנדער וויסנשאַפט האָב איך אין מיין קינדהייט נישט געלערנט, ווי נאָר די וויסנשאַפט, וואָס שטראַלט אַרויס פון דער ביבל. מ'קאָן זאָגן, אַז די ביבל איז געווען די איינציקע פרייד, דער איינציקער ליכטיקער שטראַל, אין דעם חושכדיקן און אָרעמען לעבן פון אַ יידיש קינד, וואָס איך האָב געלעבט. דורך איר האָב איך באַ־קומען אַ ידיעה וועגן אַלע פריידן פון דער נאַטור".

זייער שיין און בילדעריש טייטשט עס טאַקע אויס ש. ניגער, וועלכער שרייבט: „אַש באַגייט זיך מיט דער ביבל, ווי מיט דער נאַטור: ער גיסט זיך נישט צונויף מיט איר, נאָר, — פאַרקערט — ער נעמט זי אויף אין זיך. און ער נעמט זי אויף נישט אין

גאַנצן, ווי זי איז, נאָר ווי ווייט זי האָט אין זיך עלעמענטן, וואָס זענען אים נאָענט און וואָס ער קאָן זיי אַסימילירן מיט זיך". און אַביסל פריער: „די געשטאַלטן פון תנ"ך, פון די אגדתות, שטייען אים פאַר די אויגן אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיי אין איך חדר גע־גאַנגען". די היימישקייט פון אַשן מיט די ביבלישע געשטאַלטן זעט ש. ניגער ווי אַ חדר־חברשאַפט. און דאָס איז, כאָטש פאַרביי־גייענדיק, זייער תמציתדיק אָנגעוויזן אויף דער חדר־ירושה, וואָס שלום אַש האָט מיטגענומען אויף זיין שפּעטערדיקן וועג.

דער דיכטער אַליין הייבט אָן זיינע איינדרוקן „ביים כותל־מערבי" מיט די ווערטער: „ווען איך בין אַ יינגל געווען, אין חדר געלערנט, אין חומש געלייענט וועגן ירושלים, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז ירושלים איז אַ שטאָט וואָס רוט נישט אויף גאָטס ערד, נאָר זי איז באַהאַלטן מיט גאָט אין די הימלען, ווי אונדזערע פאָטערס אברהם, יצחק און יעקב. און ווען משיח וועט קומען און אַלע טויטע וועלן אויפשטיין, דעמאָלט וועט ירושלים איניינעם מיט אַלע הייליקע אָבות פון הימל אַראָפּני־דערן. ירושלים איז געווען ווי אַ הייליקע לעגענדע, וועלכע קומט צו גיין צום יידן אין די שבתדיקע טעג און די יום־טובים און לעבט ביי אים אין סידור אין די תפילות".

אַזוי האָט דער חדר, דער חומש, געפורעמט די פאַנטאַזיע פון קליינעם שלום, די פאַנטאַזיע פון צוקונפטיקן דיכטער־ראָ־מאַנטיקער.

דער חדר איז וויכטיקער געווען אַ טעמע פאַר שלום אַשן, ווי אַן אָנרעגונג צו טעמעס. אַוודאי איז ער, דער חדר, דאָ און דאָרט פאַראַן אויך אין זיינע ווערק. שוין די ערשטלינג־דערציילונג זיינע „משהלע" איז וועגן אַ חדר־יינגל און זיינע חלומות אין חדר; אין דער ערשטער זאַמלונג — „אין אַ שלעכטער צייט", איז דער חדר פאַראַן אויך אין דער דערציילונג „ברוגז". ער אידעאַליזירט נישט ספּעציעל דעם חדר — ווען מ'דאַרף זעט ער אַפילו דעם רבינס קאַנטשיק מיט אַלע זיבן זאַכן, מיט וועלכע

אין אונדזער היינטיקן באַנעם ס׳איז פֿאַרבונדן דער פּאַרצייטישער חדר („חדר־ייִנגלעך, ווי עס וואָלט שוין קיין קאַנטשיק, קיין חדר, קיין רבי אויף דער וועלט נישט געווען, לויפֿן פּראַנק און פֿריי אין מיטן מאַרק אַרום״... — דערציילט ער אונדז אין זיין בילדל „תשעה באב״). אין דעם ליבשאַפֿט־געזאַנג, אין זיין שיר־השירים צו טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט — אינעם „תהילים־ייִד״ — באַשרייבט דער דיכטער אַזוי דעם „פֿרילינג פֿון אַ ייִדיש ייִנגל״: „אינדרויסן פֿון חדר איז געווען אַ הויף און אַ הימל. דערינען איז געווען טונקל, דערפֿאַר אַ סך קינדער, ייִנגלעך ווי ער. זיי זענען אַלע געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך אַרום די ווענט. דער רבי, מיט לאַנגע, לאַנגע הענט און זייער גרויסע פֿינגער, האָט באַשמירט מיט דעם האָניק פֿון בייגל דאָס בלאַט, פֿון וועלכן ער האָט געלערנט און אים געוויזן מיט אַ טייטל און אַ קאַנטשיק אַן אלף און אַ בית״.

„...שפּעטער מיט אַ יאָר, ווען עס קומט דערצו, אַז דער רבי לערנט מיט אים בראשית ברא אלהים את השמים והארץ — צום ערשט האָט גאָט באַשאַפֿן די הימלען און די ערד — קומען אים די הימלען מיט דער ערד פֿון חומש אויף זייער באַקאַנט פֿאָר. עס זענען נישט די הימלען מיט דער ערד, וואָס ציִען זיך אויס אינדרויסן אונטער זיינע פֿיס און איבער זיין קאָפּ. יענע זענען נאָר דאָ פֿון אַ משל וועגן, כדי מען זאָל וויסן ווי הימלען און ערד זעען אויס, אָבער דער ריכטיקער הימל און די ריכטיקע ערד געפֿינען זיך אין חומש...״

דאָ דערגייען מיר טאַקע צו דעם מיין „חדר״ אין דער פֿריער־דיקער באַצייכענונג פֿונעם חדר ווי אַן עטאַפּ אין שלום אַשס אַנט־וויקלונג־וועג — דעם עטאַפּ צו וועלכן ער איז געקומען ווען ער האָט זיך דערווייטערט פֿון דער מוטערס שויס. חדר איז דאָ דער טייטש: חומש, תנ״ך.

ס׳איז שוין אויבן ציטירט געוואָרן דעם דיכטערס אייגענע אַרויסזאָגונגען וועגן דער השפּעה פֿון תנ״ך אויף אים, אויף זיין

גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאַרף מען בלויז איצט אָנווייזן, ווי די דאָזיקע השפעה האָט זיך אויסגעווירקט אויף זיין שאַפן. זי, די תנ״ך־השפעה, האָט אין דעם יונגן אַש דערוועקט די טראַכטענישן וועגן דער גערעכטיקייט פון הימלישע מעשים — וועלכע ער זאָגט אַרויס דורכן מויל פון זיין ערשטלינג־העלד „משהלע״; פון תנ״ך האָט שלום אַש גענומען אַ סך בילדער און פאַרגלייכן, פסוקים און דערמאָנונגען אין כמעט אַלע זיינע פריע ווערק; דער תנ״ך איז געווען דער „רוי־שטאָף״ פאַרן רוב פון זיינע דער־ציילונגען און בילדער „פאַר יוגנט״ און פאַרשטייט זיך — אין גאַנצן דער שטאָף פאַר זיינע „מעשהלעך פון חומש״, וואָס זענען אַ קינסטלערישע טראַנספאָנירונג פון פסוקים, וועלכן ס׳נעמט אויף אַ חדר־ייִנגל. פון די ערשטע אין דעם סטיל, אויף דעם אינ־טימען און פאַרליבטן אופן, אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל — אַ פיאָנערן־אַרבעט, וואָס האָט געבאַנט אַ וועג פאַר דער פּאָע־טיש־געניאַלער אינטערפּרעטאַציע פון ענלעכן שטאָף אין די „חומש־לידער״ פון איציק מאַנגער. אויפן באָדן פון די „מעשהלעך פון חומש״ זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן שלום אַשס פּיעסן, גרעסערע דערציילונגען און לסוף, ביי דער שקיעה פון זיין לעבן — די ביבלישע ראָמאַנען זיינע.

שרייבנדיק וועגן ירושלים — צום ווייפלטן מאָל (אין 1928) דריקט זיך אויס דער דיכטער אויף אַזאַ אופן: „...ירושלים באַ־דאַרף מען געניסן דאָס ערשטע מאָל. דעמאָלט האָט מען די גאַנצע סענסאַציע, וואָס דיין פאַנטאַזיע פון דיינע קינדער־יאָרן, פון דיינע חדר־יאָרן, האָט אויסגעמאָלט פאַר דיר — ירושלים. עס איז אַזוי, ווי דו לערנסט צום ערשטן מאָל בראשית...״ („דער מזבח״)

דער עיקר אָבער — ווי ער שילדערט עס אין „תהילים־ייד״, — קומען אים „די הימלען מיט דער ערד פון חומש אויך זייער באַקאַנט פאַר... דער ריכטיקער הימל און די אמתע ערד געפינען זיך אין חומש...״

צו ערד און צום הימל — און צו דעם גערֿאַנגל צווישן זיי (אין חומש און אויף דער וואָר) איז שלום אַש דערגאַנגען אויף זיין וועג פונעם חדר.

VI

ערד און הימל, פון שטעטל אין דער וועלט

אוויכטיקע טרייבקראַפט אינעם שאַפן פון שלום אַשן איז גע־וועזן: גערנאַנגל צווישן עקסטרעמען. אַזוי איז ביי אים אָפטמאָל אין צענטער פון זיינס אַ ווערק געווען דער גערנאַנגל צווישן גוטס און שלעכטס אין דער נאַטור פון מענטשן — און אין דער נאַטור בכלל; דער גערנאַנגל צווישן קדושה און טומאה איז נישט אין איין ווערק געווען דער תמצית. אָבער דער עיקר גערנאַנגל אין שלום אַשן — און דאָס האָט זיך צום בולטסטן אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק — איז געווען דער גערנאַנגל צווישן ערד און הימל. צווישן ערד און הימל בפועל ממש, פיזיש אויפגעפאַסט (אויף וויפל ס׳לאָזט זיך הימל באַנעמען פיזיש) און צווישן ערדישן און הימלישן, דאָס הייסט: ערד און הימל — גייסטיק באַנומען.

די ערד, דאָס איז ביים יונגן שלום קודם־כל זיין שטעטל, קוטנע: דעם טאַטנס היים, די מאַמע, די פאַרצווייגטע משפחה, דער חדר, בית־מדרש. פון בית־מדרש אָן הייבט זיך אָן ביי שלומען אַ נייע וועלט, ווייל: „אַ חבר האָב איך געהאַט אין קוטנע. אינאיינעם מיט אים זיך לשון־קודש געלערנט אונטער דער גמרא אין קוטנער בית־מדרש. געבאָרגט זיך ביכלעך און אין די פאַרנאַכטן זענען מיר געגאַנגען אויפן וועג צום בית־הקברות און געחלומט בײדע פון די פעלדער פון ארץ־ישראל, ווו מיר וועלן ביידע וווינען אין שכנות"... („דער מזבח"). אָט די טריף פסולע ביכלעך (וועגן די לשון־קודשדיקע לידער, וואָס ער האָט שוין דאַן אין געהיים געשריבן, רעדט מען שוין נישט) האָבן

עס גורם געווען ער זאָל מוזן אַנטלויפן פון דער היים און אָנקו־מען צו אַ ווייטן קרוב אַ יישובניק, אין אַ דאָרף — ווי אַ מלמד פאַר די קינדער פון קרוב. דאָרט טאַקע האָט זיך פאַר אים אַנט־פּלעקט אַן אַנדער ערד — פעלד, וואַלד; פּויערישע כאַטעס און דאָס פּויערישע לעבן. „אין יענעם יאָר אויפן דאָרף האָב איך, נאָך מיין מיינונג, אַ סך מער געלערנט וועגן דער נאַטור און מענטשן, ווי שפּעטער פון ביכער...“ — איז זיך מודה שלום אַש. און אויב דאָס שטעטל איז פאַר אים געווען אַ חדר, דאָס דאָרף — אַ שול פון לעבן, איז זיין אוניווערסיטעט געוואָרן וולאָצלאַוועק, וווּ ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר ביי פאַרשידענע אַרבעטן, דער עיקר אָבער — ביים שוין אין אַ פריערדיק קאַפּיטל דערמאָנטן שרייבן בריוו. מיט דעם קאַפּיטאַל פון וויסן, פון לעבן־דערפאַ־רונגען, איז דער צוואַנציק־יעריקער שלום פון קוטנע געוואָרן אַ שרייבער ביי יידן, אָנגעהויבן זיינע שאלות וועגן ערד און הימל, זיין וואַנדערונג פון שטעטל אין דער וועלט אַריין.

אין זיין דערציילונג „ערד“ (שוין פונעם צווייטן עטאַפּ אין זיין שאַפן, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905), צוליב וועלכער ש. ניגער האָט אים אָנגערופן „דער נביא פון דער ערד“, שרייבט שלום אַש: „דיין גאָט, דער צייכן פון דיין גאָט, איז דאָס גע־וויינלעכע“. אָבער אין ערשטן עטאַפּ פון זיין שאַפן זוכט ער אַליין דאָס אויסערגעוויינלעכע אינעם לעבן, דאָס ליריש־אידילישע, דאָס י. ל. פּרציש שבת־יום־טובדיקע. דער ראָמאַנטיקער אין אים זעט דאַן בלויז די אידיליע פון שטעטל, להיפוך צו זיין צייט־חבר, איטשע מאיר וויסנבערג, וועלכער אַנטפּלעקט פאַר אונדז שוין אין די ערשטע שאַפונגען דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטלדיקע בלאָטקעלע. זענען טאַקע די צוויי שטעטלעך — אַשס „אַ שטעטל“ און וויסנבערגס „שטעטל“ — פּאָליוסן און וועג־שטיינער אינעם אויפגייענדיקן יידישן ליטעראַרישן שאַפן פון אָנהייב יאָרהונדערט. וויסנבערג שליידערט פון זיך אַרויס פאַרביטערונג, פּראָטעסט; אַש — ווי

ניגער האָט געשריבן — מאָלט, מאָלט און מאָלט. וואָס אַן אמת ער מאָלט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביזן סוף פון זיין לאַנגן שאַפערישן וועג, ווייל דאָס מאָלערישע ליגט אין זיין נאַטור, אין זיין גאַנצער קאָנסטיטוציע — אַפילו אין דער שטרענג־רעאַליסטישער תקופה פון זיין שאַפן. ס׳ווילט זיך דאָ ציטירן אין שייכות דערמיט אַ קורץ בילדל פון זיין שטעטל־שילדערונג אין די צוואַנציקער יאָרן, פון דער פּאַרצייכענונג „דאָס קעלבל״ (בוך „בילדער פון פוילן״):

„די גאַנצע זון פון שטעטל האָט זיך אויסגעגליטשט און אויסגעצויגן איבער משה מלמדס טרעפּלעך. און איבער די טרעפּ־לעך איז געווען אויסגעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט אַ האַלב שטעטל יידן...״ דאָס איז דאָך — מיט געציילטע ווערטער — אויסגעמאָלן אַ געניאַל בילדל פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן. און אַזעלכע בילדער זענען דאָ אין זיינע ווערק אין די הונדערטער. זיין פּאָעטיזירטע פּראָזע — בעיקר אין „אַ שטעטל״, „רב שלמה נגיד״ — איז אַ קוואַל פון אַזעלכע בילדער.

אַ חוץ בילדער — גייסטיקע אַנלאַדונג „...איך האָב אַ שוואַכ־קייט, וואָס איך זוך שטענדיק אויפצודעקן מעלות (פון מענטש און געזעלשאַפט). מיין גאַנץ לעבן האָב איך געזוכט (העראָיזם פון קידוש השם. איך האָב אים געזוכט אין אונדזער געשיכטע און אין אונדזער איצטיקן לעבן...״ — האָט דערקלערט שלום אַש אין אַ רעדע אין תל־אביב אין יאָר 1936.

„פּרץ האָט פון לעגענדע געוואָלט מאַכן אַ ווירקלעכקייט, אַש האָט פון דער ווירקלעכקייט געמאַכט אַ לעגענדע, אַ לעגענדע, אין וועלכער מ׳האָט געגלייבט״ — שרייבט ש. ניגער אין זיין גרויסער אַרבעט וועגן שלום אַשן.

שוין אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן (אַפילו אין די יוגנט־פּרוּוון) נעמט זיך אַש צו דער דראַמאַטישער פאָרם. דאָס שלום אַש־טעאַטער, אַזוי צו זאָגן, זיין דראַמאַטורגיע, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אויף וועלכן ס׳איז כדאי זיך באַזונדערס

אָפּצושטעלן. איצט ווילט זיך בלויז ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן תמצית פון זיין דראַמאַטורגיע — אויף דעם געראַנגל צווישן ערד און הימל, צווישן קדושה און טומאה אין דער מערהייט פון זיינע דראַמאַטישע ווערק אין יענער תקופה. דאָס האָבן מיר אין דעם איינאַקטער „דער זינדיקער" און אין דער קליינער פּיעסע „מיטן שטראָם". באַזונדערס אָבער — אין דער צווייטער, רעאַליסטישער (צייטנווייז — אויך מיסטישער תקופה) פון זיין שאַפן — אין „גאָט פון נקמה" און אין טראַגעדיע פון פאַלשן משיח „שבתי צבי".

אין „גאָט פון נקמה" דריקט זיך אויס דער געראַנגל צווישן קדושה און טומאה אין דער צווייִשטאָקיקייט פון שאַפּשאָוויטשס הייזל. אויפן שטאָק איז דאָס פּאַקטישע הייזל, די „פּרנסה" זיינע; אונטן — שטעלט ער אַריין אַ ספר תורה, אַ ריייניקייט, וואָס זאָל זיין אַ היטערין פאַר דער ריינקייט פון זיין איינציקער טאָכטער. די טראַגעדיע פון שאַפּשאָוויטשן באַשטייט אין דעם, וואָס זיגן זיגט די טומאה אין זיין הויז — קאָן ער עס נישט באַנעמען און קאָן עס נישט מוחל זיין דעם גאָט פון נקמה, פאַר וועלכן ער האָט אַ ספר־תורה געשריבן. און יענקל שאַפּשאָוויטש איז שוין נישט „משהלע" פון אַשס ערשטלינג־דערציילונג, וועלכער טראַכט זיך, אַז ווען ער וואָלט געווען גאָט, וואָלט ער געמאַכט, אַז אַלע זאָלן זיין צדיקים, כדי מ'זאָל קיינעם נישט דאַרפן שטראָפן; יענקל שאַפּשאָוויטש פּראָטעסטירט, ער לעסטערט. די אידיליע האָט זיך געענדיקט ביי אַשן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, דער בונט, דער פּראָטעסט.

שבתי צבי ווידער איז דאָך נישט קיין שווינדלער, ער איז אַ פאַרגלויבטער פאַנאַטיקער. ער בענקט נאָך דער „הימלישער כלה", נאָך דער „כלה תורה" און ווערט אַריינגעשלעפּט אין די נעצן פון אַן ערדישער כלה, פון דער זינדיקער שרה, וועלכע דערפירט אים צו זיין פאַלן. „שבתי צבי", וואָס איז מן־הסתם

געשריבן אונטערן איינפלוס פון דעם פוילישן דראַמאַטורגס יעזשי זשולאַווסקיס טראַגעדיע „דער סוף פון משיחן", איז אָבער אַ טיפּיש־אַשישער פּרווו פון דיסקוטירן מיטן סעקסאַ־צענטריזם פון זשולאַווסקין (וואָס איז געווען אַזוי מאָדיש אויך אין דער תקופה פון „יונג פּוילן", גראָד ווי היינט). ביי אַשן איז עס ווידער אַ געראַנגל צווישן קדושה און טומאה, צווישן גוטס און שלעכטס.

אויב מ'וויל איז עס דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכן און געטלעכן — דער געראַנגל צווישן די צוויי באַגריפן — וואָס מאַטערט שלום אַשן כסדר, פונעם באַגין פון זיין שאַפן אָן, מן־הסתם נאָך: פון דער בית־מדרש באַנק אויך.

זאָל עס אונדז אילוסטרירן אַ ציטאַט פון שלום אַשס אַ דערציילונג פון די יונגע יאָרן — „מענטשן און געטער". נאָך דעם, ווי דער מחבר ברענגט שוין צונויף די צוויי שכנטעס־אלמנות — די יידענע מיט דער גויה, — וועלכע האָבן צענד־ליקער יאָרן געלעבט זייט ביי זייט, געקריגט זיך און געפריינדלט זיך; נאָך דעם ווי ער פירט זיי ביידע צונויף אונטער איין דאַך, ביי דער גויה אין שטוב (ווייל דער חלק כאַטע פון דער יידענע איז שוין איינגאַנצן חרוב) און ער דערציילט אונדז, וועגן די טענות, וואָס איינע האָט צו דער צווייטער צוליב איר עקשנותדיק האַלטן זיך אין די אייגענע רעליגיעזע טראַדיציעס, מאָלט אונדז שלום אַש אַזאַ בילדל:

„— גאָט וועט העלפן, — איז מבטיח די יידענע.

„— גאָט וועט נישט פאַרלאָזן, — העלפט אונטער די גויה.

„און זיי פאַרגעסן איין מינוט, וועלכער גאָט, צי דער דאָ ביי די שבת־ליכטלעך, צי יענער דאָרט אין פאַרנעפּלטן ווינקל. און זיי ווערן איינגעשלאָפן מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן און מיט ביטחון אין האַרצן — אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פאַרשאָטן מיט ביינדלעך פון פיש און ברעקלעך פון דער חלה.

„אין דעם קליינעם שטיבל האָבן צוויי געטער געצאַנקט —

קליינע שבת־ליכטלעך ביים טישל און דאָס קליינע לעמפּל פאַר דעם „הייליקן בילד". זיי זענען אין דער שטיל, אין דער שטיל אויסגעגאַנגען... אַלץ איז געגאַנגען זיך שלאָפן לייגן און איז איינגעשלאָפן אין דער טונקעלער, וואַרעמער נאַכט פון פרייטיק־צו־נאַכט..."

„געטער" — דאָס איז ביי שלום אַשן פאַרשידענע אויס־שטראַלונגען פונעם באַגריף גאָט — דעם, וועלכער איז אומע־טום, אין אַלץ, אין אַלעמענס טואונגען און טראַכטענישן; דער שפּינאָזיסטישער גאָט, ווי שלום אַש האָט אים געזען שוין אין זיינע שפּעטערדיקע, רייפע יאָרן. אין דער יוגנט האָט ער נאָך נישט געוווּסט אפשר וועגן אַזאַ פילאָזאָפישער אויסטייטשונג פון דער געטלעכקייט, פון געטלעכע כוחות, ער האָט עס אָבער שוין געאָנט, אינערלעך אַרויסגעפילט, אַזוי ווי זיין „דאָרף צדיק". „...נישט אין הימל וווינט גאָט און נישט אויפהייבן דעם קאָפּ צום הימל דאַרף מען מ׳זאָל אים זען; ניין, אים דאַכט זיך, אַז גאָט וווינט ערגעץ ווייט, ווייט אין אַ גרויסער שטאָט..."

גאָט איז ביי שלום אַשן עטוואָס אָבסטראַקטס און אין אַנדערע פאַלן — ממש פיזיש, מיט מענטשלעכע רעגונגען און נייגיר. ער איז דער באַשאַפער פון אַלץ און אויך דער פאָטער פון אַלץ. „און גאָט איז געווען מיט איר (מיט לילית) די דאָזיקע נאַכט און האָט פון איר אַ זון געהאַט און האָט זיין נאָמען גערופן: שטן, דער קעניג פון ׳ווילן׳. און פון דענסמאָל אָן איז אַ באַשטענדיקע מלחמה צווישן גאָט און דעם קעניג פון ווילן — ווער עס זאָל דאָס מענטשן־האַרץ באַזיגן" („די געבורט פון שטן").

די „באַשטענדיקע מלחמה" צווישן גאָט און דעם שטן, צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן הימלישן און ערדישן — אינעם מענטשן און אין דער נאַטור — האָט שלום אַש אויסגעזונגען, אָדער אויסגעמאָלן (ווי ניגער האָט עס אָנגערופן) אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן.

„יעדער דינט גאָט אויף זיין שטייגער" — באַווייזט ער

אונדז אין דער דערציילונג „דער אורח״, יעדער דאַרף דינען זיין גאָט, אַזוי ווי ער פאַרשטייט אים און אַזוי ווי ער פילט אים. גאָט איז די טיפע אינערלעכע רעליגיעזקייט פון שלום אַשן און מיט דער רעליגיעזקייט איז אויך דורכגעדרונגען זיין שאַפן. ווייל זיין „פאַרהעלטניש צום געדרוקטן וואָרט איז, לויט מיין גאַנצער דערציונג, געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזער פרומ־קייט״, — שרייבט ער ערגעץ ווו.

דערביי איז ביי אַשן דאָס פאַרשטיין יענעמס גלויבן און גלויביקייט, דאָס „פאַרשטיין יענעמס גאָט״ — געווען נאַטירלעך געפּאָרט מיט זיך אייגענער טיפער צוגעבונדנקייט, צו זיין אָריינ־געוואַקסנקייט אין ידישער טראַדיציע, גלויבן, אַפילו — אָבער־גלויבנס; זיין דורכגענומענקייט מיט דעם, וואָס ער האָט גע־לערנט אין חדר און בית־מדרש; מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויס־געטראָגן פון זיין פרומען טאַטנס שטוב, פון זיין פרומער מאַמעס תחינות. אפשר דערפאַר איז נאָך שטאַרקער דאָס אומרעכט, וואָס אַשס פערזענלעכע שונאים האָבן אים געטון, צושרייבנדיק אים „אָפּטריניקייט״, חשק אָפּצורייסן זיך פונעם יידישן שטאַם. זיי האָבן עס טאַקע מאָטיווירט מיט דער „כריסטאָלאָגישער״ טרי־לאָגיע — און דאָס איז ווידער געווען אַ פעלשונג, ווייל די גע־שטאַלטן און פּראָבלעמען פון דער דערמאָנטער טרילאָגיע, גע־פינען מיר צעזייט און צעשפּרייט איבער אַ סך פון זיינע קורצע שאַפונגען, פונעם פריען פעריאָד (גראָד ווי מיר געפינען דאָרט — ווי שוין דערמאָנט — סקיצירונגען פאַר אַנדערע גרעסערע ווערק פון שלום אַשן).

אין דער אויפטרייסלענדיקער דערציילונג „אין אַ קאַרנאַ־וואַל־נאַכט״, קומט קריסטוס („דער ייד פון דער שטאָט נצרת״) אַראָפּ אינעם געטאָ פון רוים; אַ וואַריאַנט פון דעם מאָטיוו, איז אויך פאַראַן אינעם „ברענענדיקן דאָרן״ — שלום אַשס פּרוּוו קינסטלעריש זיך פאַרצושטעלן די טראַגעדיע פונעם היטלער־חורבן און פון וואַרשעווער געטאָ — ווו דער ייד קריסטוס ווערט

ווידער געקרייציקט אינעם וואַרשעווער געטאָ; אינעם פּראָלאָג צו דער טראַגעדיע „אַ שניירל פּערל" (געשריבן אונטערן רושם פון דער ערשטער וועלט־מלחמה) קומט פאָר אַ צוזאַמענטרעף צווישן קריסטוסן, משיחן און דער מוטער — דער אייביקער מוטער פונעם יידישן פאָלק — ביים טיטוס־טויער אין רוים; און צי זענען נישט ענלעך די מאָמענטן אין „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" — ווען דער קריסטלעכער קינסטלער דערזעט פּלוצלינג אינעם יידישן מיידל זיין הייליקע מאַדאָנע, — מיט „קידוש השם", ווען דער קאָזאַק יערעם דערזעט אין דבורהלען די הייליקע מוטער?

נייערט דעם שטאַרקסטן ענטפער אויף די אַלע קשיות האָבן מיר אין די פאַרצייכנונגען „די פּאַלעסטינאַ־רייזע" (פון זיין ערשטער נסיעה קיין א"י אין יאָר 1907), אין דעם קאַפּיטל „ירושלים". שלום אַש שרייבט דאָרט (אָנהייב 1908!): „איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ באַזוך אָפּצושטאַטן — דעם קבר פון ישו הנוצרי, וועגן וועלכן מען רעדט אַזוי־פיל אין אונדזערע מקומות. (מיין אונטערשטרייכונג — י.ט.ג.). איך בין צום קבר צוגעגאַנגען. אַן אַלטער, אייזערנער טויער פאַרשליסט די הייל, וואָס הייסט איצט ,די באַגרעבונג־קירך' און דעם אַריינגאַנג היטן טערקישע זעלנער, וואָרים הייליק און טייער איז דאָס אָרט פאַר אַלע קריסטן...

„מיר שטייען אויפן הויף און באַטראַכטן דעם אייזערנעם טויער. צו אונדז קומט אָן אַ רוסישע רחמנות־שוועסטער, דערקענט אין אונדז אירע לאַנדסלייט און פרעגט אונדז פאַרזיכטיק, צי מיר זענען יידן..."

... „— וואָלט איך אייך געראָטן, אַז איר זאָלט נישט אַריינגיין.

— פאַרוואָס?

— נישט קיין קריסטן שלאָגן די זעלנער.

מיין פריינד רופט זיך אָן:

— מיר האָבן שוין אַזויפיל באַקומען צוליב אונדזער געערטן מיטבירגער ישו, וועלן מיר נאָך אַפּאָר באַקומען.

— כדי קריסטוס גרוב צו זען, איז כדאי אַ פּאָר קלעפּ צו קריגן — לייג איך צו".

גאַנץ קאָנסעקווענט דערצו שרייבט שלום אַש צוואַנציק יאָר שפּעטער (אין „דער מזבח" — פון די דעמלטדיקע אַ"י־איינדרוקן): „אין אונדזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ ליגט נישט צו פאַרלייקענען די שפּורן פון יעזוס קריסטוס... די ריכטיקע און אמתע תורה, וואָס ער האָט געפּרעדיקט... איז אַן אויסשטראַלונג פון יידישן גייסט". און נאָך: איך בין אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער יעזוס־לעגענדע אויף טריט און שריט אין ירושלים".

האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן באַרעכטיקן, אָדער כשרן שלום אַשס דרך און זיין באַנעמען אַזאַ דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע, ווי דאָס אויפקומען פון קריסטנטום; ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן באַווייזן: 1) אַז די פאַראינטערעסירונג מיטן עצם פון קריסטנטום, זיין אַנטשטיין און צווישן־באַציונגען מיטן יידנטום האָבן אינטערעסירט אַשן נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, אַז ער האָט עס ממש אַרויסגעטראָגן פון שטעטל (און נישט ווי ס'האָבן געפּויקט זיינע שונאים, אַז דאָס איז געווען „אַ מעסער אין רוקן" דעם יידנטום בעתן שטערבלעכן געראַנגל מיטן נאַצישן שונא); 2) אַז דער צוגאַנג פון שלום אַשן צום קריסטנטום איז געווען אַ קינסט־לעריש־עמאָציאָנעלער (אגב: צווישן שלום אַשס נאָטיצן, וואָס געפינען זיך אין בית שלום אַש, געפינט זיך אַ פאַרצייכנונג — פון רוים, אַרום 1930 — וואָס קאָן דינען ווי אַ גענעזע פון דער פאָרם ווי ס'איז געשאַפן געוואָרן „דער מאַן פון נצרת"), נישט קיין טעאָלאָגיש־אידעאָלאָגישע. דאָ ווילט זיך טאַקע אויסרופן צו די אַלע אַש־אַנגרייפערס מיט די ווערטער פון י. ל. פּרצן (ווען ער האָט פאַרטיידיקט דעם יונגן שלום אַש קעגן די אָנגריפן בעתן מילה־סקאַנדאַל): „און וויל מען אַ קינסטלעריש מויל מיט שמו־

ציקע שמאַטעס פאַרשטאָפּן, מוזן מיר רופן: שמוציקע לייט, די הענט ביי זיך!״.

דאָס איז דער סך־הכל פון דעם קינסטלערישן שטאָף, וואָס שלום אַש האָט אַרויסגעפירט מיט זיך פונעם שטעטל — פון שטעטל (און דאָרף) ווי זיין וויג און פון דעם זעלבן: טעמאַטיש. מיט דעם איז ער אַרויס אין זיינע וואַנדערונגען אין דער גרויסער שטאָט, איבער שטעט, לענדער, תקופות, איבער פאַרשידענע פלאַסטן פון יידישן קיום, איבער אַלע יידישע דורות און פּראָב־לעמען און אַ צאָל אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים אויף דעם דרך זיינעם מיטגעריסן — סיי ווי פאַרבונדענע מיטן יידישן קיום, סיי אומאָפּהענגיק דערפון. דער געראַנגל צווישן הימל און ערד, צווישן גוף און נשמה, גוטס און שלעכטס, קדושה און טומאה — „מענטשן און געטער״, צווישן גאָט און שטן; דער יידישער געראַנגל פאַרן קיום און די פאַרבינדונגען פונעם יידן אין פּוילישן שטעטל מיט זיין פילטויזנט־יעריקן עבר אין ארץ־ישראל — דאָס זענען אַלץ די פּראָבלעמען, וואָס שלום אַש האָט געשטרעבט אויסצופורעמען אין זיינע ווערק. פון דעם דרינגען שוין אַרויס די קידוש־השם־מאָטיוון, משיח־ און גאולה־שטרע־בונגען, אויף וועלכע ס׳איז זיך כדאי באַזונדערס אָפּצושטעלן. ווייל „אַש איז דער דיכטער פון דער אויסדערוויילטער נאַציע...״ — באַמערקט ריכטיק ח. ש. קאַזשדאַן אין זיין פריער ציטירטער (אין די ערשטע קאַפּיטלעך) זאַמלונג עסייען וועגן שלום אַשן. „ער לויפט יעדעס מאָל פון ,גלות׳ — צו די מאַראַנען, צו די חלוצים אין ארץ־ישראל, צו דער כישופמאַכערין פון קאַסטיליע, צום הייליקן שניידערל פון קידוש השם...״ און ווייטער: „אַש מוז האָבן ,גאָלד און איידלשטיק׳. פאַרמאָגט ער זיי נישט אין גלות, זוכט ער זיי אויס אין עבר, אין הייליקן לאַנד...״

ח. ש. קאַזשדאַן שרייבט: „צוויי נשמות קעמפן אין שלום אַשן: רעאַליזם און ראָמאַנטיזם. די נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין אַשס שאַפן — געהערן צו דער צווייטער נשמה״. דאָ האָבן מיר שוין

אַ בולטע אינטערפּרעטאַציע, אַן אויסברייטערונג און זאָל געזאָגט ווערן: אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון ש. ניגערס דעפֿיניציע דער „ראָמאַנ־טיקער־רעאַליסט".

זיין בוך פֿאַרענדיקט ח. ש. קאַזשדאַן מיטן קאַפּיטל: „דער נביא פֿון צער און טרייסט". דער נביא — ווידער ווי ביי ניגערן, נייערט נישט בלויז פֿונעם ערדישן; דער נביא פֿון צער: פֿון פּאָגראָמען און שחיטות, קידוש השם און שייטערהויפֿנס. דער נביא פֿון טרייסט: פֿונעם בטחון, מיט וועלכן ס'האַנדלט דאָס הייליקע שניידערל אין „קידוש השם" און וואָס שלאָגט זיך דורך ווי אַ דערפֿרישנדיקער, אויפֿלעבנדיקער קוואַל כמעט דורך אַלע ווערק פֿון שלום אַשן, ביז זיין לעצט געדרוקט בוך, וואָס הייסט טאַקע „דער נביא".

אין דעם אויבן דערמאָנטן קאַפּיטל פֿון ח. ש. קאַזשדאַנס בוך לייענען מיר אויך: „ווייניק זענען דאָ אין אונדזער ליטעראַטור ווערק, וואָס זאָלן שאַפֿן אַזוי פֿיל אינטימע באַציונג צום תנ"ך און זיינע נביאים; ווערק, וואָס זאָלן וועקן אַזוי פֿיל געשיכטלעכע פֿאַרשטענדניש פֿאַרן עבר פֿון יידישן פֿאָלק און אַזוי פֿיל אמת־דיקע אהבת ישראל, ווי דאָס איז אין שלום אַשס ווערק".

אָט האָבן מיר נאָך אַ וויכטיקן עלעמענט פֿון אַשס שאַפֿן; אַן עלעמענט וואָס איז נישט פֿאַרבונדן ביי אים מיט געראַנגל, מיט אַן אַנטיפּאָד: דאָס איז אהבת ישראל. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס האָט ער אַרויסגעטראָגן פֿון זיין היים, פֿונעם שטעטל און אויך דאָס גייט פֿאַרשידנגעשטאַלטיק אַדורך אין זיין שאַפֿן, גראָד ווי די שטעטלדיקע משפּחהדיקייט, וואָס ווערט אָפּטמאָל טראַנס־פּאָנירט אויף דעם היפּוך — אין דער פֿרעמד.

זיין שאַפֿן האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט און פֿאַרטיפֿט — מיט די יאָרן, מיטן וווּקס פֿון זיינע לעבן־דערפֿאַרונגען און מיט זיינע וואַנדערונגען. די וואַנדערונגען איבער לענדער און דורות, תקופֿות. די אויסברייטערונג האָט זיך געלאָזט קודם כל באַמערקן אין דער באַרייכערונג פֿון דער טעמאַטיק — הגם, ווי ס'איז שוין

פריער אייניקע מאָל אָנגעוויזן געוואָרן: אַ סך מאָטיוון, וואָס האָבן געדינט ווי אַ קאַנווע פאַר שלום אַשס פאַרנעמיקסטע ראָמאַנען, זענען אָנגעדייט אין זיינע פריע ווערק; דער עיקר אָבער — אין דעם איבערגאַנג פון דער נאָוועלע, סקיצע, קורצער דערציילונג, פּאָעמע אין פּראָזע, אָדער דראַמע, — צו גרויסע לייוונטן, ראָמאַנען, טרילאָגיעס גאַנצע.

נייערט אויך אין דער אויסוואַנדערונג אויף די ברייטע שליאַכן פון דער ליטעראַטור, רייסט ער נישט איבער זיין פאַרבינדונג מיטן שטעטל. אַ חוץ דעם, וואָס ער קומט צוריק טעמאַטיש צו דער טעמע (קינסטלעריש־מאָלעריש אַ סך רייפער, ווי אין די ערשטע ווערק זיינע, כאָטש שוין אָן דער אידילישער אומ־מיטלבאַרקייט פון „אַ שטעטל"), זעט ער אָפטמאָל אויך דאָס שטעטל אין דער גרויסער שטאָט, אין דער גרויסער וועלט. און דאָס האָט ריכטיק באַמערקט י. ראַפּאַפּאָרט, אַז אין די פאַלן, ווען ער רעסטאַווּרירט שטעטלדיקע שטימונגען און איבערלעבונגען אין דער גרויסער שטאָט, — ווי אין אַמעריקע אַ שטייגער — איז ער קינסטלעריש צום שטאַרקסטן. נייערט די האָריזאָנטן זיינע זענען שוין אַ סך מער אויסגעברייטערט, זיין וויסן, פאַראינטערעסירונגען און פאַרשטיין דערשיינונגען — אַ סך, אַ סך מער באַרייכערט.

די ערשטע ווערק אויף דעם נייעם עטאַפּ זענען די ראָמאַנען „מערי" און „דער וועג צו זיך". דער מחבר האָט אַליין געהאַלטן „מערי" פאַר אַן עטאַפּ אין זיין שאַפן, ווייל ער האָט דעם ראָמאַן, — גראָד ווי אַנדערע עטאַפּ־ווערק זיינע („דער תהילים־ייד", למשל) — געהייליקט זיין „פרוי און פריינד מאַטל אַש אין דאַנקבאַרקייט פאַר לייד און גליק". און ווי מ'זאָל זיך נישט באַציען צו די קאָנסטרוקציע־חסרונות פונעם ראָמאַן (און זיי זענען דאָ, כמעט, אין אַלע זיינע ווערק), מוז מען מיטגעריסן ווערן מיט דער קראַפט פון זיין נאַראַציע און שילדערונג. די קאָנסטרוקציע־חסרונות נעמען זיך דערפון, וואָס אַש האָט זיין ראָמאַן נישט גע־

בויט, נייערט אויסגעמאָלן אים, אָדער ריכטיקער — אויסגעפּי־בערט; מיטגעריסן ווערט מען טאַקע דערפאַר, ווייל ס׳איז אַ מאָלעריש קונסט־ווערק, אַן אויסגעפּיבערט קונסט־ווערק. און גע־מאָלן איז עס נישט דערמיט, וואָס דער ראָמאַן שפּילט זיך אויס צווישן אַנדערן אויך אין אַ קינסטלער־סביבה — אין דער פּע־טערבורגער קינסטלער־סביבה, נייערט — ווייל דאָס איז געווען אַשס שרייבעריש־קינסטלערישע אייגנאַרט. מערי איז נישט אַזוי פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפט און סטיליסטיש אויסגעצערטלט ווי איר גייסטיקע חברטע מירל ביי בערגעלסאָנען; אין מעריס אָדערן פליסט אָבער לעבעדיק, הייס בלוט, וואָס זיין רויטקייט שטראָמט דורך דורך די פּאַפּירענע בלעטער פון בוך אין אַ סך אַ שטאַר־קערער מאָס, ווי ביי בערגעלסאָנען.

„מערי" ענדיקט זיך כמעט מיט די פּאָגראָמען פון אָנהייב אונדזער יאָרהונדערט אין רוסלאַנד, באַזונדערס — מיט דער שחיטה אין „ראָווו", דער טיפּיש־אוקראַינישער שחיטה; „דער וועג צו זיך" הייבט זיך שוין אָן מיט מישאַ זילבערגס (דער פּאַרליבטער אין מערי) דערוואַכונג אין דעם קליינעם דייטשן האָטעל־צימער, ווו ער געפינט זיך מיט זיין פרוי, ראַכעל. מישאַ וואַנדערט אַוועק קיין ארץ־ישראל, באַטייליקט זיך אין דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע, וואָס ווערט דאָרט גע־שאַפן און מערי וואַנדערט איבער „אויסלענדער", מיט פּוילישע רעוואָלוציאָנערן — איטאַליע, פראַנקרייך; יידישע וואַנדערונגען, צרות, פּיין, פערזענלעכע אומגליקן. ביז מערי און מישאַ טרעפן זיך ווידער אין שטעטל, ביים „ראָווו" פון דער אָרעמקייט אין דער אַלטער היים.

קלאָר, אַז טעמאַטיש, גייסטיק און שרייבעריש, וואָלט שלום אַש נישט געקאָנט דערגיין צו די ראָמאַנען, ווען ער בלייבט בלויז אין שטעטל. נייערט אין משך פון די פּאָר יאָר האָט שלום אַש דורכגעמאַכט זיינע רייזעס: קיין קראָקע און זאַקאָפּאַנע, קיין פּעטערבורג און בערלין; קיין ארץ־ישראל און קיין אַמעריקע

שלום אַש צוגאַסט ביי שלום עליכמען אויף דער זומער־ווינונג הינטער ניו־יאָרק, אַ קורצע צייט פאַר שלום עליכמס פטירה

(צום ערשטן מאָל 1909), שווייץ און פּאַריז. די רייזעס זענען גע־וואָרן זיין שרייבערישע אַקאַדעמיע און זיי זענען געווען דער אָנהייב פון זיינע כסדרדיקע רייזעס — ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אין אַמעריקע, ווו ער קומט צום צווייטן מאָל שוין זיך צו באַזעצן (1914) שרייבט ער — אַ חוץ אַ צאָל קלענערע ווערק — זיין צווייטן גרויסן ראָמאַן „מאָטקע גנב". דאָס איז אַ נאָסטאַלגישע צוריקוואַנדערונג צום שטעטל, צו דער אָרעמקייט פון שטעטל, צו דער אונטערוועלט אין דער גרויסער שטאָט, נייערט שוין אָן דער אידילישער שילדערונג פון שטעטל (די אידיליע איז סיידן פאַרבליבן אין מאָטקעס פאַרליבטקייט אין זיין מאַמען — אַשס מוטער־קאָמפּלעקסן). אין „מאָטקע גנב" האָבן מיר רעאַליסטישע שילדערונג פון דער נויט, אויפברויזן פון שלום אַשס סאָציאַלן פּראָטעסט. און די וואָס וועלן נישט וועלן זיך בלויז דעלעקטירן מיט דער פּיקאַנטעריע פון דער הייזל־סענסאַציע, וועלן אין דעם ראָמאַן זיכער געפינען איידלשטיינער פון דער פיינסטער קינסט־לערישער פּראָזע.

גלייך נאָך „מאָטקע גנב" קומט „אָנקל מאָזעס", וואָס איז שוין אַ געמיש פון אַמעריקאַנישקייט און שטעטלדיקייט. קוזמין, דאָס פּוילישע שטעטל, ווערט מיט דיביינער איינגעשלונגען אינעם אַמעריקאַנער שאָפּ, ווו ס'הערשט דער קוזמינער באָס, דער „אָנקל", אָדער ווי איניקע יידן רופן אים אויך: פּרעה. עס איז דאָס שטעטל אין דער פרעמד, די משפּחה אין דער פרעמד — דאָס צעפאַלן פון דער שטעטלדיקער משפּחה אין די טריבן פון דער שאָפּ־עקספּלאָאַטאַציע.

עס ענדיקט זיך די ערשטע וועלט־מלחמה און אַש קומט צוריק קיין אייראָפּע. ער זעט דעם חורבן פון יידישע שטעט און שטעטלעך, ער פּילט נאָך אין דער לופט דעם ריח פון רויך און בלוט פון די אוקראַינער פּאָגראָמען („חורבן פּוילן" הייסט דאָס בוך פאַרצייכנונגען, רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען פון יענער

רייזע). אונטער דעם איינדרוק, מיט דער אַנלאַדונג, וואַנדערט ער אַוועק מיטן ראָמאַן אין דער יידישער געשיכטע (אין דער דראַמע און קורצער דערציילונג האָט ער עס שוין נישט איינמאָל געטון) און ס'ווערן געבוירן: זיין „קידוש השם" און „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע".ביידע ראָמאַנען זענען אַ וויי־געשריי פון יידישעליידן; ביידע ראָמאַנען זענען אין גרויס געזאַנג פון יידישן העראָיזם פאַר דער אמונה, פון „קידוש השם". וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען זיך אָפּצושטעלן אין ווייטערדיקן קאַפּיטל, דאָ ווילט זיך בלויז ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט: דאָס זענען רינגען אין דער גרויסער ראָמאַנען־קייט פון שלום אַשן, אַ קייט, דורך וועלכער ס'גייט אַדורך דער פּילטויזנטיעריקער יידישער געראַנגל פאַר פאָלקס־קיום.

נאָך די צוויי ראָמאַנען קומט טאַקע שלום אַש צוריק אויף אַ לענגערער צייט צו דער היינטצייטיקייט: „די מוטער" — אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, אין דער דאָרטיקער קינסטלער־סביבה; „דער טויט־אורטייל" — אַ סענסאַציאָנעלער ראָמאַן, אַ פּרווו פון פּסיכאָלאָגישן אויפקלערן די סיבות פון אַ מאָרד און פון אַ פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט דערפירט צום עלעקטרישן שטול דעם רייכן מיסטער סטאָון. דער ראָמאַן איז ווייניק יידיש און אפשר נישט אַשיש. סיידן: מר. סטאָון חלומט וועגן דער מאַמען פאַרן טויט זיינעם. אַן אָפּהילך פון אַשס מוטער־קאָמפּלעקס; דאָס באַדויערן פונעם מיסטער סטאָון צוליבן צעפאַלן ווערן, צעפיצלען זיך פון זיין משפחה — אַן אָפּהילך פון דער שטעטלדיקער משפּחהדיקייט. און נאָך עפּעס, וואָס כאַראַקטעריזירט שוין כסדר שלום אַשן פון דער רייפער תקופה: די סאָציאַלע אַקצענטן, וועלכע קלינגען אָפּ אינעם בוך.

דאָ איז אפשר כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף די כוונות, וואָס שלום אַש האָט געהאַט ביים שרייבן דעם ראָמאַן און וועלכע זענען געוועזן גאַנץ אַנדערש דערפון, וואָס איז אַרויסגעקומען. ווי אַש האָט אַליין אויפגעקלערט אין אַן אינטימען שמועס מיט

זיין נאָענטן פריינד דוד בן־ארי (אינעם לעצטן יאָר פון שלום אַשס לעבן), איז דער ראָמאַן געווען פּאָרטראַכט ווי אַ פּראָ־טעסט קעגן טויט־אורטיילן בכלל — אין שייכות מיטן דעמלטדיקן פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי. שלום אַש איז געווען אַ שאַר־פער קעגנער פון דער העצע קעגן סאַקאָ און וואַנצעטי. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אָפן עס אַרויסזאָגן (דער ראָמאַן האָט זיך קודם כל געדרוקט אויף די שפּאַלטן פונעם „פאָרווערטס"), האָט ער עס געטון אין דער פאַרשלייערטער פאָרם פון סתם קעגנער־שאַפט קעגן טויט־אורטיילן.

אגב: אויף דער טעמע סאַקאָ און וואַנצעטי האָט אויך אַשס בכור, נתן אַש (דער ענגלישער שרייבער) אָנגעשריבן זיין ראָמאַן „דער 12טער אויגוסט" („די פּעי־דעי" — „דער טאָג פון באַ־צאָלן"). איז אפשר אויך דאָס געווען אַ סיבה פון נישט אָפן באַ־רירן די טעמע סאַקאָ־וואַנצעטי — דער טאַטע האָט נישט געוואָלט קאָנקורירן מיט זיין זון...

אַ מין המשך פונעם „טויט־אורטייל" איז „חיים לעדערערס צוריקקומען". חיים לעדערער, דער אויפגעאַרבעטער עמיגראַנט פון די שוויץ־שאַפּ־יאָרן, מאַכט אויך, ווי מיסטער סטאָון, אַ חשבון פון זיין לעבן און דעם סך־הכל פון זיין אַרויפאַרבעטן זיך און אָפּרייסן זיך פון זיין אייגנטלעכער סביבה, פון די אַרבעטער־עמיגראַנטן, מיט וועלכע ער דערפילט זיך פלוצלינג איינס. גראָד ווי מיסטער סטאָון דערפילט ער זיין איינזאַמקייט אין דער רייכער היים, צווישן זיינע קינדער, די אַסימילירטע אַלרייטניקעס און ער באַשליסט צוריקצוגיין צו זיין אייגנטלעכער סביבה, צו די אַרבעטערס. במילא זענען שוין דאָ די סאָציאַלע אַקצענטן שטאַרקערער, מיט אַ צומיש פון אַ דינעם הומאָר, וואָס איז געווען אייגן שלום אַשן שוין אין די פריע יאָרן אויך, נייערט דאָ באַ־קומט ער אַ שאַרפערן סאַטירישן נאָגל.

און אָט האָט זיך שלום אַש דערהויבן צו נאָך נישט געווע־

זענע ביי אים קינסטלערישע, ראָמאַניסטישע הויכן: ער שאַפט זיין גרויסע טרילאָגיע „פאַרן מבול" — „פעטערבורג", „וואַרשע", „מאָסקווע". גראָד ווי אין „מערי" איז אינעם ערשטן באַנד פאַרראַן דאָס יידישע פעטערבורג פון פאַר דער רעוואָלוציע; דאַן קומט די מאָנומענטאַלע שילדערונג פונעם יידישן לעבן אין פוילן אינעם בוך „וואַרשע"; און „מאָסקווע" — די באַלשעוויסטישע איבערקערעניש.

אין דער טרילאָגיע גייט פאַר אונדז פאַרביי אַזאַ רייכע גאַלעריע פון יידישע און נישט־יידישע געשטאַלטן; אַזאַ שלל פון געשעענישן און פּראָבלעמען, אַז ס'פאָדערט זיך אַ גרעסערע אַרבעט כדי בלויז פאַרבייגייענדיק אָפּצושטעלן דערויף. אָבער פּטור זיין אָן צו דערמאָנען דעם „העלד פון אונדזער צייט" — דעם יידישן האַמלעט זאַכאַרי מירקין; אָדער די פרוי הורוויץ, „די מוטער פון אַשס מוטערס", ווי ש. ניגער רופט זי אָן (און וועגן מוטער־קאָמפּלעקס אין דער טרילאָגיע איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיק קאַפּיטל, — ג. סאַפּאָזשניקאָוס באַלייכטונג), וואָלט אַוודאי געווען אַן עוולה, אָן אָנצווייזן, ווי שטאַרק אַש איז אויסגעוואַקסן אין דער שרייבערישער מלאכה מיט דער קאָנסטרוקציע פון דער גרויסער טרילאָגיע.

ווילט זיך טאַקע דאָ פאַרבייגייענדיק דערמאָנען: געווען קריטיקערס, וואָס האָבן געטענהט, אַז אַש איז כולו סטיכיע, אַז ער האָט נישט געלערנט, נישט געאַרבעט איבער זיך. זאָלן די קריטיקערס (אָדער זייערע חסידים) זיך מטריח זיין צו אַשס נאָטיץ־ביכער און ברוליאָנען, וווּ ער האָט זיך געמאַכט פאַרצייכנונגען צו דער טרילאָגיע. דאַן וועלן זיי ערשט קאָנען האָבן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקע און פאַרטיפטע פאָרשאַרבעטן שלום אַש האָט געפירט פאַרן שרייבן און בעתן שרייבן זיין טרילאָגיע (ווי אויך די שפּעטערדיקע גרויסע ווערק זיינע, ווי דער „תהילים־ייד", „ביים אָפּגרונט", די „קריסטאָלאָגישע" טרילאָגיע און די ביבלישע ראָמאַנען).

אגב: צווישן די נאָטיצן פון זיין רייזע אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווען ער האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן צו „מאָסקווע", איז פאַראַן אייניקע, אויף וועלכע ס'איז זיך ספּעציעל כדאי אָפּצושטעלן. „נישט קיין סיסטעמען זענען גוט, אָדער שלעכט" און „שלעכטס ברענגט שלעכטס": „דאָס לעבן ווערט נישט אויסגעפילט פון גרויסע אידעאַלן, אָדער שטרעבונגען, נאָר פון מענטשנס טאָג־טעגלעכע מעשים. די אידעאַלן שווימען אין הימל אַוועק און דער רעזולטאַט בלייבן די מעשים"; און דער עיקר — „די גרעסטע מענטשלעכע דערגרייכונג דער ,קאָמוניזם', וואָס באַשטייט אויס דער טיפסטער חכמה און ברייטסטער גוטסקייט, איז אַריינגעפאַלן אין דעם פאַרשלאַבעריקטן און צוריקגעשטאַנענעם רוסישן פאָלק". מ'קאָן, פאַרשטייט זיך, דיסקוטירן מיט דעם סימפּליצירטן אופן פון קאָמענטירן די דורכפאַלן פון קאָמוניזם, די דאָזיקע באַמערקונג וואַרפט אונדז אָבער אַ שיין אויף שלום אַשס עמאָציאָנעלן צוגאַנג צום קאָמוניזם און צום ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט טאַקע גורם געווען — נאָך זיין באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד און נאָכן דערשיינען פון דער טרילאָגיע — דעם סאָוויעטישן חרם אויף שלום אַשן.

און נאָך איין נאָטיץ פון יענער תקופה, וואָס קלערט אונדז אין אַ געוויסער מאָס אויף די ענדערונג פון שלום אַשס שטעלונג אין דער יידן־פראַגע, זיין ווידערדערנענטערונג צום ארץ־ישראל־געדאַנק: „פאַר דער יידישער קולטור האָט די קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד קיין באַדייטונג נישט. די שפּראַך ווערט רייכער — איז נישט קיין איינפלוס אויפן יידישן לעבן — אָפּגעריסן פון יידישן לעבן" —". און באַלד נאָך דעם: „זעכציק זיבעציק יונגעלייט חלוצים ווילן אַרויספאָרן קיין א"י".

שלום אַשס אויספיר פון זיין טרילאָגיע, ליגט אין די ווערטער פונעם אַלטן לערער הורוויץ, אַז מ'קאָן נישט בויען קיין וועלט „אויף אַ פונדאַמענט פון בלוט און מענטשלעכע פגרים", ווייל „נישט קיין וועלט וועט עס זיין, נאָר אַ גיהינום... אַ גיהינום אָנ־

געפילט מיט חיות..." און דער הומאַניסט שלום אַש וויל נישט אַזאַ וועלט.

אַן אַנטשפּאַנונג — אין פּרט פון פּאַרנעם און פּראָבלעמען — איז דער ראָמאַן „גאָטס געפאַנגענע" („דער גורל פון אַ פרוי") אַ דורכויס אינדיווידואַליסטישער ראָמאַן, אַ פּאַעטיזירטער, ליריי־שער, וועגן אַ גרויסער פּלאַטאָנישער ליבע. אגב — נאָך אַ פּרווו פון שלום אַשן צו דערגרונטעווען זיך צו די טיפסטע סודות פון אַ פרויס נשמה. נאָך דער אַנטשפּאַנונג, קומט ווידער דער גרוי־סער שפּרונג פּאָרויס, „דער תהילים־ייד", „דאָס בוך פון אונדזער לעבן" — ווי ער רופט עס אָן אין דער דעדיקאַציע צו זיין פרוי. וועגן פאַרשידענע אַספּעקטן פון דעם ראָמאַן איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, ווילט זיך איצט בלויז צוגעבן, אַז דאָס איז אַ וויטערדיקער פּרווו פון שלום אַשן קינ־סטלעריש אויסצופּאָרעמען די יידישע געשיכטע, אין דעם פאַל — דאָס יידישע לעבן אין פּוילן אין דער ערשטער העלפט פון נייצנטן יאָרהונדערט, מיט אַלע אייגנטימלעכקייטן פון דעם דאָזיקן לעבן, גלויבונגען און אָבערגלויבנס, ליידן און האָפנונגען. און כאָטש אַש אַליין האָט דערקלערט אין אַן אינטערוויו „איך פאַרגעס אין גאַנצן געשיכטע, ווען איך שרייב אַ היסטאָרישן ראָמאַן" — שיילן זיך דאָך אַרויס פון די ראָמאַן־ראָמען קרעפטיקע פּלאַסטן פון יידישער געשיכטע אין פּוילן, דער עיקר — פון פאָלקסטימ־לעכן חסידיזם.

פון געשיכטע — ווידער צו דער היינטצייטיקייט, דאָס מאָל אָבער דאָס יידישע לעבן אין דייטשלאַנד: דער גרויסער, צוויי־בענדיקער ראָמאַן „ביים אָפּגרונט". דאָס איז אַ באַשרייבונג פון דער נאָך־מלחמה־צייט אין דייטשלאַנד, אינפלאַציע, צעפוילטקייט, פאַנאַנדערפאַל און — אויפקום פון דער היטלעריסטישער נאַכט. האַנס באָדענהיימער און אהרן יודקאָוויטש (אַ ייד, אַ פּליט פון אוקראַינע) זענען די צוויי זיילן, אויף וועלכע שלום אַש בויט אויס זיין בילד פון דער דייטשער טראַגעדיע און דער יידישער טראַ־

געדיע אין דייטשלאַנד. און ווי אַן אַליין־ריייניקונג נאָכן קויט און צעפאַלונג פון דייטשישן זומפּ, קומט „דאָס געזאַנג פון טאָל" — דער ראָמאַן־געזאַנג וועגן די, וואָס האָבן געטרוקנט די זומפּן אין ארץ־ישראל, די בויערס פון עמק, די העלדן פון גדוד העבודה, פון דער אַרבעט־אַרמיי, וואָס האָט די ערשטע צוריק איינגענומען פאַר יידן ארץ־ישראל.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער יידישער היינטצייטיקייט אין פאַרשידענע אירע אַספּעקטן און פאַרשידענע לענדער — ער קומט בלויז צוריק צו איר אין זיין ראָמאַן „איסט־ריווער", וועגן דער יידישער היינטצייטיקייט פון צווייטן דור אין אַמעריקע, ווו ס׳גייט ווידער אַדורך דער מאָטיוו, „מענטשן און געטער", דאָס פּראָבלעם געמישע פאָרפעלקער; אָפּגעפרעמדטקייט פון צווייטן דור און דערנענטערונג פון פרעמדע צו דער יידישער טראַדיציע — איז אויסער „איסט ריווער" (און פאַרשידענע דערציילונגען, בעיקר פונעם בוך „דער ברענענדיקער דאָרן", היטלער־נאַכט און געטאָ), גיט זיך שלום אַש אין גאַנצן אָפּ אַן ערך צען יאָר צו דער „קריסטאָלאָגישער טרילאָגיע": — „דער מאַן פון נצרת", „דער אַפּאָסטאָל" און „מערי" (די לעצטע צוויי זענען דערשינען בלויז אין איבערזעצונגען; אין יידיש אָדער העברעיש — נישט דער־שינען). ווילט זיך בלויז אָנווייזן, אַז אומאָפּהענגיק פון אַלע דיסקוסיעס און טענות צו דער טרילאָגיע, איז עס אַ ווייטערדיקע רינג אין דער קייט פון ראָמאַנען, אין וועלכע שלום אַש פאַרייביקט קינסטלעריש פראַגמענטן פון דער יידישער געשיכטע. דאָס מאָל — פון פאַרן חורבן בית שני. און דאָס לאָזט זיך נישט אָפּלייקע־נען אַז מיר האָבן אין די ביכער די קינסטלעריש־קרעפטיקסטע און פאַרביקסטע שילדערונגען פון ארץ־ישראל, דעם פּייזאַזש, לעבן און געראַנגלען אין די צייטן פון בית שני.

נאָך דעם קומט דער גרויסער לייוונט פון יציאת מצרים — דער ראָמאַן „משה". איז אַפילו מיר וועלן זיך נישט אַנטציקן מיט די קאַפּיטלעך פון טעאָלאָגישע, אָדער פילאָזאָפישע טראַקטאַטן,

וואָס זענען פאַראַן אין דעם ראָמאַן, ווערט מען פאַרבליפט מיט דער קראַפט פון שילדערונג, מיטן מאָלן די תקופה, סביבה, די פּיין אין מצרים, יציאת מצרים און די מדבר־וואַנדערונגען, וועלכע ס׳האָט באַוויזן אויסצומאָלן דער קינסטלער שלום אַש.

נאָך „משה״ קומט ווידער אַ מאָמענט פון היינטצייטיקייט — יידישע היינטצייטיקייט אין אַמעריקע — דער ראָמאַן „גראָסמאַן און זון״, ווו ס׳חזרן זיך איבער (אין אַ נייער אַנטפלעקונג) די אַלטע מאָטיוון פון אַשס מוטער־קאָמפּלעקס און וואָס איז „אַ נייע מאַניפעסטאַציע פון שלום אַשס אינעווייניקסטער גאַנצקייט״ — ווי ש. ניגער באַצייכנט עס, — אַן „עדות אויף דער אָרגאַנישער איינהייטלעכקייט פון אַשס רעליגיעז־עטישן און דיכטערישן איך״.

דאָס לעצטע בוך פון שלום אַשן, וואָס איז דערשינען ביי זיין לעבן, איז „דער נביא״ — ווידער אַן עקסקורסיע אין די ווייטקייטן פון דער יידישער געשיכטע: גלות בבל און שיבת ציון. און נאָך דעם — דער נישט פאַרענדיקטער גרויסער פאַרמעסט, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן — די טרילאָגיע וועגן די אָבות. אַוואַנסירט (אָבער אויך נישט פאַר־ענדיקט) איז געווען די דריטע טייל פון דער טרילאָגיע „יעקב און רחל״. נייערט די גאַנצע טרילאָגיע איז געווען פאַרטראַכט ווי אַ קינסטלערישער פונדאַמענט פאַר דער גרויסער סעריע געשיכט־לעכע ראָמאַנען, ווו ס׳איז אויסגעפורעמט געוואָרן דער וועג פון יידישן פאָלק — פון גלות מצרים און גלות בבל; בית שני און צווייטויזנט־יאָריקע גלות־וואַנדערונגען ביזן נייעם אויפקום אין דער מדינה ישראל. די טרילאָגיע וועגן די אָבות איז געווען פאַר־טראַכט ווי דער פונדאַמענט פון דער גרויסער, ממש באַלזאַקישער סעריע, ווייל אין איר האָט שלום אַש געוואָלט אָפּשפּיגלען דעם אויפקום פון יידישן פאָלק, זינט אברהמס ברית מיטן לאַנד כנען. דאָס איז אים שוין ליידער נישט געלונגען צו פאַרענדיקן, נייערט דאָס איז געווען זיין דרך, דער דרך מיט וועלכן ער איז פון שטעטל געגאַנגען איבער דער וועלט צו די מקורות פון דער

יידישער אייביקייט, דורך אַלע פּלאָנטערן, פאַרוויקלונגען, עליות און ירידות פונעם יידישן זיין אין דער וועלט און פונעם יידישן געראַנגל פאַרן זיין.

VII

קידוש השם, משיחיזם, גאולה

דער ביז איצטיקער בקיצורדיקער איבערזיכט איבערן שאַפן פון שלום אַש האָט זיך דער עיקר אָפּגעשטעלט אויף דער טעמאַטיק פון זיינע וויכטיקסטע ווערק — זיין וועג פון דער וויג אינעם שטעטל, איבער דער שטאָט און גרויסער וועלט, צום מקור פון יידישן קיום. ווי שוין דערמאָנט איז אינעם שאַפן פון שלום אַשן בולט דער געראַנגל צווישן עקסטרעמען: גוטס און שלעכטס — אינעם מענטשן און אין דער נאַטור; קדושה און טומאה, הימל און ערד, גאָט און שטן, אַפילו — מענטשן און גע־טער. דאָס זענען געווען די געראַנגלען, וועלכע ער האָט געשאָנקען זיין קינסטלערישע אַנגאַזשירטקייט — רייך־מענטשלעך, אָן אַ ספּעציעלער יידישער באַזינונג — אויף וויפל ס׳איז בכלל מעגלעך אָן ענלעכע זאַך ביי אַזאַ דורכויס יידישן מענטשן און קינסטלער, ווי ס׳איז געווען שלום אַש. איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די אידעישע כוחות, וועלכע האָבן — לויט שלום אַשן — באַ־וויגן די יידישע געשיכטע, דאָמינירט אינעם יידישן לעבן אין משך פון לאַנגע דורות; אויב נישט פונעם באַגין פון יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק, איז יעדנפאַלס: אין דער גלות־געשיכטע פון יידישן פאָלק. דאָס זענען געווען: קידוש־השם, ווי אַ רוף אין דער יידישער גלות־געשיכטע (און אויך פאַר איר) און ווי אַ מקור פון יידישן העראָיזם; משיחיזם — ווי אַ טיף־יידישער גלויבן, ווי אַ אידעישע באַקרעפטיקונג צום גיין אויף קידוש השם און ווי אַ באַוועגונג אין פאַרשידענע עטאַפּן פון דער יידישער

געשיכטע; גאולה, ווי אַ פּועל יוצא פונעם ניצחון פון משיחישן — בפירוש: משיחישן, נישט משיחן, ווי אַן אינדיווידואַליזירטער פּערסאָניפיקאַציע פון משיחיזם. און דער אויסגאַנג פון די שטרע־מונגען און שטרעבונגען — ארץ־ישראל, ווי דער סוף פּסוק פון יידישע וואַנדערונגען און צרות; ווי דער סוף פּסוק פאַר שלום אַשן פּערזענלעך. קידוש השם, משיחיזם און גאולה — דאָס איז אַ מין דרייאייניקייט אין געשיכטלעכע עטאַפּן פון שלום אַשס דרך אין דער יידישער אייביקייט, במילא — פון שלום אַשס דרך קיין ארץ־ישראל.

קידוש השם „אויב נישט פונעם באַגין פון יידישן פאָלק" — דער זאַץ איז נישט צופעליק אַריינגעפאַלן מיט אַ צאָל שורות פריער. די עלעמענטן פון קידוש־השם אין דער יידישער געשיכטע זעט שלום אַש שוין ביי די אָבות און ער ברענגט זיי אַרויס אין דעם נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן „אברהם און שרה" — פון דער נישט אָנגעשריבענער טרילאָגיע וועגן די אָבות (דער קאַמף פון אברהם קעגן תרחס געטער, עקידת יצחק) — ווי אויך אין דעם נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן „יעקב און רחל" פון דער זעלבער געפּלאַנטער טרילאָגיע. גאָר שטאַרק איז דער קידוש השם־עלע־מענט אין „משה". ער איז אַוודאי פאַראַן אין דער פריער ביב־לישער טראַגעדיע פון שלום אַשן „יפתחס טאָכטער" (כאָטש דער גאַנצער מאָטיוו האָט אין זיך אַ סך אויך פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע) פון דער שופטים־תקופה; אין דעם לעצט־דערשיי־נענעם ראָמאַן פון שלום אַשן „דער נביא" (גלות בבל) און טאַקע — אין אַ גאָר שטאַרקער מאָס — אין „דער מאַן פון נצרת". דאָס איז אַלץ קידוש־השם־עלעמענטן אין שלום אַשס ווערק, וועלכע נעמען אַרום די תקופה ביזן צוויטויזנט־יעריקן גלות.

קידוש־השם־מאָטיוון זענען טאַקע נישט געווען קיין נייס אין דער אַזוי יונגער יידישער ליטעראַטור פונעם אָנהייב יאָרהונ־דערט. מיר האָבן געהאַט אינעם ליטעראַטור־אוצר די היסטאָרישע אָפּערעטקעס פון אברהם גאָלדפאַדען, אין וועלכע דער קידוש־

השם־מאָטיוו שפּילט גאָר אַ וואָגיקע ראָל — ווייל ער האָט אויך אַזאַ ראָל געשפּילט אין דער יידישער געשיכטע. און ליטעראַטור, וואָס פירט אויס איר נאַציאָנאַלע שליחות, מוז אָפּשפּיגלען די וויכטיקסטע טרייב־כוחות און היסטאָרישע, גייסטיקע שטרעמונ־גען אין דער אייגענער געשיכטע. אין אַן אַנדער פאָרם חזרט זיך דער מאָטיוו איבער אין פאַרשידענע וואַריאַנטן אויך שפּע־טער — געגנוג צו דערמאָנען י. ל. פּרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכ־טעס" און בעיקר: „די דריי מתנות"; אָבער — שוין פון אַ פרישער תקופה, אונטערן איינדרוק פון די דעמלטדיקע פּאָגראָ־מען אין רוסלאַנד — דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי". אין ערגעץ אָבער — און ביי קיינעם נישט — באַקומט דער מאָטיוו נישט אַזאַ מעכטיקע פאַרקערפּערונג, ווי אין שלום אַשס „קידוש השם", דעם היסטאָרישן ראָמאַן וועגן דער יידישער טראַגעדיע פון ת"ח און ת"ט, כמיעלניצקיס פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

שלום אַש האָט „קידוש השם" געשריבן אונטערן פרישן איינ־דרוק פון די דעמלטדיקע אוקראַינער פּאָגראָמען (1918—1920), ווי ער וואָלט וועלן אונטערשטרייכן, אַז אויך אין אונדזערע צייטן איז דער קידוש־השם־עלעמענט נישט פאַרשווונדן פונעם יידישן זיין און ווי ער וואָלט פאָרויסגעזאָגט, אַז נאָך אין אונדזער דור וועט ער באַקומען ווידער זיין העכסטן אויסדרוק — בעתן היט־לער־חורבן אין איראָפּע. זאָגט דאָך שלום אַש אַליין (אין זיין הקדמה צו „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע"): „צוויי עלע־מענטן אין דער יידישער געשיכטע האָבן מיך פון תמיד אָן פאַר־אינטערעסירט: דער קידוש השם און די מעסיאַנישע שטרעבונ־גען, וואָס פלעגן נאָכפאָלגן נאָך יעדן קידוש־השם. די צוויי עלע־מענטן פון דער יידישער געשיכטע האָבן לענגס געררייצט מיין פאַנטאַזיע און מיין שרייבערישן חשק. לעצטנס הייב איך אָן צו פּרובירן צו פאַרווירקלעכן מיין שריפטשטעלערישן חלום".

„...דער קידוש השם פון גזירת ת"ח און ת"ט איז מער אָדער ווינציקער אויסגעהאַלטן היסטאָריש... כאָטש יחידים האָב איך

מיר געמוזט שאַפֿן...״ די יחידים, דאָס איז: מענדל אַרענדאַר מיט זיין ווייב און זון שלמהלע; דבורהלע מיט אירע עלטערן און דער עיקר — דאָס הייליקע שניידערל, דער סימבאָל פון שלום אַשס גלויבן אין בעסערע צייטן, פונעם ביטחון און ביטחון־טרעגעריי.

ווי אַ מאָטאָ פאַר „קידוש השם״ דינט אַ ציטאַט פון אַן אַלט ספר: „מיר שעמען זיך אַלץ אַרויסצושרייבן, וואָס די קאָזאַקן און טאַטאַרן האָבן געטון מיט די יידן, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשע־מען דעם מין מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין גאָטס גע־שטאַלט״.

„קידוש השם״ איז פון די בעסט־קאָנסטרואירטע ווערק פון אַשן. ער שאַפט קודם כל אַן אויסדריקלעכן פאָן, שילדערט די יידישע אויפבוי־אַרבעט אין די פאַרוואָרפענע סטעפּעס פון אוק־ראַינע, ווו ס׳קומען אויף — אַ דאַנק דער יידישער איניציאַטיוו, דרייסטקייט, עקשנות און מי — נייע יישובים. אין אַזאַ נייעם יישוב בויט אויף דער אַרענדאַר, מענדל, די צווייי וויכטיקסטע ערטער, וואָס יידן האָבן באַדאַרפט צו האָבן כדי זיך אויסצולעבן ווי יידן: אַ שול און אַ בית־הקברות. נישט אַזוי לייכט דערגרייכט ער עס ביי זיין פוילישן פּריץ, — שוין דאַן גייט ער אויף קידוש השם ממש, כדי דאָס צו דערגרייכן. און ווען דער יישוב צעבליט זיך, ווען „וויט און ברייט האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון דער נייער שול איבער די וויסטע סטעפּעס פון אוקראַינע און געטראָגן האָט זיך די בשורה איבער וואַלד און פעלד און געראָשט האָט יעדער בוים און יעדעס גרעזל...״; ווען זלאָטשעוו ווערט שוין אַ שטאָט פון תורה און מ׳פראַוועט די חתונה פון מענדל אַרענדאַרס בן־יחיד, דעם אַזוי אויסגעבעטענעם שלמהלע, מיט דער פרומער, געראָטענער דבורהלע — דאַן ברעכט אויס די שריפה, ס׳קומט אויך די פייער־פאַרפליצונג, וואָס פרעסט אויף מיט אירע בלוי־טיקע צינגער די בליענדיקע ישובים מיט זייערע יידן צוזאַמען.

ר׳ נתן נטע האַנאָווער — דער חורבן־היסטאָריקער פון יענער תקופה — דערציילט: „עס איז געווען און אַ בתולה איז

געפאַנגען געוואָרן ביי אַ קאָזאַק. ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. און עס איז געווען איידער ער איז מיט איר צוזאַמענגעקומען, האָט זי צו אים געזאָגט מיט גרויס חכמה, אַז זי ווייס אַ סגולה, אַז עס זאָל איר נישט שאַטן קיין כלי־זין... דער קאָזאַק האָט געמיינט, אַז אירע רייד זענען אמת און ער האָט אויף איר אויסגעשאָסן מיט זיין ביקס און די בתולה איז געבליבן ליגן אויף דער ערד טויט. זי איז אומגעקומען על קידוש־השם, אַז דער קאָזאַק זאָל זי נישט מטמא זיין". אָט האָט איר דעם סקעלעט, אויף וועלכן שלום אַש האָט אַרויפגעטון זיין קינסטלעריש בלוט און פלייש צו דער צווייטער טייל פון „קידוש השם" — די ליבע פון יערעמען צו דבורהלען און איר הייליקער טויט. ביי אַשן איז עס דאָפּלט הייליק — הייליק פאַר דער יידישער ריינקייט פון דבורהלען און הייליק פאַר יערעמען, וועלכער דערזעט אין איר גאָטס־מוטער.

אַן ענלעכער צוזאַמענשפּיל פון מאָטיוון: יידישער קידוש השם און קריסטלעכע פאַרהייליקונג, איז פאַראַן אינעם צווייטן ראָמאַן פון דעם קידוש־השם־ציקל — אין „די כישופמאַכערין פון קאַס־טיליע". נאָך מער: אין דעם דאָזיקן ראָמאַן וויל שלום אַש אויס־מאָלן אויך דעם אָפּהילך, וואָס דער יידישער קידוש השם האָט אין דער גויאישער וועלט און ס'איז אַזוי אַרום נישט קיין איבער־חזרונג פון דער טעמע אין אַן אַנדער לבוש, נייערט אַ ווייטער־דיקע פאַנאַנדערוויקלונג פון דער טעמע. „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" קומט פאַר אין אַ היסטאָריש־פריערדיקער תקופה (מיט אַן ערך 100 יאָר פריער, אינעם רוימער געטאָ), ס'איז אָבער — קינסטלעריש און אידעיש — אַ שטאַפּל ווייטער פון „קידוש השם". און זאָל נאָך דאָ ציטירט ווערן אַ פראַגמענט פונעם מחברס הקדמה צו „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", דעם סוף פון דער הקדמה: „...דאָך האָב איך מיט אַ כיוון איבערגעטראָגן די אַלע גרויזאַמקייטן פון דער אינקוויזיציע, — די פרוכט פון דער קריסטלעכער קולטור — נאָך רוים, וויל דער שטעל־פאַר־טרעטער פון יעזוס קריסטוס, אין וועמענס נאָמען די גרויזאַמקייטן

זענען באַגאַנגען געוואָרן, איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער קריסטלעכער קולטור און מאָראַל".

און נאָך אייניקע ציטאַטן פונעם אָנהייב פונעם ראָמאַן:

„הינטער די מויערן פון דער יידישער געטאָ האָבן געזונקען אין שמוץ און שטויב די פּראַכט און הערלעכקייט, דער רום און גרויסקייט פון זייערע אַמאָליקע פיינט..." „... פון אויגוסטס טריומף־בויגן האָט מען געמאַכט אַ מויער צו דער יידישער געטאָ און פון טיטוס־בויגן האָבן יינגלעך מיט שטיינער אָפּגע־האַקט די רעליפן און אויף די חורבות פון די טעמפּלען פון אַפּ־ראָדיטאַ האָבן יידן אויסגעשפּרייט זייערע סחורות צו פאַר־קויפן..." „... עס איז געווען ווי די יידן וואָלטן נקמה גענומען פון זייערע באַזיגער און נישט איינער פון זיי האָט זיך געטראַכט: אַזוי ווי מיר פאַרקויפן פיש און געווירצן אויף די חורבות פון די טעמפּלען פון ווענוס און אַפּאָלאָ, אַזוי וועלן אַמאָל אונדזערע קינדער אויסשפּרייטן זייערע סחורות איבער די חורבות פון די קריסטלעכע טעמפּלען, וואָס קוקן אַראָפּ איבער דער וועלט פון רוימס בערג מיט שטאָלץ און הערשאַפט... ווי אַמאָל די טעמפּלען פון ווענוס און אַפּאָלאָ..."

אין דעם זעלבן ראָמאַן (וואָס איז אַן אויסברייטערונג און אַנטוויקלונג פונעם מאָטיוו, וועלכן ער האָט שוין אויסגענוצט אין זיין פריער דערציילונג „אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט") האָט שלום אַש באַוויזן די הייליקע יידישע טאָכטער יפתעה — ווי די מאַדאָנאַ, די הייליקע מוטער, אין די אויגן פונעם פאַרליבטן קריסטלעכן קינסטלער. „— הייליקע מאַריע, אומשולדיקע ריינקייט, דו לוי־טערקייט פון נשמות, דו, וואָס דו טראָגסט דעם צער פון דער וועלט, האָב רחמנות!" — האָט דער קריסטלעכער קינסטלער מתפלל געווען צו דער יידישער טאָכטער.

אַן אָפּקלאַנג פון דעם מאָטיוו איז אויך פאַראַן אין שלום אַשס דראַמאַטיש ווערק „מאַראַנען", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין

דער זעלבער תקופה. כאָטש די האַנדלונג קומט פאָר אין דער פרייער שטאָט עמדען, מיט אייניקע צענדליק יאָר שפּעטער, רופט זי זיך איבער מיט יענע פּראָבלעמען און איבערלעבונגען, וואָס זענען ברייטער אַנטוויקלט געוואָרן אין „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע". ר׳ אורי הלוי זאָגט צום סוף פון דער דראַמע: „לייגט איך אויף דר׳ערד אין אַש און שטויב, ווערט אונטערטעניק צו גאָט. איך האָב אַן אַלטן ספר. זיינע פּאַרמעט־בלעטער זענען מיט טרערן באַפלעקט פון דורות, וואָס האָבן אין אים געבעטן. פון אים וועל איך אייך אַ תפילה זאָגן און זאָגט מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!..."

פון קידוש השם — צום משיחיזם, צו „די מעסיאַנישע שטרעבונגען, וואָס פלעגן נאָכפאָלגן נאָך יעדן קידוש השם", ווי אַש האָט עס פאָרמולירט אין דער פריער־ציטירטער הקדמה צו „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע". דאָס הייסט נישט, אַז זיי האָבן שרייבעריש־כראָנאָלאָגיש נאָכגעפאָלגט ביי אַשן נאָך די קידוש־השם־מאָטיוון, פאַרקערט — די משיח־מאָטיוון, אויב זיי זענען נישט פאָרויסגעגאַנגען ביי אים דעם קידוש השם, זענען זיי לכל־הפחות געגאַנגען פּאַראַלעל, יעדנפאַלס — אין דער דראַמע. והראיה — „יפתחס טאָכטער" און „שבתאי צבי".

די שבתאי צבי־באַוועגונג איז אויפגעקומען אויף די כוואַליעס פונעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט אין די שחיטות פון ת״ח און ת״ט, אָבער אויסגערייפט האָט זי אין דער אָריענטאַליש־מיסטישער סביבה פון טערקיש קליין־אַזיע, בעיקר אין סמירנע. אין שבתאי צבי, — וועלכער איז קעגן זיין ווילן געוואָרן אַ פאַלשער משיח, ווייל די יידישע צרות און דער אַרומיקער פאַנאַטיזם האָבן אים אַרויסגעהויבן צו ווערן משיח — קומט פאָר דער טיפּיש־אַשישער געראַנגל צווישן קדושה און טומאה. אָבער דער אויסקלאַנג פון דער טראַגעדיע זענען די ווערטער פון „דער אַלטער יוד" — דער סימבאָל פון יידישן גלות־וואַנדערער: „איך גלויב אין אַ וואָר גלויבן, אַז קומען וועט משיח. און כאָטש ער

פאַרזוימט זיך אַזוי לאַנג, דאָך וואַרט איך אים אָפּ, טאָג אויף טאָג, אַז ער קומט״.

דאָס איז דער יידישער ליידן־ און וואַנדער־גלויבן, דאָס איז דער מקור פון משיחיזם אין דער יידישער געשיכטע און במילא — ביי אַשן.

אין דער פּיעסע „משיחס צייטן״, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך פאַר „שבתאי צבי״, נייערט וועלכע מ׳דאַרף נישט באַטראַכטן פאַר אַ „משיחישע״ (נישט געקוקט אויף איר נאָמען); פאַרקערט — דאָס איז דער גרויסער וויכוח אינעם יידישן לעבן אין דער תקופה פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, — זאָגט משה, דער ייִנגסטער זון פון דער משפחה: „אַ פאָלקס־גייסט קאָן מען נישט פון פינגער אויסנאָגן — נישט פון צוויי טויזנט יאָר פריער, נישט פון צוויי טויזנט יאָר שפּעטער. עס מוז זיין פון דעם, וואָס עס איז: פון נעכטן און היינט, פון היינט און מאָרגן...״ אָט די דאָזיקע איינגעקייטלטקייט פונעם פאָלקס־גייסט, זיין צונויפגעבונדנקייט אין אַלע יידישע דורות און זיין פאַרבינדונג מיט דער צוקונפט, פילט קינסטלעריש אַרויס שלום אַש און געשטאַלטיקט עס אין זיינע ווערק. ווי אַ פאַרבינד־מכשיר פון אַלע דורות יידישן גערעַנגל — פאַר אַלע דורות יידישן קיום — האַלט ער דעם משיחיזם.

נייערט די משיח־אידעע איז געווען בלויז אַ טרייבקראַפט אין דער יידישער געשיכטע; קיין רעאַליטעט איז זי קיינמאָל נישט געוואָרן. „עס איז נישט געווען קיין אין פעריאָד אין יידישן לעבן — נאָך די נביאות פון ישעיהו — וועלכער איז געווען אַזוי ליכטיק און ברייט געגנוג, אַז מען זאָל קאָנען זאָגן — אַז אויף דעם פעריאָד, אָדער אויף דעם קעניג — באַציט זיך ישעיהס נביאות וועגן משיחישער מלוכה״ — האָט זיך שלום אַש פאַרצייכנט אויפן ראַנד פונעם ענגלישן בוך פון דזשוליוס ה. גרינסטאָן „די משיח־אידעע אין דער יידישער געשיכטע״.

דערשיינט פון צייט צו צייט אין די קלענערע ווערק פון

מיט פראָפעסאָר ד״ר חיים ווייצמאַן, דעם ערשטן פרעזידענט פון דער מדינה

שלום אַשן דער משיח־מאַטיוו; ער באַווייזט זיך גאָר שטאַרק אינעם „תהילים־ייד" — דורך דער געשטאַלט פונעם סמאָלע־ייד דעם שבתי־צביניק, ר' נתן, ווען משיח אַנטפלעקט זיך און זאָגט: „זע, איך בין אַרומגעגאַרטלט מיט דער שווערד, וואָס די אבלי ציון האָבן מיר אָנגעגאַרטלט און מיט דעם חסד פון קוש, וואָס די מוטער רחל האָט מיר געשאָנקען אויף מיין שטערן, גע־קרוינט מיט דער קרוין פון גאָט און איך שטיי אין דער נאַכט הינטער אייער טיר און וואַרט, אַז איר זאָלט מיר עפענען. אייערע טרערן ווערן געציילט... אייערע קרעכצן געזאַמלט... די מאָס ווערט פול, די פרוכט ווערט רייף... — ...איך בין שטענדיק ביי אייך, נאָר אַנטפלעקן וועל איך זיך, ווען איר וועט מיך וועלן".

אין אַ פריערדיק ווערק פון שלום אַשן — אינעם פאָרשפּיל צו דער טראַגעדיע „אַ שנירל פערל" — איז משיח אַליין אַ האַנד־לענדיקע (אָדער ריכטיקער: רעדנדיקע) געשטאַלט. באַקלאָגט זיך דאָרט משיח צו גאָט: „האָסט אויפגעעפנט מיין האַרץ צו פאַר־נעמען דעם וויי פון דער וועלט און מיר נישט געגעבן די מאַכט צו העלפן איר". משיח באַקלאָגט זיך, אַז די מענטשן וואַרטן פון דור צו דור אויף זיין קומען. ער באַנעמט דעם ווײ־געשריי פון דער וועלט און אַליין איז ער הילפלאָז, אין קייטן געשמידט צום טיטוס־טויער אין רוים. „עס שטייען אויף אין יעדן דור גרויסע גייסטער צו די מענטשן. זיי שלייפן מיינע אייזנס מיט גאָטס וואָרט, וואָס זיי פלאַנצן אין מענטשנס הערצער אַריין. אין יעדן דור רינט ניי בלוט אין מיינע אַלטע ביינער אַריין און איך ווער יונג און באַנייט". אָבער דער דור, וואָס איז ראוי אים צו באַפרייען פון די קייטן, איז נאָך נישט געקומען. און ווען די מוטער, די אומשטערב־לעכע מוטער, וואָס פילט דעם צער פון איר קינד, באַפרייט משיחן פון די קייטן, נעמט זי צו ביי אים דעם שופר, זיין מאַכט, זי פאַר־וואַנדלט אים אין איינעם פון די ליידנדיקע מענטשן. פרייט ער זיך דערמיט, ער רופט אַרויס טיטוסן צום קאַמף. ווייל ער גלויבט, אַז דורך ליידן וועט ער צוריק געווינען זיין קראַפט. און ליידן,

דאָס איז שוין ווידער דער קידוש־השם־מאָטיוו (וואָס איז, אגב, דאָמינירנדיק אין „אַ שנירל פּערל") — דאָס איז אויך דער וועג צו גאולה.

דיליידן פון מענטשן — און פון משיחן, ווי איינעם פון זיי — דאָס איז דער וועג צו גאולה. דאָס איז אויך דער משיח־מאָטיוו אין אַשס אַזוי פאַרשריגן און אַזוי וואָגיק ווערק „דער מאַן פון נצרת". ישו איז ביי אַשן דער ייד פון נצרת, דער רבי פון נצרת. ער איז דער קעמפער קעגן דער גייסטיקער הערשאַפט פון רוים איבער ארץ־ישראל — און קעגן דער יידישער אַריסטאָקראַטיע און מאַכטיקע כוהנים, וועלכע פאַרקנעכטן צוזאַמען מיט די רוימער דאָס פאָלק. ער איז דער ייד פון גליל, דאָס הייסט: דער ייד פון דער אָרעמקייט. ס'רוב בונטאַרן זענען אין יענע יאָרן געקומען פון די גלילער בערג, פון דער גלילער נויט. אָבער ישו זוכט נישט די הערשאַפט אויף דער וועלט — ער זוכט די הימלישע הערשאַפט. און ווען ר' נקדימון זאָגט צו אים: „מיר האָבן דאָס קומען פון דער גאולה אַרויסגעכישופט מיט אונדזערע ווייטיקן" — שטויסט אים אָפּ דער מאַן פון נצרת, ווייל ער איז נישט זיכער, צי ער איז באַרופן גאָר צו ברענגען די גאולה. כאָטש ער לאָזט זיך דורך זיינע תלמידים דערהייבן צום ווערן אַ משיח, איז ער ביזן סוף נישט זיכער, צי ער איז עס מסוגל צו ברענגען די גאולה — סיידן „דאָס קעניגרייך פון הימל". אָבער מענטשן בלייבן לעבן אויף דער ערד און זייער שטרעבן איז צו אַ גאולה, אַ דערלייזונג אויף דער ערד, אויף וועלכער זיי לעבן, קומט פאָר אַ קאָנפליקט צווישן מענטש און משיח.

אין דעם לעצטן בוך זיינעם, וואָס איז דערשינען — „דער נביא" — קומט ווידער שלום אַש צוריק צום משיח־מאָטיוו. דאָס מאָל נאָכן חורבן בית ראשון, צו דער גאולה פון גלות בבל. דער נביא „ישעיה דער צווייטער" זאָגט פאָר, אַז כורש, דער מלך פון פרס, וועט זיין משיח, ווייל „דער נביא האָט געזען באַשיינפּערלעך די גאולה. ער האָט געזען דעם נייעם יציאת מצרים". און די

פונקציע פון משיחן איז צו ברענגען די גאולה. צי וועט דער נייער יציאת מצרים דורכגעפירט ווערן פון כורשן, צי בראש דערפון וועט שטיין דער פרינץ פון בית דוד, זרובבל — נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז די גאולה, דער נייער יציאת מצרים. דערפאַר איז כדאי דעם נביא מקריב צו זיין זיין לעבן.

קורץ נאָכן דערשיינען פון „דער נביא" — בלויז אייניקע חדשים פאַר זיין פּטירה — האָט שלום אַש זוכה געווען איבערצו־לעבן אַליין אַ צווייטן יציאת מצרים. ווייל פאַר אַזאַ באַטראַכט ער דעם ניצחון פון ישראל אין דער סיני־אַקציע. ס׳קלינגען ממש נביאיש די ווערטער זיינע, וואָס ער האָט געשריבן אינעם אַר־טיקל „דער צווייטער יציאת מצרים" (אין די לעצטע נייעס", פסח־נומער פון 1957): „דער נצחון פון ישראל אין סיני איז נישט געווען קיין צייטווייליקער... אַן עפּיזאָד פון אונדזער גע־שיכטע, נאָר אַ מאָנומענטאַל געשעעניש, וואָס הייבט זיך ערשט איצט אָן צו אַנטוויקלען און דער פּועל־יוצא וויקלט זיך אַרויס וואָס האָט געמאַכט שטוינען אַלע פעלקער..."

„...ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם סטאַדיום פון אַן אומבאַהאָלפענעם קרבן, אויף וועלכן זיי קאָנען אויסלאָזן זייערע סאַדיסטישע מאָרד־לוסטן..."

„די סיני־אַקציע איז געווען אַ פּסיכאָלאָגישער יציאת מצרים, וואָס האָט איבערגעאַנדערשט איינמאָל פאַר אַלע מאָל דעם אָנזען פון ישראל אין די אויגן פון דער וועלט. ס׳איז געווען אַן אמתער איבערגאַנג ,מעבדות לחירות׳. דאָס וועט שוין קיינער נישט אָפּ־ווישן".

אַזוי האָט געשריבן שלום אַש אין יאָר 1957. ווי נביאיש קלינגען די ווערטער היינט, צען יאָר שפּעטער, נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג!

אַזוי האָט זיך דערנענטערט צום סוף פון זיינע וואַנדערונגען דער דיכטער־אומרו שלום אַש. ער איז אַוועק פונעם יידישן נעכטן — פון זיינע חדר־איבערלעבונגען — אין זיין דעמלטדיקן

היינט: דאָס שטעטל, דאָרף, די גרויסע שטאָט; ער האָט קינסט־לעריש באַלויכטן דעם געראַנגל פאַרן יידישן קיום אין גלות — די וואַנדערונגען איבער גרויסע שטעט און אין דער גרויסער וועלט אַריין; פאַרשידענע ווינקלען און אַספּעקטן פון דעם דאָזיקן געראַנגל אין אונדזער דור און אין די צענדליקער דורות פריער; ער האָט דעם געראַנגל באַוויזן אין זיינע הויפּט־מאָטיוון; קידוש השם, משיח־חלומות, שטרעבן צו גאולה; פאַרמאָסטן זיך צו געבן דאָס גרויסע בילד פונעם יידישן קיום זינט דעם בראשית פונעם יידישן פאָלק, דעם באַגין זיינעם, די אבות. האָט טאַקע אויפריכטיק געקאָנט קלאָגן נאָכן טויט פון שלום אַשן דער דיכטער־קיבוצניק אברהם לעוו:

א, ווער קאָן אויסמעסטן דיין טיף?
האָסט אַלעמאָל געשפּאַנט אַריבער מרחק,
איבער צייט...
געגליכן ביסטו צו אַ גרויסער שיף,
אַ פול באַלאָדענע,
וואָס אָפּגעזעגלט האָט אין ווייט.

מרחקים און צייטן — דאָס איז געווען די סטיכיע פון שלום אַשן. וועגן דעם האָט ער כסדר געטרוימט, דאָס האָט ער זיך באַמיט צו געשטאַלטיקן. און ביי זיין גאַנצער וואָרצלדיקער און קערנדיקער פאָלקסטימלעכקייט, האָט ער געזוכט דאָס דערהויבענע, דאָס מלכותדיקע, דאָס שיינענדיקע פונעם יידישן זיין — דאָס איז געווען די צוויאיקייט אין אים: רעאַליזם און ראָמאַנטישקייט. דאָס איז אויך געווען זיין באַזונדערקייט, זיין אייגנקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אים געהאָלפן אַרויסהייבן זיך איבער זיין דור יידישע שרייבערס.

„ער האָט געטרוימט, ווי ער האָט זיך ערגעץ אויסגעדריקט, נאָך דעם אַדל פונעם יידישן בלוט — פון אַ תמר" — שרייבט

ש. ניגער — „זיין בענקשאַפט נאָך דעם אַדל פון דער יידישער קעניגס־טאָכטער האָט ער אַריינגעחלומט אינעם שטעטל און זייער אָפט, אַז מיר האָבן דאָרט שיר־השירים־פערזן, ווייסן מיר נישט ווו מיר זענען: אין גלות פוילן, צי גאָר אינעם לאַנד פון יהודה".

דאָ איז בלויז נישט דערזאָגט געוואָרן איינס: דאָס לאַנד פון יהודה, ארץ־ישראל, איז געווען דער וויכטיקסטער מקור פון שלום אַשס שרייבערישער אינספּיראַציע. ווייל בעצם איז אַש געווען אַן ארץ־ישראלדיקער שרייבער אין זיין טיפסטער טיף, אפשר דער צום מיינסטן — און זיכער: איינער פון די צום מיינסטן — ארץ־ישראלדיקע שרייבערס ביי יידן.

VIII

ארץ ישראל

ארץ ישראל איז געווען דער וויכטיקסטער מקור פון זיין שרייבערישער באַגייסטערונג און די צום אָפטסטן באַנוצטע טעמע. אַ טעמע פאַר גאַנצע ווערק, דער פאָן פון אַ צאָל ווערק און דער אָביעקט צום פאַרגלייכן, וואָס גייט כמעט דורך אין יעדן ווערק זיינעם. ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן וועגן ארץ־ישראל־מאָטיוו אין „אַ שטעטל" און אין אַ צאָל פריע דערציילונגען זיינע. אין „דאָס בוך פון צער" איז ארץ־ישראל דערמאָנט אַ סך מאָל און ס'איז פאַראַן דאָרט אַ באַזונדערע דערציילונג „דער ציוניסט". אין כמעט אַלע ביכער זיינע וועגן אַמעריקע רייסט זיך דורך דער א"י־מאָטיוו. אין „קיין אַמעריקע" דערמאָנט ער „וועגן וואָס פירן קיין ארץ־ישראל"; אין „אַ רייזע אין קאַליפאָרניע" זעט ער, צווישן אַנדערע, הייזקעס „ווי די אַראַבישע ליים־הייזלעך אין א"י" און — „נישט ווילנדיק דערמאָנט מען זיך אָן די איינזאַמע בערג פון א"י". דער גרענד־קעניאָן דערמאָנט אים מדבר יהודה און אַז ער דערזעט אין קאַליפאָרניע בליענדיקע פאָמעראַנצן דוכט זיך אים, אַז „איך פאָר אַריין אין אַ יידישער קאָלאָניע אין יהודה"; אין קאַליפאָרניער פאַרמערס זעט ער אָפט „די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן פון פאַלעסטינע". אין „אַנקל מאָזעס" איז ביי טשאַרלי, דעם יונגן רעוואָלוציאָנער, „די רעוואָלוציע איז ביי אים געווען, ווי אַ הייליקייט, אַן ארץ־ישראל"; אין „אַנקל מאָזעס" זענען פאַראַן „טעמפּלען געטלעכע... ווי אַ ירושלים". איז דאָך נישט קיין וואונדער, אַז ווען דער אַלטער קוזמינער ייד שטורעמט

קעגן מאָזעס מעלניק, שרייט ער „לאָז אַרויס די יידן פון מצרים״. און שטאַרליס רעדע, ווען ער אָרגאַניזירט דעם שטרייק, איז פאַרבונדן מיט אַ משל וועגן יציאת מצרים.

נייערט אַפילו אין זיינע לעצטע אַמעריקאַנער ווערק געפינען מיר אַזעלכע פאַרגלייכן: „ווי יידן אין גלות זענען געקומען צו די טייכן פון בבל אויסצוגיסן דאָרט זייער טרויער און בענקשאַפט נאָך ציון און ירושלים, אַזוי זענען די פעלקער פון אייראָפּע, וואָס האָבן באַוווינט דעם קליינעם בלאָק פון דער אַכט און פער־ציקסטער גאַס״ א.א.וו. אָדער „מיט זייערע נשמות געפינען זיי זיך אויף גרינע פעלדער, אויף די פעלדער אַרום דער הייליקער שטאָט צפת, ווו דער אר״י הקדוש איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע חסידים מקבל שבת זיין אין פעלד, צווישן די גרעזער און פלאַנצן, וואָס צווישן זיי באָדן זיך אין טויט די ריינע נשמות״ („איסט ריווער״). און אין „גראַסמאַן און זון״ קומט ראָבערט און „ער האָט דערציילט פון דעם דור יידן, וואָס האָט געמוזט אויפ־שטיין אין ישראל, פון די ישראלדיקע בחורים און מיידלעך, וואָס לאָזן זיך אַרונטער מיט פּאַראַשוטן אין שונאס טעריטאָריע... ...צו פירן דעם איבערבלייב פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן קיין ישראל״...

ס׳וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען צו ברענגען ארץ־ישראל־ציטאַטן פון די 60 בענד שלום אַשס ווערק. ס׳איז דאָך איבעריק צו באַווייזן, אַז אַזעלכע ווערק ווי „אמנון און תמר״, „יפתחס טאָכטער״, אַפילו „יוסף״, „ארץ ישראל״, „דער מזבח״, „דאָס גע־זאַנג פון טאַל״, „דער מאַן פון נצרת״, „משה״, „דער נביא״ — אַז דאָס איז כולו ארץ־ישראל און די „מעשהלעך פון חומש״ — דאָרט שרייבט דאָך טאַקע שלום אַש: „און גאָט האָט אונדז דאַן א״י אַוועקגעשאָנקען און זי געהער צו אונדז ביז אויפן היינטיקן טאָג״ („גאָט באַווייזט זיך צו אברהם״).

זאָגט שלום אַש (אין דער שוין ציטירטער אויטאָביאָגראַפיע צו זיין 50־טן געבוירן־טאָג) „פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט

דער תנ״ך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט מיין פֿאַנטאַזיע...״ און אין „דער מזבח״ — „מיין סענטימענט צו ארץ־ישׂראל האָב איך נאָך פֿון יענע טעג, ווען מיר זענען ביידע געגאַנגען אויף די וועגן שפּאַצירן...״ (מיט אַ יינגל, אַ חבר פֿון בית־מדרש). ובכן — ארץ־ישׂראל איז אַריין אין שלום אַשס וועלט — כ׳וואָלט גע־זאָגט: אין זיין וועלט־באַנעם — נאָך פֿון חדר.

אַוודאי קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז די גענעזע פֿון ארץ־ישׂראל־סענטימענט ביי אַלע יידישע שרייבערס — און נישט בלויז ביי שרייבערס. אָט די דאָזיקע חדר־ארץ־ישׂראלדיקייט האָט טיף געוואָרצלט אין כמעט אַלע קינדער פֿון יידישע היימען. אָבער ביי אַשן איז עס פֿאָרט אַוועק אַ סך טיפֿער. שוין בעת די שווערע יאָרן פֿון זיין בריוו־שרייבעריי אין וולאָצלאַוועק, איז ער „געוואָרן אַ פֿאַרברענטער ציוניסט. כ׳האָב געחלומט וועגן נייעם ארץ־ישׂראל״ (מיין אונטערשטרייכונג — י.ט.ג.). איז נישט קיין ווונ־דער, וואָס שלום אַש האָט זיך כסדר געריסן קיין ארץ־ישׂראל. ער האָט פּשוט געוואָלט קאָנפֿראָנטירן דאָס לאַנד פֿון זיינע חדר־חלומות מיט דער דעמלטדיקער ווירקלעכקייט און צו באַקומען דערפֿון שרייבערישע אינספּיראַציעס. האָט ער נאָכן דערפֿאָלג פֿון „גאָט פֿון נקמה״ (אויף דייטש, ביי ריינהאַרדטן) געמאַכט זיין ערשטע רייזע קיין ארץ־ישׂראל. „דאָס לאַנד פֿון מיינע אָבות האָט איבערגעלאָזט אויף מיין שאַפֿן אַ חותם נישט אָפּצומעקן. נאָך יענער רייזע האָב איך זיך אַ לענגערע צייט געפּוינען אונטערן ,טעראָר׳ פֿון די ביבלישע מאָטיוון, שענקענדיק זיי — אָן אַ גרע־סערן דערפֿאָלג — אייניקע יאָר פֿון מיין אַרבעט...״ דאָס זעט אויס צו זיין אַ בולטע זעלבקריטיק אויף זיינע ביבלישע דראַמעס פֿון יענע יאָרן — אַגב: אַ גענוג זעלטענע דערשיינונג ביי שלום אַשן, וועלכער איז בדרך כלל געווען פֿאַרליבט אין זיינע שאַפֿונגען, ווער שמועסט נאָך — אין די ארץ־ישׂראלדיקע.

ווי שטאַרק שלום אַש איז געווען אונטערן רושם פֿון א״י און וואָס פֿאַר אַ ווירקונג א״י האָט געהאַט אויף זיין שאַפֿן, איז גענוג

צו דערמאָנען, אַז ער איז געווען דער איינציקער שרייבער ביי ייִדן, וואָס האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה דריי מאָל באַזוכט א״י (1907—1908, 1910, 1914). ווי אַזוי ער האָט זיך געפילט נאָך די באַזוכן, באַצייכנט ער לאַפּידאַר אין זיין „פּאַלעס־טינע־רייזע״ (נאָך דער ערשטער רייזע קיין א״י): „קומען צוריק אַהיים נאָך אַ צייט מיט יאָרן צו דער מאַמען אין שטוב אַריין״. און וואָס דאָס מיינט פאַר שלום אַשן דער באַגריף „צו דער מאַמען אין שטוב אַריין״, האָט זייער גרינטלעך אויפגעוויזן גרשון סאַפּאָזשניקאָוו אין זיין בוך „פון די טיפענישן״, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן.

אָבער איידער מיר וועלן ווידער אַריבערגיין דערצו, וואָס אַנדערע זאָגן וועגן זיין ארץ־ישראלדיקייט, לאָמיר נאָכאַמאָל ציטירן שלום אַשן גופא — פון דער פריער־דערמאָנטער אויטאָ־ביאָגראַפיע: „כאָטש איך בין ווייט פון ציוניזם און געוויסע זיינע פאָרמען האַלט איך אַפילו פאַר שעדלעך, בין איך דאָך — זינט איך האָב דערזען ארץ־ישראל — אַן ענטוזיאַסט פון באַפרוכפּערן דאָס דאָזיקע וויסט־געוואָרענע לאַנד מיט פּראָדוקטיווער יידישער אַרבעט. דער פּייזאַזש און דער יידישער אידעאַליזם, וואָס האָט זיך אומעטום אַזוי בולט געלאָזט דערקענען, האָבן מיך פאַרוואַנדלט אין אַ חסיד פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע...״

שלום אַש שטרייכט איינציקע מאָל אונטער, אַז ער איז נישט קיין ציוניסט און צומאָל אַ קעגנער פונעם געדאַנק וועגן אַ יידי־שער מלוכה. איי, ער איז אין וואָלצלאַוועק „געוואָרן אַ פאַר־ברענטער ציוניסט״; נאָך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַקטיוו ביי די פועלי־ציון־קרייזן אין אַמעריקע; געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַוועגונג פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. זעט עס אויס, ווי אַ סתירה אין זיינע אידעישע אַרויסזאָגונגען. איז עס אָבער ווייט נישט די איינציקע סתירה אין דער דאָזיקער פאַרבנרייכער קינסטלער־פּערזענלעכקייט. אגב: צי איז פאַראַן אַ קינסטלער־פּערזענלעכ־

קייט אָן סתירות? אינערלעכע סתירות זענען אָפטמאָל אַ וויכטיקע שעפערישע טרייבקראַפט. און ביי אַשן איז — אַ חוץ דער סתירהדיקייט — אויך געווען צומאָל אַ טעאַטראַלישע שוואַכקייט זיך אויסצופיינען פאַר אימיצן, אויסצויומטובן און צו באַווייזן זיך אין אַ פאַרביקן קאָסטיום, — מעג זיין אַ גייסטיקער קאָסטיום. האָט ער יאָרן שפּעטער געשריבן (אינעם אַרטיקל „וועג־זוכעניש נאָכן חורבן"): „איך האָב געאַרבעט פאַרן אויפלעבן פון ישראל מיין גאַנץ לעבן..."

מ׳דאַרף דעריבער ביי אַשן נישט זוכן — אין קיין שום פראַגע נישט, אויך נישט אין דער באַציונג צו ארץ־ישראל — קיין פּאָליטיש־אידעיִשע קאָנסעקווענץ. אַפילו נישט אין זיין אני־מאמין־עסיי „איך גלויבן" (אָדער „אין וואָס איך גלויב", ווי ס׳האָט געהייסן אין דער דייטשער אויסגאַבע, אין יאָר 1932; „אין גלויבן" איז שוין געווען די פאַראָכטענע און אויסגעבריי־טערטע ענגלישע אויסגאַבע פון יאָר 1945). אָבער עמאָציאָנעל־אידעיִש — אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — איז ער געווען אומ־געהויער קאָנסעקווענט אין זיין באַציונג צו ארץ־ישראל. און זאָל עס נישט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס: איינער פון די שטאַרקסטע באַווייזן פון שלום אַשס עמאָציאָנעלער פאַרבונדנקייט מיט ארץ־ישראל איז געווען זיין „קריסטאָלאָגישע טרילאָגיע". נישטאָ נאָך אַ ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, ווו ס׳איז פאַראַן אַזויפיל ליבע צום ארץ־ישראלדיקן פּייזאַזש, אַזויפיל צונויפגעוואַקסנקייט און אַריינגעוואַקסנקייט אין דער אַטמאָספער פונעם אַנטיקן ארץ־ישראל, ווי אין „מאַן פון נצרת"; קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן אַזויפיל שיינקייט אַרויסצובאַקומען פון די טעג און נעכט, זומערס און ווינטערס, יום־טובים און וואָכעדיקע טעג פונעם אַלטן ארץ־ישראל, ווי שלום אַש.

אין „מיין ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל" רופט אַש פאַטעטיש אויס: „זיי געגריסט, זון איבער מיין היימאַט... ווי שטאָלץ איך בין אויף דיר, איך, דיין פאַרוואָגלט אומרואיק קינד... איבער

דיר, באַרג לבנון... איך בין געקומען צו דיר מיין יחוס זוכן... איך בין געקומען צו דיר מיין שטאַם געפינען..."

זיינע פּאַטעטיש־עמאָציאָנעלע אויסרופן באַרעכטיקט שלום אַש — אַ סך יאָרן שפּעטער — אויך מיט היטאָריאָזאָפישע קאָמענטאַרן: "פון דער ערשטער הבטחה צו אונדזער פּאָטער אברהם הייבט זיך אָן דער דראַנג פון יידישן פאָלק צו ארץ־ישראל... פון תורת משה ביז די נביאים, פון דער כנסת הגדולה ביז צו אַ ר' שמואל מאָהילעווער, פון די מלחמות וואָס די יוצאי מצרים האָבן געפירט, ביז צו דעם לעצטן נצחון פון עמק... נישטאָ קיין ייד, וואָס זיינע געדערים זאָלן נישט אויפברומען ווען ער דערהערט דעם קלאַנג פון דעם וואָרט 'ציון'".

"פון דעם ערשטן טאָג אָן, אין נייַנצן הונדערט זעקס (אַ קלייִנער טעות אין דער דאַטע — י.ט.ג.), זינט איך האָב זיי דערזען, די יונגע לייט אין ראשון לציון, פאַרשעמטע און אויסגעלאַכטע פון דעם באַראָנס קעסטקינדער פאַר זייער משוגעת צו ווערן אַליין באַאַרבעטן די ערד, באַשיצן זייערע לעבנס נישט דורך פרעמדע הענט; זינט איך האָב זיי געזען טריקענען די בלאָטעס אין עין־חרוד; זינט איך האָב זיי געזען פיבערן אין דגניה און האָב צוזאַמען מיט זיי אויסגעהאַלטן אַ באַלאַגערונג פון אַראַבער — פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי געוווּנען מיין האַרץ".

"איך בין שטענדיק געווען מיט זיי, דורך די אַלע גלגולים פון מיין לעבן, דורך די אַלע שטימונגען, וואָס אַ קינסטלער איז מסוגל צו זיין זיי אונטערגעוואָרפן... אין דער קדחותדיקער וועלט, אין וועלכער עס איז מיר אויסגעקומען צו לעבן, האָבן זיך געפונען אַ צאָל וועגווייזערס, וואָס זענען נישט אָפּגעקערט געוואָרן פון זייערע מעטעס דורך די הוראַגאַנישע שטורעמווינטן פון דער צייט; אַ צאָל ליכטער, וואָס זענען נישט פאַרלאָשן געוואָרן... איינער פון די וועגווייזערס איז געבליבן ביי מיר דער פּיאָנערן־אידעאַליזם פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם..." ("צו די בויער פון ישראל", "די גאָלדענע קייט", נר. 19).

אין אַ שמועס מיטן ערשטן כנסת־פּאָרזיצער, יוסף שפּרינצאַק אין יאָר 1956, אין תּל־אָביב

דאָס האָט שלום אַש געשריבן אַ שיינע פּאָר יאָר אײדער ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל. אַז דאָס איז געווען אַן אויפריכטי־קער געפיל־אויפבראויז ביי אים — אַז זיין צוגעבונדנקייט און פאַרליבטקייט בפועל ממש אין ארץ־ישראל, איז נישט געווען קיין פאַרבייגייענדיקע — דערויף זאָגן עדות זיינע פילמאַליקע באַזוכן אין ארץ־ישראל אין משך פון קנאַפּע פופציק יאָר און לסוף — דאָס באַזעצן זיך (טאַקע אויף דער עלטער, אָבער שלום אַש איז נאָך דאַן נישט געווען אַלט, ביי זיינע 75 יאָר) אין ישראל. וועגן דעם האָט ער געזאָגט אין אַ רעדע בעת אַ צוזאַמענטרעף אין יידישן שרייבער־פאַריין אין תל־אביב: „מען מאַכט מיר קאָמפּלימענטן דערפאַר, וואָס דווקא בעת דער סיני־אַקציע בין איך געבליבן אין לאַנד... (דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט געשיקט ספּעציעלע שליחים צו שלום אַשן קיין בת־ים ער זאָל זיך תיכף עוואַקואירן און שלום אַש האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט — י.ט.ג.) מ׳זאָגט, אַז דערמיט האָב איך אַרויסגעוויזן אַ גרויסע גבורה. ווייל איך זאָגן, אַז דווקא אין יענעם מאָמענט בין איך געקומען צו שעפּן דאָ גבורה, וואָס צה״ל און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אין קריטישע טעג...״

....„איך בין אַ פּאַציפיסט. איך בין אַלע מיינע יאָרן אַרויס־געטראָטן קעגן מלחמות, קעגן בלוט־פאַרגיסונג. אָבער דעם העראָישן קאַמף פון צה״ל האַלט איך פאַר אַ גערעכטן... — ...ס׳איז געווען אַ פאַרטיידיקונג־מלחמה, אַ קאַמף פאַרן קיום פון מדינת ישראל״.

דאָס איז נישט געווען קיין קאָניונקטור־שטימונג ביי אים — אַש האָט עפּעס ענלעכס געקאָנט זאָגן אויך אין אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטישער סביבה. דער דיכטער ח. ל. פוקס דערציילט וועגן אַזאַ פאַל, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט אין לאָדזש אַנהייב דרייסיקער יאָרן: זיינע פריינד, די באַקאַנטע בונדישע טוערס י. ליכטענשטיין און פאָזנאַנסקי, האָבן איינגעאָרדנט פאַר אים אַן אָוונט און אַ באַנקעט אין דער לאָדזשער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

האָט אַש זיך דאָרט „אָוועקגעלאָזט צו דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס האָט לויט אים בלויז געקאָנט האָבן אַ תקומה, ווען זי שפּאַרט זיך אָן אין ארץ־ישראל, אָדער אין דער חלוצישער און ציוניסטישער אידעאָלאָגיע...״

אַ סך, אַ סך פריער נאָך, אין דער דראַמע, וואָס שלום אַש האָט געשאַפן דירעקט אונטערן איינדרוק פון די אומגליקן און פּוגעם פּיין, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אין רוסלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין „דער טויטער מענטש״ (1919) — שרייבט אַש אויך ענלעכע געדאַנקען: ס׳איז דער חורבן פון שטעט און שטעטלעך, פון יידישע יישובים, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. היימלאָזע יידן וואַנדערן איבער די חור־בות. לעבעדיקע און טויטע מישן זיך אויס. דערשיינט דאָרט אַ „פּרעמדער״ — אין ווענען ס׳איז לייכט צו דערקענען דעם מחברס געדאַנקען־גאַנג — און זאָגט: „... ארץ־ישראל ווי אַ באַלוין פאַר יידן פאַר אַלע יסורים וועט לעולם ועד דער יידישער נאַציע אָפּגעגעבן... — ...ביי אונדז וואַרט מען נאָר, אַז מען זאָל די גרענעץ עפענען, דאָס גאַנצע מקום שטייט גרייט מיט האַק און פּאַק נאָך ארץ־ישראל צו גיין״.

אַזוי רעדט דער פרעמדער — אַ מאָדערנער ייד, אַ וועלט־לעכער — וועלכער איז צופעליק געקומען צווישן די אָרטיקע יידן. אָבער אויך דער היימישער, דער שטרענג־רעליגיעזער און פאַרוואָרצלטער אין דער טראַדיציע ר׳ חנן, זאָגט: „עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, עס איז דאָ יושר, גערעכטיקייט... מיר ווילן האָבן אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע מלוכה...״

שלום אַש האָט בעת זיין צווייטן באַזוך אין א״י (אין 1910—1911) אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישראל״ — וועגן אַ יידן, וואָס האָט אים דערוויזן, אַז אין ארץ־ישראל קאָן מען אַלץ לייכט אַריבערטראָגן, אויב מ׳פאַרמאָגט „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישראל״. אַזאַ טאַלאַנט האָט פאַרמאָגט שלום אַש גופא. אַ

טאַלאַנט אויפצוגעמען און איינצוזאַפּן אין זיך ארץ־ישראל, אויסצולעבן זיך — פּערזענלעך און שעפעריש — אין זיין לאַנד.

אין זיינע „באַגעגענישן מיט שלום אַשן" דערציילט דער באַ־קאַנטער קינסטלער יצחק ליכטענשטיין, אַז ווען זיי האָבן זיך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צוזאַמענגעטראָפן אין ארץ־ישראל, האָט ער געהערט פון אַשס מויל: „אויב די לופט פון ירו־שלים מאַכט קלוג, איז די לופט פון ארץ־ישראל אָנגעזאַפּט מיט פריילעכקייט". און אַש איז געווען אַ מייסטער אין אַרויסבאַקומען און פאַרפיקסירן די דאָזיקע פריילעכקייט, אַפילו ווען זי איז געווען באַגלייט צומאָל מיט אומעט, טרויער, ליידן.

די פאַרליבטקייט צו ארץ־ישראל האָט זיך געצויגן ביי שלום אַשן נאָך פון די חדר־יאָרן אין קוטנע, ווי ס'איז שוין אייניקע מאָל דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך. נייערט זיין גרויסע ליבע אין דער דאָזיקער פאַרליבטקייט איז געקומען נאָכן ערשטן באַזוך אין א"י און דאָס איז געווען: דאָס אייביקע ירושלים. אין אַ סך קאַפּיטלעך פון זיין בוך „ארץ־ישראל", אין אַ סך אַנדערע ווערק זיינע, קומט צום אויסדרוק די דאָזיקע גרויסע ליבע. זי איז נישט שוואַכער געוואָרן בעת שלום אַשס באַזעצן זיך אין ישראל. און ירושלים האָט ביים דיכטער געהייסן: די גרויסע, גאַנצע אייביקע שטאָט. אַ כאַראַקטעריסטישן, גע־דאַנק האָט ער אין דער פראַגע אַרויסגעזאָגט נאָך דער סיני־אַקציע צו זיין פריינד ישעיהו אַברך:

— דאָס לאַנד אָן ירושלים איז ווי אַ גוף אָן אַ האַרץ. זאָגט, אברך, ביי אַ געלעגנהייט בן־גוריונען, אַז אויב ער וועט באַשליסן צו גיין באַפרייען ירושלים, בין איך גרייט צו רייטן אויף אַ פערד פאָרויס, פאַר דער אַרמיי. דאָס וועט דאָך זיין צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, אַז יידן וועלן באַלאַגערן ירושלים, נישט גויים...

זענען טאַקע געווען אויפריכטיק די ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן צום דיכטער אברהם סוצקעווער — פאַר זיין ערשטער

רייזע קיין ישראל, אין דער מדינה ישראל (אָנהייב 1952): "...דאָס וואָס ברענגט מיך קיין ישראל איז אַ גרויסער באַגער צו זען מיט מיינע אויגן דעם אָנהייב פון גאולת ישראל און צו זיין געטרייסט דורך דער נחמה פון ישראל און אויסצודריקן... מיין באַגייסטע־רונג און מיין ליבע פאַר די אַלע, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם נס פון נייעם ישראל און מיין פרייד און מיין דאַנק צו גאָט איבער דער נחמה פון מיין פאָלק נאָך דעם בראָך פון היטלער..."

"...איך גלייב, אַז איך האָב מיין חלק אין דעם אויפקום פון ישראל, וואָס איך האָף, אַז טויזנטער און טויזנטער פון די תושבים אין ישראל, וועלכע קומען פון די אייראָפּעישע לענדער וועלן עדות זאָגן דערויף, אַזוי אויך די אויטאָריטעטן, וואָס שטייען היינט אין שפּיץ פון דער מלוכה; זיי וויסן פון מיין טע־טיקייט, מיין ליבע און געטריישאַפט צו ישראל זינט דער צייט פון מיין יוגנט. איך האָב אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו טון ווייטער מיין חוב פאַר ישראל מיט אַלץ וואָס איך קאָן..."

דאָס זענען אויפריכטיקע און דורכגעוויטיקטע ווערטער. ווייל שלום אַש און ארץ־ישראל — אין אַלע וואַנדערונגען, פאַר־וואַנדלונגען און פאַרוויקלענישן פון שלום אַשן — זענען געווען אַ נישט צעטיילבאַר איינס. "קיין ווינקל אין ארץ־ישראל איז נישט געבליבן אָן אַשס קינסטלערישער באַלויכטונג", — האָט דעריבער מיט רעכט געשריבן ש. ניגער צו שלום אַשס 75־טן געבוירן־טאָג. ווייל אין יעדן ווינקל פון ארץ־ישראל האָט שלום אַש געלעבט — אין דער ווירקלעכקייט און אין זיין שעפערישן דמיון — און יעדעס ארץ־ישראלדיקע ווינקל האָט געלעבט אין אים און אין זיין שאַפן. און ווען שלום אַש שרייבט "אַ וואָרט אויף זיין קבר" וועגן פּרץ הירשביינען: "אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך — האָט ער געבראַכט צווישן יידן — צוזאַמען מיט יידיש לשון די בשורה פון יידישן שריפטום, די האָפנונג: ארץ־ישראל — און די אמונה אין עם נצח" (דער כתב־יד פון דעם "וואָרט", געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון בית שלום אַש, פון

וואָנען ס׳זענען אויך גענומען ס׳רוב ציטאַטן פון די בריוו), שרייבט ער עס אין אַ גרויסער מאָס, אפשר אַ סך אַ גרעסערער ווי וועגן הירשביינען, — וועגן זיך אַליין.

אַפילו ה. ש. קאַזשדאַן, וועלכער איז צענדליקער יאָרן געווען איינער פון די זיילן פונעם „בונד" אין פוילן און אַמעריקע, ווייט פון ציוניסטישן געדאַנק און פון סענטימענטן פאַר ארץ־ישראל, איז מודה, אַז דער עבר פונעם יידישן פאָלק אין א״י האָט זיך פאַרדינט אַשס „אינטימע באַציונג". ער פאַרשוויגט טאַקע, אַז אַן ענלעכע באַציונג האָט אויך פאַרדינט ביי אַשן דער ישראל־דיקער היינט. נייערט ער איז מודה אין אַן עסיי „דער נאַציאָנאַ־לער מאָמענט" (אינעם פריער־ציטירטן בוך עסייען) : „שלום אַש איז אפשר דער נאַציאָנאַלסטער שרייבער ביי אונדז..." — „...די נאַציאָנאַלע מאָטיוון — דאָס איז דער געזאַנג פון זיינע געזאַנ־גען..."

ה. ש. קאַזשדאַן דערמאָנט איניקע מאָל וועגן „צווי נשמות", וואָס האָבן געקעמפט אין שלום אַשן. די דאָזיקע צוויי נשמות זענען געווען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, פון פאַרשידענעם מין, צווישן אַנדערע טאַקע אויך : די פאַרליבטקייט אינעם יידישן עבר, אין דער היסטאָרישער יידישער מלוכהשקייט אין ארץ־ישראל ; און די פאַרליבטקייט אינעם אַקטועלן יידישן ווידערגע־בורט — דער מדינה ישראל. די דאָזיקע „צווי נשמות" האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין נשמה — אין דער גרויסער נשמה פון שלום אַשן, דעם באַזינגער פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום און גע־ראַנגל. דער אַפּאָטעאָז פון זיין געזאַנג, פון זיין חלום, איז די מדינה ישראל.

דער וועג, וואָס האָט זיך פאַר שלום אַשן דערעפנט פון דעם ענגן, דושנע חדר אין קוטנע אין די רחבותן פונעם אַנטיקן ארץ־ישראל, צו די אָבות, האָט אים אויך אָוועקגעפירט — אין די יוגנט־יאָרן נאָך — צום חלום וועגן „נייעם ארץ־ישראל" (ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין פריער־דערמאָנטער אויטאָ־

ביאָגראַפיע) און פון דעם יוגנט־חלום זײַנעם — ביי דער נעילה פון זיין לעבן — צו דער ישראלדיקער וואָר, צום ישראל־דיקן זיין און צו זיין לעצטער היים ביים מיטללענדישן ים, צו זיין היים אין בת־ים.

משה נאַדיר האָט אַמאָל געשריבן אין אַ ליד „שלום אַש" (אינעם בוך „נאַדירגאַנג"):

און אַש האָט געזאָגט „די צעדערן פון
לבנון".
אָדער עפּעס ענלעכס.
און די טרערן־זעקלעך אונטער זיינע אויגן
זענען געוואָרן שווער און זאַפטיק,
ווי די ווייַנטרויבן פון ציון.

אַזוי האָבן טאַקע געזען אַשן — און זיין פאַרליבטקייט אין ארץ־ישראל — אַלע, וואָס זענען מיט אים געווען נאָענט ,וואָס האָבן געקענט זיינע געפילן, שטימונגען און חלומות.

ישראל איז געווען איינע פון שלום אַשס שעפערישע הימען, איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז ס'זאָל אויך ווערן זיין פּאָק־טישע היים. אַז דאָ, אויפן בת־ימער ים־ברעג, זאָל ער געפינען דאָס אָרט, ווו ער האָט געוואָלט מאַכן דעם סיום פון זיין שאַפן און רואיק, אין שלווה, פאַרענדיקן זיין שטורמיש לעבן.

ס'איז דאָך זיכער נישט קיין צופאַל, אַז אינעם טראַנס פון שרייבן זיין לעצטן ראָמאַן „יעקב און רחל", האָט ער אין בת־ים געענדערט דעם פּלאַן. עס האָט געזאָלט אויסוואַקסן ביי אים צו אַ ראָמאַן וועגן אברהם און שרה אויך — וועגן די אָבות בכלל — אַ נייע טרילאָגיע. ביי דער נעילה פון זיין לעבן האָט דער דיכטער געוואָלט קינסטלעריש געשטאַלטיקן דעם אָנהייב פון יידישן פאָלק־אויפקום און דעם אָנהייב פון דער יידישער איינוואָרצלונג אין ארץ־ישראל.

די פאַרבינדונג פון שלום אַשן מיטן יידישן הײַנט פון ארץ־

ישראל איז געוואָרן פעסט שוין נאָך זיינע ערשטע באַזוכן אין לאַנד און זי האָט באַקומען איר אויסדרוק — אַ חוץ אין זיינע רייזע־איינדרוקן קורצע דערציילונגען — אינעם אָוועקפירן מישען און ראכעל (פונעם ראָמאַן „דער וועג צו זיך") אין דער ער־שטער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע און לסוף — אינעם „געזאַנג פון טאָל". מיט יאָרן צוריק איז עס אפשר שווער געווען צו באַמערקן, אויפצוכאַפּן. אַפילו דער געטרייסטער באַגלייטער פון שלום אַשס שאַפערישן וועג, ש. ניגער, האָט מיט יאָרן צוריק געשריבן, אַז אַש האָט געזוכט אין א"י „נישט די צוקונפט, נאָר די פאַרגאַנגענהייט", כאָטש ער איז געווען „דער ראָמאַנטיקער פון דאָס רעאַלע, פון דאָס נאָ־ענטע". דאָס איז אַפּנים געווען די ערשטע ווערסיע פון ניגערס געדאַנק, אַז „נישט דעם היסטאָרישן אמת, נאָר דעם ראָמאַנטישן חן זוכט אַש אין זיינע ביבלישע און היסטאָרישע שילדערונגען". פון דעסט וועגן באַמערקט ער, אַז „דאָס געזאַנג פון טאָל" איז אַ ווונדערלעך קאַפּיטל פון יידישער קאָלאָניזאַציע, אָבער ס'איז פאָרט נישט היסטאָריע, ס'איז אַ געזאַנג".

שלום אַשס ארץ־ישראלדיקייט, לייקנט לגמרי נישט אָפּ זיין פּוילישקייט, זיין שטעטלדיקייט, אַפילו נישט זיין אַמעריקאַניש־קייט. ס'האָט שוין ש. ניגער געשריבן (צו שלום אַשס 75־טן געּ־בוירנטאָג): „עס איז נישטאָ קיין יידישער צענטער, קיין לאַנד אין די תפוצות, קיין ווינקל אין ארץ־ישראל — וואָס אַש זאָל אין דער יידישער ליטעראַטור נישט האָבן אַריינגעבראַכט". איז אויב מיר וועלן אַפילו אָננעמען, אַז וואָס שייך די תפוצות איז דאָ אין דעם אַ שטיקל (אָבער טאַקע: בלויז אַ שטיקל) גוזמא, איז עס פולשטענדיק ריכטיק לגבי ארץ־ישראל. אַפילו דער העברעישער ליטעראַטור פאָרשער א. בן־אור (אָרינאָווסקי) איז עס מודה. ער מאָטיווירט דאָס אַריינגעמען שלום אַשן אין זיין געשיכטע פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור דערמיט, וואָס אַש ביכער ברענגען „אויף זייערע ברייטע יריעות דאָס

לעבן פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות, אין גלות און אין לאַנד..."
דאָס איז אַ באַשטעטיקונג פון אַשס ישראלדיקייט פון אַ צד, וועלכער איז נישט אַזוי לייכטוויליק צו געבן אַזעלכע באַשטעטי־קונגען פאַר יידיש־שרייבערס.

האָט זייער טרעפלעך און ריכטיק געטון מלך ראַוויטש, וועלכער הייבט אָן דעם "מיין לעקסיקאָן" זיינעם וועגן שרייבערס אין ישראל מיט דער אַש־אָפּהאַנדלונג, מאָטיווירנדיק עס, ווי ס'איז שוין ציטירט געוואָרן: "אונדזער געפיל זאָגט אונדז, אַז מיר טוען רעכט שלום אַשן ז"ל אָנהייבנדיק דאָס דאָזיקע בוך וועגן שרייבער און קינסטלער אין מדינת ישראל מיט זכרונות וועגן אים. מער ווי אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָט ער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געפונען היים און משפחה... אין מדינת ישראל".

נחמן מייזיל, וועלכער האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן שלום אַשן, אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע עטאַפּן פון זיין שאַפן (און ווי שוין דערמאָנט — געגרייט זיך אָנצושרייבן אַן אַרומנעמענדיקע מאָנאָגראַפיע) פילט עס נישט אַרויס אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג "אַמעריקע אין די ווערק פון שלום אַש", כאָטש אויך ער שטעלט פעסט אויף איין אָרט: "מיטן ערשטן באַזוך אין א"י ברענגט אַש אַרויס טיף־אָרגינעלע און עכט־יידי־שע בילדער און איינדרוקן גענומען פון דער ארץ־ישראל־וואָר און פון די פאַרצייטיקע ביבלישע צייטן". אָבער אויף אַ צווייט אָרט שרייבט ער: "אין ארץ־ישראל האָט ער געזען בעיקר דעם ארץ־ישראל פון אַמאָל, פון די ביבלישע און לעגענדאַרע צייטן". נייערט אין אַן אַנדער גרויסער אַרבעט ווידער ("ווירקונגען און איינפלוסן אויף שלום אַש") פאַריכט נחמן מייזיל די נישט־פּינקטלעכקייט פון זיין דעפיניציע: "בעת זיין ערשטן באַזוך אין ארץ־ישראל... האָט שלום אַש באַרייכערט זיין איבערלעבכע שע־פערישע וועלט און דאָס האָט געבראַכט אַ צאָל ביבל־דראַמעס און ארץ־ישראל־מאָטיוון, איינדרוקן און אָנרעגונגען פאַר פאַרשידנ־

אַרטיקע ווערק". ער רעכנט אויס צווישן די ווערק „דעם וועג צו זיך" און „דאָס געזאַנג פון טאָל", וווּ אַש שרייבט וועגן דעם נייעם, ווערנדיקן ארץ־ישראל.

אַ דיקן באַנד וואָלט מען געקאָנט צוזאַמענשטעלן פון בלויזע ציטאַטן וועגן שלום אַשס צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל. אַ שטייגער: אין זיינע רעפלעקסן וועגן ביילים־פּראָצעס „דער נס" („פריינד", פּעטערבורג, 1913) ברענגט ער צום ערשטן מאָל דאָס לעגענדאַרע פאָלקסטימלעכע גלויבן, אַז „משיח וועט קומען, וועט דאָך אויך אונדזער שטעטל מיט אונדז מיטגיין קיין ארץ־ישראל" א.א.וו. דאָס זעלבע ווערט אַנדערש אויסגעפאָרעמט אין „קידוש השם", אין דער לעגענדע „פּה־לין"; די יידן געפינען זיך אין דעם זעלבן ראָמאַן „ווי אַמאָל, ביי דער באַלאַגערונג פון ירושלים". אין דער יוגנט־זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען „אין אַ שלעכטער צייט", איז פאַראַן אַ דערציילונג „ביי אַ פרעמדן טייך", דערציילט דאָרט אַ בחור: „פאַר אַכצן יאָר צוריק, זיידע, איז דאָס געווען. יידן פון פאַרשידענע פּאַרטייען, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן זענען קיין ארץ־ישראל אַראָפּגעפאָרן, אונטער זיי איז אויך געווען ר' שמואל מאָהילעווער... די ערשטע אייל ערד געקויפט און די ערשטע קאָלאָניע געגרינדעט..." „ציון, אונדזער ציון, ציון וואָס שטייט אין חומש..." און אַזוי ווייטער — אַ סך וועגן די שווערי־קייטן פון איינגעמען די וויסטע ערד פון ארץ־ישראל, באַאַרבעטן זי, פּרוכטיק מאַכן זי. און לסוף, ווען דער בחור געפינט נישט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג פאַר זיינע ווערטער, ווערט ער אויפגע־בראַכט: „אַלטע טויטע נשמות אין דער מדבר וועט איר פאַלן, גלות־קנעכט. דער יונגער דור וועט קיין ארץ־ישראל קומען..."

דער מאָטיוו חזרט זיך טיילווייז איבער אין דער פּיעסע „משיחס צייטן", וווּ ס'רעדט זיך וועגן „דאָס ווייטע און נאָענטע לאַנד". ווי ווייט דאָס איז בולט געווען ביי אַשן, אָט דער מאָטיוו, קאָן מען אַרויסדרינגען דערפון, אַז די גרויסע רוסישע בינע־

קינסטלערין, קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ, שפּילנדיק די פּיעסע, האָט איר אַ נאָמען געגעבן „אויפן וועג קיין ציון״.

אין דעם באַנד „פון איין קוואַל״ איז פאַראַן אַ דערציילונג „דער רוף פון שטאָט״, איז דער משכיל־ציוניסט ברוך־מרדכי נישט געפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל ער האָט געהאַט ווייניק געלט. אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרט געוואָרן אַ פאַרמער, כדי פון דאָרט „אַראָפּפאָרן מיטן גאַנצן האָק און פּאָק קיין ארץ־ישראל״.

אין דעם בוך „ארץ־ישראל״, אינעם קאַפּיטל „פסח אין ירושלים״, האָט אַש — מיט אַ זעכציק יאָר צוריק — געמאָלן אַזאַ נביאיש בילדל: „...בין איך געשטאַנען ווי אין חלום. איך האָב נישט געוווּסט צי איך געפין זיך אין דעם אַלטן, אַלטן ירושלים, צי עס זענען שוין דערפילט געוואָרן דעם נביאס לאַנג־דערוואַרטע ווערטער ,והיה באחרית הימים׳ — און אָט באַלד, באַלד וועט די גרויע שטומע וואַנט, וואָס שווייגט תמיד, זיך צעשפּאַלטן און מיר אַלע גייען אויף, גייען אויף, ווייטער צום הר־הבית...״

דער אויפגאַנג פון אונדזערע חיילים — אין וועלכע שלום אַש האָט זיך אַזוי געשפּיגלט, וועלכע ער האָט אַזוי באַוווּנדערט — אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה, האָט מיט זיך מיטגעטראָגן די נשמה פון שלום אַשן. ווייל וואָלט געלעבט שלום אַש אין די דאָזיקע טעג, וואָלט ער זיכער איבערגעלעבט אַ גרויסן אויפשטייג פון באַגייסטערונג און באַגינסטיקונג, ווי ס׳איז געווען בעת דער סיני־קאַמפּאַניע, ווען דער 76־יעריקער דיכטער איז ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַוועק אין עזה־פּאַס כדי זיך אָנצוזאַפּן מיטן פּייזאַזש און לופט פון יענע מקומות. ווי־זשע וואָלט ער איצט שעפעריש אויפגעלעבט, ווען ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן דעם קבר רחל, די מערת המכפלה, דעם כותל המערבי! ער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אַ גיגאַנטישן פאַרמעסט: קינסטלעריש צו פאַרייביקן די פּילטויזנטיעריקע געשיכטע פון יידישן פאָלק.

דאָס איז דאָך געווען דער אייגנטלעכער לייטמאָטיוו פון

שלום אַשס שאַפן: דער פּילטוויזנטיעריקער וועג פון דער יידי־שער אייביקייט, פונעם נצח ישראל. שלום אַשס שאַפערישער דרך איז געווען — פון אָנהייב אפשר אונטערבאַוווסטזיניק, לסוף: צילבאַוווּסט און קאָנסעקווענט — פונעם יידישן היינט, דורכן עבר, אין דער יידישער אייביקייט. מיט דעם וועג איז ער אַוועק פון אונטער דער מאַמעס פליגל (וועלכע האָבן טאַקע נישט אויפ־געהערט צו שוועבן איבער זיין דמיון, צו הערשן איבער אים) דורכן חדר און זיין שטעטל קוטנע — אַ שטעטל ווי הונדערטער אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פּוילן, איז עס ביי אים אויסגע־וואַקסן צו אַ פאַראַלגעמיינערונג; איבער די פּראָבלעמען פון ערד — דאָרף, פעלד, וואַלד און ערדישער איינגעוואָרצלטקייט — צו די פּראָבלעמען פון הימל. דעם הימל פון חלומות און דעם הימל פון געטלעכקייט, פון גאָט און די צווישנבאַציונגען פון די מענטשן מיט זייער גאָט. אויף דעם דרך זיינעם האָט ער געזען די קידוש־השם־וויליקייט פונעם פשוטן יידן, זיין חלום און דערוואַרטונג אויף משיחן — דעם דערלייזער פון יידישע מענטשן פון זיינע פיינען און נויטן; די ענדגילטיקע גאולה — דעם ווידעראויפ־קום פון יידישער מלוכהשקייט אין ארץ־ישראל, דעם סימבאָל פונעם נצח ישראל און די איצטיקע פעסטונג פון דער יידישער אייביקייט. כאַראַקטעריסטיש איז: ווען שלום אַש איז צוריק־געפאָרן פון זיין באַזוך אין סיני, אין 1956 (אַ קורצע צייט נאָכן ניצחון פון צה״ל אין דער סיני־קאַמפּאַניע), האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער, דוד בן־ארי, אַז נאָכן פאַרענדיקן די טרילאָגיע וועגן די אָבות, וועט ער זיך נעמען שרייבן די עפּאָפּעע וועגן די קינדער און אייניקלעך. „איך האָף, אַז איצט וועל איך קאָנען אָנ־שרייבן דאָס ווערק וועגן דער העראָיק פון נייעם ישראל״ — האָט ער געזאָגט — „אַזאַ בוך קאָן קיינער נישט אָנשרייבן, נאָר שלום אַש. דאָס וועט זיין מיין לעצט גרויס ווערק, מיין שוואַנען־געזאַנג״. אַזוי איינגעגלויבט איז ער געווען אין זיינע כוחות און אין זיין שליחות; אַזוי פאַרבונדן איז ער געווען מיטן נייעם אויפקום אונ־

דזערן. דאָס איז געווען זיין באַגייסטערונג, זיין מוזע — בלשון פון דער אַלטער פּאָעטיק — און דער דרך זיינער.

זיין דרך צו דער יידישער אייביקייט איז געווען אַ פאָלקס־טימלעכער און פארבונדענער ביזן לעצטן אָטעם מיטן פאָלק. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון די פאָלקס־געדיכטענישן, מיט אַלע רייכ־קייטן און זאַפטן פון דער פאָלקס־שפראַך, פון מאַמע־לשון; און אַ קינסטלערישער איז געווען זיין דרך (אָדער ווי ש. ניגער האָט געזאָגט: אַ מאָלערישער). ער איז נישט געווען, שלום אַש, קיין אידעאָלאָג, קיין פרעדיקער — און דאָרט ווו ער האָט עס גע־פּרווט זיין, האָט ער געבלאָנדזשעט — נייערט אַ קינסטלער, אַ דיכטער אין פראָזע, אַ שרייבער. דער גרעסטער, קרעפטיקסטער, צום מיינסטן וואָרצלדיקער און גלייכצייטיק — פּאַרצווייגטער מייסטער פון דער יידישער פּראָזע; דער גייער איבער די דרכים פון יאָרטויזנטער יידיש לעבן און שטרעבן — צו דער יידישער אייביקייט.

IX

דאָס טעאַטער פון שלום אַש

עס האָט זיך איינגעבירגערט אַ מיינונג, אַז שלום אַשס רום, זיין אַרויסשטראַלן איבער (די געגנוג ענגע) גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט און זיין דריסת רגל אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַז דאָס האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט די „קריסטאָלאָגישע" ראָמאַנען. אין בעסטן פאַל — מיט דער טרילאָגיע „פאַרן מבול", וואָס איז זוכה געווען צו איבערזעצונגען אין אַ גרעסערער צאָל שפּראַכן. איז נישטאָ עפּעס פאַלשערס, ווי די דאָזיקע מיינונג, וואָס איז בעיקר לאַנסירט געוואָרן פון שלום אַשס שונאים, אָדער נישט־פאַרגינערס. ווייל שלום אַשס רום האָט זיך אָנגעהויבן אין זיינע גאָר יונגע יאָרן — אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין שאַפן — און דווקא: מיט זיין דראַמאַטורגיע, מיט די ערשטע טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. שוין דאַן האָט מען אַפילו געוואָרנט, אַז דאָס קאָן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף זיין שאַפערישער אַנטוויקלונג (צוז. אַנד. די באַקאַנטע וואָרנונג פון שלום אַשס רבין, י. ל. פּרץ, אַז דער יונגער אַש ווינקט צו דער פרעמדער וועלט — אין שייכות מיטן דערפאָלג פון „גאָט פון נקמה"), מ'האָט אָבער נישט געקאָנט אָפּלייקענען דעם אינטערעס, וואָס שלום אַשס שאַפן האָט אַרויסגערופן אויסער די גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור און די אַש־איבערזעצונגען, וואָס זענען שוין דאַן — אין ערשטן יאָרצענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט — געמאַכט געוואָרן. אַל דאָס שפּעטערדיקע איז געווען

אַן אָנוווקס אויף דעם ערשטן רום פון שלום אַשן, אַן אויסברייטערונג פון זיין רום — גראָד ווי זיין שאַפן (סיי טעמאַטיש, סיי אין פאַרנעם) האָט זיך אין לויף פון יאָרן אויסגעברייטערט, געוואַקסן, פאַרטיפט. און דער ערשטער רום פון שלום אַשן איז פאַרבונדן דווקא מיט זיין דראַמאַטורגיע.

אין לויף פון די יאָרן איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן, אַז ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שלום אַש געווען איינער פון די פּרוכטיקסטע יידישע דראַמאַטורגן און דער באַדייטנדיקסטער פון אַלע אין פּרט פון אַ דריסת רגל אויף אייראָפּעישע בינעס (און אויף דער נישט־יידישער בינע אין אַמעריקע). דאָס איז געשען אין די יאָרן, ווען אַ צווייטער יידישער דראַמאַטורג — אַן עלטערער פון אַשן און מיט אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור פון פריער — איז יאָרנלאַנג שוין געזעסן אין בערלין און באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין די דייטשע טעאַטערס; אַ מענטש, וועלכער איז געווען אַן אייגענער אין בערלין, אַן אייראָפּעער פאַר עקסעלאַנס, מיט אַ גרויסן רוסישן קולטור־באַגאַזש און מיט אַ גענוג־אויסגעצערטלטער דייטשער שפּראַך — האָט נישט געקאָנט דערגרייכן אַזאַ דערפאָלג. קורץ: דוד פּינסקי. און פּלוצלונג האָט זיך פונעם פּוילישן שטעטעלע ווי אַ שטורעם־ווינט אַריינגעריסן אויף די אייראָפּעישע בינעס דער ווילד־טעמפּעראַמענטפולער ישיבה־בחור, — וועלכער איז ווייט נישט געווען קיין גרויסער קענער פון שפּראַכן — און פאַרכאַפּט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער אייראָפּעישער דראַמאַטורגיע, אינעם רעפּערטואַר פון אייראָפּעישע טעאַטערס. און זאָל עס שוין געזאָגט ווערן: אין אַ גרויסער מאָס שטאַמט נאָך דאָס בייזע האַרץ, וואָס דוד פּינסקי האָט געטראָגן אויף שלום אַשן, פון יענע ווייטע צייטן; אַ גאַנץ געוויינלעכע קנאת סופרים פון אַן עלטערן קאָלעגע לגבי אַן אָנפאַנגער, וועלכער האָט באַוויזן אויף אַזאַ וויכטיק געביט מער מצליח צו זיין פון אים.

דער ווילן, דאָס שטרעבן צו באַקומען דריסת־רגל אויף נישט־

יידישע בינעס, איז דאַן, אין אָנהייב יאָרהונדערט, געווען אַ נאָטירלעכע דערשיינונג כמעט ביי אַלע יידישע שרייבערס, וועלכע האָבן געשאַפן פאַר דער בינע (און ווען, אייגנטלעך, נישט?) דער מצב פון יידישן טעאַטער אין יענע יאָרן איז געווען אַזאַ קלאָגעדיקער, אַז ערנסטע יידישע שרייבערס האָבן ווייניק אויסזיכטן געהאַט געשפּילט צו ווערן — אין אַ האַלבוועגס דערטרעגלעכער פאָרם — אין יידיש. אין דעם רחבותדיקסטן לאַנד פאַר יידיש טעאַטער, אינעם לאַנד פון די געדיכטסטע יידישע מאַסן־יישובים — אין רוסלאַנד (און אין פּוילן, וואָס האָט אין דער גרעסטער טייל דאַן געהערט צו רוסלאַנד), איז יידיש טעאַטער געווען פאַרווערט און ס׳האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַ שאַנד־מאַסקע פון „יידיש־דייטש טעאַטער״; אַ מאַסקע, וואָס האָט דאָס טעאַטער געהאָלפן צו פאַרשאַנדיקן און צו פאַרשונדיקן. אין גאַליציע איז פון איין זייט געווען אַ שטרעבן צו אַסימילאַציע (יעדנפאַלס — שפּראַכלעך) און פון דער צווייטער זייט: צו דייטשמעריזאַציע, כדי „אויסצופיינערן״ דאָס פאָלקס־טעאַטער, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די אָרעמסטע — מאַטעריעל און גייסטיק — שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אַנדערע לענדער פון אייראָפּע זענען דאַן בעיקר געווען טראַנזיט־לענדער פאַר עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געהאָפט צו דערשלאָגן קיין אַמעריקע און די יידישע קולטור־שפּראָצונגען האָבן געטראָגן במילא אַ טראַנזיט־כאַראַקטער. דאַקעגן אַמעריקע גופא איז נאָך דאַן געווען דער ריזיקער אימיגראַנטן־לאַגער און שוויץ־שאָפּ, וואָס האָט געזוכט אַ לייכטע פאַרווייליונג, כדי זיך אויסצולופטערן נאָך אַ וואָך שווערער האָרעוואַניע — ביז ס׳איז געוואָרן דער גרויסער שמעלץ־טאָפּ, אויפן אויבערפלאַך פון וועלכן ס׳האָט אויפגעבליט אַזאַ מעכטיקע יידישע ליטעראַטור און אַזעלכע גרויסע טעאַטער־דערגרייכונגען, ווי עס זענען דאָרט געווען אין משך פונעם צווישן־מלחמה־פעריאָד.

דאַקעגן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד, ווען ס׳איז שוין לעגאַליזירט געוואָרן (מיט פאַרשידענע שיקאַנעס,

פאַרשטייט זיך) דאָס יידישע טעאַטער דאָרט, זענען געמאַכט געוואָרן פאַרצווייפלטע פּרוּוון צו שאַפן עפּעס לייטישס אינעם יידישן טעאַטער, נאָר די פּרוּוון האָבן געהאַט גאָר אַ שוואַכן באָדן אונטער זיך צוליב דער יאָרנלאַנגער פאַרקריפּלונג פון דער סביבה און פאַרומרייניקונג פון דער אַטמאָספער. ערשט אין צווישן־מלחמה־פעריאָד (ריכטיקער: אָנגעהויבן האָט עס זיך אינעם גאַנג פון דער וועלט־מלחמה און בירגער־קריג) איז אין רוסלאַנד; אינעם באַפרייטן, גרויסן פּוילן; אין ליטע, לעטלאַנד, רומעניע — אויפגעקומען דאָס נייע יידישע טעאַטער אין זיינע פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס. אָפּהענגיק פונעם רעזשים, אָרטיקע מעגלעכקייטן און קולטור־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, האָט דאָס דאָזיקע טעאַטער זיך אַנטוויקלט און פאַנאַנדערגעבליט.

איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס אין אָנהייב יאָרהונדערט האָבן יידישע שרייבערס געזוכט זייער סצענישע פאַרווירקלעכונג אויף פרעמדע בינעס — אַפילו אַ שרייבער פון אַזאַ מדרגה און פון אַזאַ יידישקייט, ווי שלום עליכם (ס׳איז נישט קיין עוולה, ווען יידישע שרייבערס האָבן עס אויך ווייטער געזוכט, גראָד ווי ס׳שטרעבן שרייבערס פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, געשפּילט צו ווערן אין פרעמדע שפּראַכן). און פון די אַלע שרייבערס האָט צום מיינסטן דערגרייכט, איז צום ווייטסטן דערגאַנגען, אין דער גרעסטער צאָל שפּראַכן און צו דער גרעסטער צאָל בינעס אין דער וועלט — דער יונגער שלום אַש.

שלום אַשס פאַרבינדונגען מיט דער טעאַטער־פאָרם, קאָן מען זאָגן, זענען „פּרעהיסטאָרישע". נאָך אינעם בית־מדרש, אונטער דער גמרא, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן (אין יידיש־דייטש) אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. דאָס איז געשען אונטער דער השפּעה פון געטע און שילער, די דראַמאַטישע ווערק פון וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען נאָך זייענדיק אין בית־מדרש, ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל דייטש. אַפּנים, אַז אים האָט אַזוי צוגעצויגן די דראַמאַטישע פאָרם, ווי פּרצן אין די

יונגע יאָרן, די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך", ווי ס'האָט ביי מיר געהייסן — ווו מענטשן רעדן", — ווי ס'דערציילט פּרץ אין זיינע זכרונות. די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך", ד. ה. די דיאַלאָג־פאָרם, האָט אויך געמוזט אַשן אימפּאָנירן. אָגב איז זי פּאַר אַן אָנפאַנגער טעכניש לייכטער, ווען ער וויל איבערגעבן געדאַנקען און איבערלעבונגען פון פאַרשידענע פּערזאָנען און פאַרמאָגט נאָך נישט די פעיקייט צו בינדן עס אין אַ נאָרמאַל פליסנדיקער נאַראַציע.

טעאַטער איז אָבער אַ פּנים אַ סך טיפער אַריינגעדרונגען אין שלום אַשס געמיט, ווייל ס'איז געווען אַ צייט, ווען ער האָט אַפילו געפּרוווט צו ווערן אַן אַקטיאָר (דער חלום פון אַ סך שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן פאַרן טעאַטער). דער ערשטער אויפטריט זיינער אין איינער פון זיינע ערשטע פּיעסן („מיטן שטראָם"), וועלכע ער האָט געשפּילט מיט אַ יידישן ליבהאָבער־קרייז, האָט אים, ווייזט אויס, אויסגעהיילט פון דעם חשק. נייערט נישט — פון שרייבן פאַרן טעאַטער, פון שרייבן אין אַ טעאַטער־פאָרם. אין דער פאָרם האָט ער נאָך אַ סך געשאַפן ביז דער סאַמע רייפער עלטער זיינער — כמעט ביז די פופציק יאָר זיינע, ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן אויף די דראַמאַ־טיזאַטאָרן, אויף וואָס ס'איז כדאי באַזונדער זיך אָפּצושטעלן.

זיין אָריגינעלע דראַמאַטורגיע האָט שלום אַש איינגעטיילט — אין בוך־פאָרם, אין דער יובילייַ־אויסגאַבע פון זיינע ווערק, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק און איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּוילן — אין פיר בענד: באַנד I — ביבלישע און היסטאָרישע דראַמען. אין דעם באַנד זענען אַריין: 1) יפתחס טאָכטער, 2) שבתאי צבי, 3) אמנון און תמר, 4) מאַראַנען (בלויז אין זוכצעטל). באַנד II — נאַציאָנאַלע דראַמען. אין דעם באַנד — 1) משיחס צייטן, 2) אונדזער גלויבן, 3) אַ שנירל פּערל, 4) דער טויטער מענטש. באַנד III — סאָציאַלע דראַמען: 1) גאָט פון נקמה, 2) בונד פון די שוואַכע, 3) מאָטקע גנב, 4) יחוס. און באַנד IV —

סתם דראַמאַטישע שריפטן: 1) די יורשים, 2) מיטן שטראָם, 3) דער זינדיקער, 4) אום ווינטער, 5) מאַראַנען (וואָס האָט געזאָלט אַריינגיין אין באַנד ו). איניקע יאָר שפּעטער (אין פּוילן, אינעם פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", אין יאָר 1930) איז דערשינען אַ באַנד נייע דראַמען (דער 23־טער באַנד „געזאַמלטע שריפטן"), ווו ס'זענען אַריין: 1) ראַבאַי ד"ר זילבער („רעווערענד ד"ר סילווער"), 2) יוסף און 3) קוילן (וואָס איז דערשינען אויך אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע אין יאָר 1928). אין די אַלע בענד איז נישט אַריינגענומען געוואָרן די קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן", — אַ פּיעסע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן בעת שלום אַשס ערשטן באַזוך אין ניו־יאָרק (1909—1910) און דערשינען אין בוך־פֿאָרם אין וואַרשע (פֿאַרלאַג „פּראָגרעס", 1910). פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען, איז שווער פֿעסטצושטעלן. מעגלעך, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווייל „דער לאַנדסמאַן" איז געשריבן געוואָרן אויף באַשטעלונג — פֿאַר דוד קעסלערן, וועלכער האָט דער ערשטער אויפגעפירט די פּיעסע און ער האָט אָפּגעקויפט אַלע רעכט אויף דער פּיעסע. אָבער די קאָמעדיע האָט פֿון דעסט וועגן אָפּגעשפּילט איר ראָל אין יידישן טעאַטער אין אייראָפּע. זי איז טאַקע אין די צייטן, ווען רעכט זענען געווען רעכט — דאָס הייסט: ביז דער מלחמה — נישט געשפּילט געוואָרן. נייערט אין די מלחמה־יאָרן איז זי געווען פֿון די גרינדונג־פּיעסן אינעם רעפּערטואַר פֿון דער יונגער „ווילנער טרופּע" (ווען איז נאָך געווען אַ דראַמאַטישער קרייז אין ווילנע); זי איז אויך באַנייט געוואָרן מיט צען יאָר שפּעטער, בעת דער ווידעראָרגאַניזירונג פֿון דער „ווילנער טרופּע" אין פּוילן (אין לעמבערג) נאָך איר צעפֿאַלן ווערן אין רומעניע. זי איז אויך געשפּילט געוואָרן (אמת — אָן אַ גרעסערן דערפֿאָלג) אין אַנדערע יידישע טעאַטערס אין אייראָפּע און אויף העברעיש — אין ארץ־ישראל.

אָבער לאָמיר איצט מאַכן אַ קורצן איבערזיכט איבער דער אָריגינעלער דראַמאַטורגיע פֿון שלום אַשן לויט אַ געוויסן כראָ־

נאָלאָגישן סדר. מיר ווען זיך דאָן איבערצייגן, אַז דער שווער־פּונקט פון זיין שאַפן פאַר דער בינע, פון דער דראַמאַטורגישער פאָרם אין זיין שאַפן, איז געווען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה (15 פון צווישן די 21 פּיעסן זיינע). דאָס איז זיכער נישט קיין צופאַל ווען מ׳נעמט אויך אין אַכט, אַז דווקא נאָך דער מלחמה — ביי דער געוואַלדיקער אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער סיי אין אַמעריקע, סיי אין אייראָפּע — זענען געווען גרעסערע מעג־לעכקייטן פאַר אַן ערנסטן דראַמאַטורג צו קומען צום אויסדרוק, צו געפינען זיין סצענישן תיקון, ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיט ה. לייוויקן. ווער שמועסט נאָך פאַר אַ שרייבער פון אַזאַ פאַרנעם, ווי שלום אַש. זיין נאָמען איז דאָך געזוכט געוואָרן דורך אַלע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן. זיין נאָמען אויפן אַפיש איז געווען אַן אומגעהויערע צוציונג־קראַפט; זיינע אַלטע פּיעסן זענען אומ־אויפהערלעך געשפּילט געוואָרן אין גאָר דער יידישער טעאַטער־וועלט; ס׳זענען געמאַכט געוואָרן כסדרדיקע (און פאַרשידענע) דראַמאַטיזאַציעס פון זיינע ווערק. פאַרוואָס־זשע איז אַש אָפּגעשטאַנען אין די רייפע יאָרן פון דראַמאַטורגישע פּרוּוון?

דער תירוץ איז אַ פּשוטער: וואָס מער שלום אַש האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ברייטן לייוונט; וואָס גרעסער ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיינע ראָמאַנען (וועלכע זענען, אגב, געווען „סחורה" נישט בלויז פאַר בוך־אויסגאַבעס, נייערט פריער געדרוקט געווען אין המשכים, אין צייטונגען), אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין אינטערעס, זיין פּערזענלעך אַנגאַזשירן זיך אין שאַפן דראַמאַ־טישע ווערק. אָבער נישט זיין אינטערעס פאַרן טעאַטער. דערפאַר — די דראַמאַטיזאַציעס פון זיינע ווערק וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בעיקר פון מאָריס שוואַרצן — מיט אַשס הסכמה און צומאָל עצות. זיינע זכרונות וועגן שלום אַשן הייבט טאַקע מאָריס שוואַרץ אָן: „שלום עליכם און שלום אַש זענען געווען די צוויי עמודים פון יידישן קונסט־טעאַטער..." „דער קונסט־טעאַטער האָט אויפגעפירט... „גאָט פון נקמה", „מאָטקע גנב", „אַ שנירל

מיט מאַרק שאַגאַלן און אברהם סוצקעווער אין יאָר 1956 אין תל־אביב

פּערל״, „קידוש השם״, „דער תהילים־ייד״, „אָנקל מאָזעס״, „דער לאַנדסמאַן״, „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע״. „די דריי שטעט״. אויך האָב איך געמאַכט אַ פילם פון זיין „אָנקל מאָזעס״.

ווי מיר זעען רעכנט דאָ מאָריס שוואַרץ אויס אין איין אָטעם שלום אַשס אָריגינעלע פּיעסן און זיינע דראַמאַטיזאַציעס פון אַשס ווערק (נישט אַלע). אין איין פּרט איז ער גערעכט דערמיט, ווייל די אָרגינעלע אַש־פּיעסן און די דראַמאַטיזאַציעס — דאָס צוזאַמען דאַרף באַטראַכט ווערן ווי דאָס גרויסע שלום אַש־טעאַ־טער. אָבער וועגן דעם שפּעטער. לאָמיר זיך איצט אומקערן צו דער כראָנאָלאָגיע פון שלום אַשס אָריגינעלע ווערק.

שוין אין יאָר 1904, גלייך נאָכן שאַפן „אַ שטעטל״, האָט שלום אַש אָנגעהויבן זיינע ערנסטע דראַמאַטורגישע פּרוּוון. „ערנסטע״, ווייל ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן האָט ער די ערשטע דראַמאַטורגישע פּרוּוון געמאַכט נאָך אין בית־מדרש. די ערנסטע זענען געווען: „דער זינדיקער״ (צוויי סצענעס) און די צוויי־אַקטיקע דראַמע „מיטן שטראָם״ (אָדער „צוריקגעקומען״, ווי זי האָט אויך געהייסן די ערשטע צייט). שוין „מיטן שטראָם״ טראָגט דעם יונגן שלומען אַוועק אויף די ברעטער פון אַן איי־ראָפּעישער בינע — פון דער פּוילישער בינע. דאָס שטיק ווערט איבערזעצט אויף פּויליש דורך אַן אָנגעזעענעם פּוילישן שריי־בער, וויטקיעוויטש (אַשס אַ גרויסן פריינד און פאַרערער) און ס׳ווערט דורך אַ צווייטן פריינד פון שלום אַשן — איינעם פון די גרעסטע פּוילישע שרייבערס אין אונדזער דור — סטעפאַן זשע־ראָמסקי, רעקאָמענדירט דעם קראָקעווער פּוילישן טעאַטער, וואָס איז פון תמיד אָן געווען פון די אָנגעזעענסטע ערנסטע טעאַטערס אין פּוילן. דאָס איז געווען אַשס אַריינטריט־קאַרטע אינעם איי־ראָפּעישן טעאַטער, ווייל זינט דאַן האָט זיך זיין נאָמען אָנגע־הויבן צו נאָטירן אין דער וועלט־דראַמאַטורגיע. „מיטן שטראָם״ ווערט אויך אויפגעפירט אין פּוילישן טעאַטער אין וואַרשע, לאָדזש א. אַ., אויף העברעיש — אין א״י; אָבער דער עיקר — די וויי־

טערדיקע פּיעסע „משיחס צייטן" אָדער „דער חלום פון מיין פאָלק" (1905), וואָס איז אין יאָר 1906 אויפגעפירט געוואָרן אין פּעטערבורגער טעאַטער פון דער גרויסער רוסישער קינסטלערין וויערא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ און איז דורך איר געשפּילט געוואָרן אין אַ גרויסן טורנע איבער רוסלאַנד (אונטערן נאָמען „אויפן וועג קיין ציון"). די פּיעסע איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אין פּויליש און — אין אַמעריקע, קודם כל — אין יידיש (יעקב פּ. אַדלער).

„דער זינדיקער", דאָס זענען מאַקאַברישע צוויי בילדער אויף אַ בית עולם, ווו די ערד וויל נישט צונעמען דעם זינדיקן. קברנים, דיינים, אַ „מרה שחורהדיקער", אַ „פרוי אין שוואַרצן שלייער" און דער גוטער רב פון שטעטל, גבאי פון חברה קדישא א.א.וו. קיין שום האַנדלונג, קיין שום אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטערן, נייערט בלויז שטימונגען, בין־השמשות־שטימונגען, בית־הקברות־שטימונגען און סילועטן פון מענטשן. האָבן די בילדער ווייניק שאַנסן געהאַט אויפגעפירט צו ווערן און זענען מן־הסתם געשריבן געוואָרן נישט מיטן מיין פאַרן טעאַטער — בלויז אין דער דראַמאַטישער פאָרם — מיט אַ סך, אַ סך רעמאַרקעס, באַשרייבונגען, וואָס זענען דער עיקר: אויסדרוק פון די שטימונגען.

„מיטן שטראָם" דאַקעגן (אָדער ווי ס'האָט לכתחילה געהייסן: „צוריקגעקומענ") איז אַ דראַמע אין צוויי אַקטן, וואָס קומט פאָר „אין אַ קליין שטעטל ביים טייך" — אין די זיבעציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט מיט בולט־געצייכנטע האַנדלענדיקע פּערזאָנען (ר' זרח, אַ רב; הינדל, זיין ווייב; רחלע, זייער טאָכטער; דוד, איר מאַן — „ביי אַ שווער און שוויגער אויף קעסט"; יחזקאלע, זייער קינד), כאָטש ביי אַ געוויסער באַגרענעצטער האַנדלונג. נייערט — אַ שטאַרקער קאָנפליקט, דער שטאַרקסטער קאָנפליקט פון יענע יאָרן, ווען דער קעסט־איידעם, דוד, „וויל אין דער וועלט גיין און מיר אַ וועג זוכן, פאַר מיין קינד דערינגען,

אַז דער יונגער דור וועט אויפוואַקסן זאָל ער אַ ניי לעבן האָבן״. נייערט אין זיבן יאָר אַרום קומט דוד צוריק — אַ „פרעמדער מענטש״, פרעמד זיין אַמאָליקער סביבה. און פרעמד זיין אייגענעם קינד, וועלכער „וויל נישט אַזאַ טאַטן״... דאָס איז דער עצם פון קאָנפליקט — אַ קאָנפליקט פון תקופות און אַ קאָנפליקט פון דורות. נישטאָ טאַקע קיין סך האַנדלונג, אָבער אַ סך שפּאַנונג און אַ סך שטימונג. מער פּאָעזיע, ווי דראַמע. נייערט אין יענע יאָרן, ווען פּאָעזיע איז געווען אַן אָפּטער גאַסט אויף די פּוילישע בינעס, האָט אויך דער פּאָעטישער סצענישער עטיוד פון שלום אַשן (אונטערשטיצט פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי זשעראָמסקי) גע־פונען זיין וועג צום פּוילישן טעאַטער. ער איז אויך שפּעטער געווען שטאַרק פּאָפּולער אַ סך יידישע דראַמאַטישע גרופּעס און קרייזן, געשפּילט געוואָרן אויך אין העברעיש.

„משיחס צייטן״ איז אַזוי אַרום די ערשטע פולע דראַמאַטישע שאַפונג פון שלום אַשן און טאַקע זיין ערשטער אַרויסמאַרש אויף ברייטע סצענישע וועגן. די זאַך הייסט ביי אַשן „אַ צייטשטיק אין דריי אַקטן״ און איר מיין איז געווען איבערצוגעבן די ראַנגלע־נישן, ברוויזונגען, יוירונגען, קאָנפליקטן און אָפּגעפרעמדקייטן אין אַ דעמלטדיקער פּויליש־יידישער משפחה. רב חנן איז אַ באַ־לעבאָס אין אַ קליין שטעטל; ברוך־באַריס, זיין עלטערער זון — אַ וואַרשעווער סוחר; יוסף, זיין יינגערער זון — אַן אָרעמער, קליינשטעטלדיקער סוחר; אָנקל קאָהן, זייער איידעם — „אַ דייטש יידל פון לייפּציק״; ברוכס עלטערער זון, אַנדזשעי, איז אַ סטודענט אין דער שווייץ; יוסטינע, די טאָכטער — אַ סטודענ־טין אין קראָקע; בן־ציון, יוספס עלטערער זון, אַ געוועזענער בית־מדרש־בחור, איז דער ציוניסט אין דער משפחה; חיים, דער מיטלסטער זון — אַ בעל־מלאכה, — אַ סאָציאַליסט; משה, דער יינגסטער זון, איז אַ יידישיסט. און צו דער פאַרשידנאַרטיקער גאַלעריע געשטאַלטן און געזינונגען באַווייזט זיך צום סוף אסתרקע, די געליבטע פונעם פּוילישן קעניג, וועלכע וואָגלט צווישן הימל

און ערד און זוכט אַ וועג צו איר קבר. דער קאָנפליקט קומט אויף פונעם צונויפרופן די גאַנצע משפּחה, ווייל רב חנן האָט „זיך מיט אייך זעגענען געוואָלט פאַר אונדזער אַראָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו מיר, איך און אייער מאַמע, וועלן פאַרברענגען אונדזער רעשט טעג אויף תורה און עבודה...״ בכן — אַ בולט רעאַליסטישער קאָנ־פליקט פון יענע יאָרן. אָבער אַש, דער ראָמאַנטיקער, גיט אים צו די וויזיע פון אסתרקע, דעם אָפּקלאַנג פון אייגענע שטימונגען, די פּאָעזיע פון זיינע זעונגען, אין וועלכע ס׳איז פאַר אים איינ־געהילט געוואָרן די יידישע ווירקלעכקייט אין פּוילן, די יידישע ווירקלעכקייט פון יענע יאָרן בכלל.

דער אייגנטלעכער — און דער דערפאָלגרייכסטער — אַרויסמאַרש פון שלום אַשן דעם דראַמאַטורג אינעם וועלט־טעאַ־טער, איז געשען גלייך נאָך דעם, מיט זיין דראַמע „גאָט פון נקמה״. אַרום דער טעמע פון זיינס אַ דערציילונג וועגן דער ליבע פון אַ פּראָסטיטוטקע (מאַנקע) מיט אַ יונג מיידל, האָט שלום אַש אויסגעבויט די דראַמע פון יאַנקל שאַפּשאָוויטש, דעם באַלעבאָס פון אַ פריילעך הייזל, וואָס לאָזט שרייבן אַ ספר תורה, כדי אָפּ־צוהיטן די ריינקייט פון זיין שטוב, פון זיין איינציקער טאָכטער, רבקהלע. אָבער דער גאָט פון נקמה לאָזט זיך נישט איבערקויפן מיט דער ספר תורה — שאַפּשאָוויטש מיט דער טאָכטער זינקען ווייטער אין זינד, ווייל „די מאַמע האָט געמעגט ? דער טאַטע האָט געמעגט ?״ — ווי ס׳שרייט אויס אירע ביטערע פראַגעס רבקהלע. און יעקל שאַפּשאָוויטש רופט ווידער אין הייזל אַריין, ווייל „גאָט וויל נישט... די נשמה דעם טייוול איבערגעגעבן... עס וועט שוין גאָרנישט העלפן״... דער טראַגישער גראַנגל צווישן טומאה און טהרה — פּערזאָניפיצירט אין אויסדריקלעכע סצענישע געשטאַלטן און (צום ערשטן מאָל ביי אַשן, דעם דראַמאַטורג) אין אַ האַנד־לונג, אין געשעענישן, געפילן; טאַקע די סענסאַציע פון אַ „הייזל״, אָבער מיט דעם שטאַרקן הויך פון אַשישער פּאָעזיע — דאָס זענען נישט־אָפּפרעגלעכע מעלות פון „גאָט פון נקמה״, אַ

פּיעסע, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַ טריומף־מאַרש אויף כמעט אַלע בינעס פון דער וועלט.

אמת, אַש איז געווען אַ בר־מזל אויך: ס׳האָט אים אָפּגע־גליקט אָנצוקומען צו מאַקס ריינהאַרדטן, דעם אָפּגאָט פון דעמלט־דיקן אייראָפּעישן טעאַטער און ריינהאַרדט האָט אויפגעפירט די דראַמע אין זיין באַרימטן „רויטשעס טעאַטער" אין בערלין (1907). אָבער דאָס אָנקומען צו ריינהאַרדטן, דאָס קענען געווינען אים — דאָס איז אויך אַן ענין פון דער אומפאַרגלייכלעכער דרייסטקייט און גבורה פון שלום אַשן, וועלכער האָט געוואָגט (אין זיין צעבראָכענעם דייטש) צו דערשלאָגן זיך צום גרויסן בינע־מייסטער און פאַרצולייענען אים זיין נייע דראַמע. און פון ריינהאַרדטן איז שוין די דראַמע אַוועק אויף אַנדערע דייטשע בינעס (ווער שמועסט נאָך, אַז שאַפּשאָוויטשן האָט געשפּילט אַזאַ גאון פון שוישפּיל, ווי רודאָלף שילדקרויט), אויף רוסישע בינעס, פּוילישע טעאַטערס, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש, דעניש און אַנדערער שפּראַכן — שוין נישט רעדנדיק וועגן „גאָט פון נקמה" אויף יידיש כמעט אין גאַר דער יידישער וועלט, דורך די גרעסטע יידישע בינע־קינסטלערס.

ס׳ווילט זיך דאָ ברענגען צוויי לענגערע אויסצוגן פון פּראָ־מינענטע יידישע שרייבערס וועגן דער דאָזיקער דערפּאָלגרייכס־טער פּיעסע פון שלום אַשן. קודם כל — י. ל. פּרץ. שלום אַשס רבי און לאַנגיעריקער פּראָטעקטאָר, האָט זייער שטרענג דאָס מאָל באַהאַנדלט זיין אַמאָליקע תלמיד אינעם אַרטיקל „אַש". פּרץ הייבט אָן: „נישט אַש נאָך אַן אויסגעלאָשענעם פלאָם, נאָר שלום אַש, וואָס צעפלאַמט זיך אַלץ העלער און העלער..." „נאָך דער הסכמה פון וואַרשע, פּעטערבורג, בערלין, ווין, דאַרף מען נישט באַווייזן, אַז אַש האָט טאַלאַנט. „משיחס צייטן" און „אל נקמות" זענען איבער די אייראָפּעישע סצענעס, ווי מעטעאָרן — אַרי־בער..." „... עס איז שוין צייט דעריבער פון אַשס פעלערן צו רעדן. וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זיין שאָטן; און וואָס

טאַלאַנטפולער דער דיכטער — אַלץ שעדלעכער זיין פעלער! און אַשס אַרטיסטישער מאָגן איז שוין געווען שטאַרק קריטיק צו פאַרדייען; ס׳וועט אים נישט פאַרשאַדן...״ „און נישט קיין גרינגע זענען אַשס פעלערן: סצענישע עפעקטן און — אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער יידישער גרענעץ אַריבער״.

„...אַש האָט דער סצענע — ליידער נאָר דער אייראָפּעישער, ווייניקסטנס דערווייל, ביים היינטיקן יידישן טעאַטער — אַ פּאָע־מאָט געשענקט... דעם צווייטן אַקט פון „אל נקמות״. אַש האָט אָבער אַן ערשטן און אַ דריטן צוגעגעבן און אין די צוגעגעבענע אַקטן איז ער מיט אַלע זיינע פעלערן אַרויס״. „...אפשר נישט באַוווּסטזיניק — עס טרעפן זיך נישט ,באַוווּסטזיניקע׳ קאַקעטעס אויך — אָבער אַלץ אַ חנדל צום קריסטלעכן עולם... ,אל נקמות׳ איז, לויט מיין געשמאַק, אַ גרויסאַרטיק ווערק און דעריבער — טוט עס מיר אַזוי ווײ...״

און אויפן צווייטן פּאָליוס פון דעמלטדיקן יידישן לעבן, אין ניו־יאָרק, האָט די באַדייטנדיקסטע יידישע טעאַטער־פּערזענ־לעכקייט פון יענע יאָרן, דער „רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַ־טער״, יעקב גאָרדין, אויך זיך אַרויסגעזאָגט אין דער פראַגע. געשען איז עס אַ קורצע צייט נאָך די דערפאָלגן פון „גאָט פון נקמה״ אויף די אייראָפּעישע בינעס, ווען דאָס טעאַטער פון וויע־ראַ קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט גאַסטראָלירט אין אַמעריקע און האָט צווישן געשפּילטן רעפּערטואַר — אָסטראָווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי, אַנדרעיעוו, איבסען, זודערמאַן — אויך אַריינגענומען „גאָט פון נקמה״ פון שלום אַשן, מיט דעם באַרימטן רוסישן אַקטיאָר ניעלידאָוו אין דער ראָל פון שאַפּשאָוויטשן. גאָרדין, דער מייסטער פון דראַמאַטורגישער טעכניק, האָט קודם־כל זיך אין זיין רעצענזיע אָפּגעשטעלט אויף דער קאָנסטרוקציע פון דער דראַמע, וואָס „איז געבויט אַזוי קינדיש... איר זעט נישט קיין סאָלידן פּלאַן פון אַ קענער, אַן אַרכיטעקטאָר...״ נייערט ער מוז מודה זיין, דער שטרענגער גאָרדין, אַז „שלום אַש דערציילט

אונדז די גרויסע דראַמע פון קליינע מענטשעלעך מיט דער נאַיווער קינדישער אויפריכטיקייט און אומשולדיקער תמימות פון אַן אמתן פּאָעט. דאָס, וואָס ער דערעדט נישט, גיט נאָך צו דעם בילד אַ מיסטישע, געהיימנישפולע אומגעוויסנקייט. דאָס וואָס ער דערשילדערט נישט, גיט צו זיין מערקווירדיקן רעאַליזם אַ ראָמאַנטישע שיינקייט. דער אינטערעס פונעם ווערק איז נישט אין דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע, נאָר אין דער טיפער שטי־מונג, וואָס זי רופט אַרויס...״

נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון „גאָט פון נקמה״ קומט פאָר אַ געוויסער באַרג־אַראָפּ אינעם דראַמאַטישן שאַפן פון שלום אַשן, מן־הסתם דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפונען „אונטערן טעראָר פון דער ביבלישער טעמע״, — ווי ער האָט עס אָנגערופן אין זיינס אַן אויטאָביאָגראַפיע — נאָך דער ערשטער רייזע קיין ארץ־ישראל. פון יענער תקופה שטאַמט זיין צוויי־אַקטיקע פּיעסע — אַ געזאַנג וועגן ליבע — „אמנון און תמר״ (אויפגעפירט בלויז דורך דער „ווילנער טרופּע״, אינעם יאָר 1921 אין וואַרשע, רעזשי מענדל עלקין); דער איינאַקטער „אין ווינטער״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין „נשף בראשית״ פון „הבימה״ אין מאָסקווע (1918); די ביבלישע פּיעסע אין צוויי אַקטן „יפתחס טאָכטער״ און די טראַגעדיע אין דריי אַקטן „שבתי צבי״ (וואָס איז יאָ אויפגעפירט געוואָרן אין אַ באַאַרבעטונג פון יעקב שטערנבערגן פון „די ווילנער טרופּע״ אין רומעניע, מיט יוסף בולאָוון). ערשט ווען אַש קערט זיך אום צו דער היינטצייטיקייט, באַקומט ער ווידער זיין אָרט אינעם רעפּערטואַר פון טעאַטערס. קודם־כל — מיט קאָמעדיעס.

די ערשטע קאָמעדיע זיינע — אַ פיינע פאַמיליען־קאָמעדיע פון יידישן לעבן אין פוילן, וועגן דעם מעזאַליאַנס פון אַן אָפּגע־קומענער אַריסטאָקראַטישער משפחה, מיט אַ קינד פון אַן אויפגע־קומענעם גאָרקיכער — „דער יחוס״, ווערט אויפגעפירט (אין 1909) ביי ריינהאַרדטן, איבערזעצט אויף רוסיש און אַנדערע

שפּראַכן, געשפּילט אויף אַ סך בינעס, ביז ס׳קומט אָן אויך אין יידישן טעאַטער. אין העברעיש איז זי אויפגעפירט געוואָרן אין 1910 אין יפו, אין דער איבערזעצונג פון י. ח. ברענער. די צווייטע קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן״ — אַ קאָמעדיע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן — אָנגעשריבן פאַר דוד קעסלערן בעת שלום אַשס ערשטן קומען קיין אַמעריקע און אויפגעפירט אין 1910, האָט זיך אַ סך יאָרן געהאַלטן אינעם רעפּערטואַר פון יידישע טעאַטערס (ווי שוין דערמאָנט — אייניקע מאָל אויפגעפירט אויך אין דער „ווילנער טרופּע״). אין 1912 איז זי אויך אויפגעפירט געוואָרן אין יפו אין העברעיש א. נ. „בנכר״.

דאַן קומט ווידער די דרייאַקטיקע דראַמע „דער בונד פון די שוואַכע״ (1912) — געשריבן מיט אַ בולטער כוונה פאַר דער פּוילישער בינע, אַ דראַמע פון פּוילישן קינסטלער־לעבן (כאָטש ס׳איז דאָ אויך אַ יידישע געשטאַלט, אַ שטובן־מאָלער); ס׳איז אַ רעאַליסטישע דראַמע מיט אַ סך עלעמענטן פון פאַנטאַסטיק, אַ שלל פאַנטאַסטישע פיגורן (ווי אָפּט ביי אַשן — אַ געמיש פון רעאַליטעט און וויזיע). די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין דייטש, אין בערלינער „קאַמערשפּילע״; אַ פאַנטאַסטיש איינאַקטיק בילד „די נאַכט״ (געדרוקט אין „צוקונפט״, אין 1913) און דאָס פאָלקס־שטיק אין 4 אַקטן „פאַר אונדזער גלויבן״ (1914). דאָס דאָזיקע פאָלקס־שטיק — אָדער „אונדזער גלויבן״, ווי ס׳האָט געהייסן אינעם ערשטן געדרוקטן און געשפּילטן וואַריאַנט — איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק, פון באָריס טאָמאַשעווסקין, שוין נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זינט דאַן — באַזונדערס נאָכן סוף פון דער מלחמה — אין אַ סך אַנדערע יידישע טעאַטערס. ס׳איז ווידער דער קאָנפליקט ייד־גוי, אין אַ געמישט שטעטל אין פּוילן, ווו ס׳קומט אויף די טראַגעדיע פון אַ געמישט פּאָרפאָלק — — אַ יידישע מאָכטער, וואָס אַנטלויפט פון אונטער דער חופּה צו איר פּוילישן געליבטן. אַביסל פריער איז אַן ענלעכער קאָנפליקט — אָבער

שוין אין דער סביבה פון פוילישע און יידישע אַריסטאָקראַטן — פאַראַן אין שלום אַשס פּיראַקטיקער דראַמע „די יורשים", וואָס איז אין יאָר 1916 אויפגעפירט געוואָרן פון דוד הערמאַנען אין וואַרשע און געשפּילט געוואָרן אין געוויסע אַנדערע אויפפירונגען, אָבער געהערט נישט צו די פיל־געשפּילטע פּיעסן פון שלום אַשן.

אונטערן איינדרוק פון דער מלחמה־טראַגעדיע שאַפט שלום אַש זיין פּיראַקטיקע טראַגעדיע „אַ שנירל פּערל" (1916) — ווי שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל; רעאַליסטישע בילדער פון יידישע ליידן, געבונדן מיט אַ סימבאָלישן פּראָלאָג ביים טיטוס־טויער אין רוים. „אַ שנירל פּערל" איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל (אין 1922) אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. די פּרווון אויפצופירן די פּיעסע אין פוילן זענען גע־שטערט געוואָרן פון דער צענזור — סיי פונעם פּילסודסקי־פוילן, סיי פון פאָלקס־פוילן; די צווייטע פּיעסע איז געווען אַ סענסאַ־ציאָנעלע „ווער איז דער פאָטער?" (1918) און דאַן — די דריי־אַקטיקע דראַמע „דער טויטער מענטש" (1920) — אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1921 פון אברהם טייטלבוים מיט אַ סטודיע אין טשיקאַגאָ און ערשט אין 1922 — פון מאָריס שוואַרצן. דאָס איז ווידער אַ געמיש פון רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק, דורך וועלכע שלום אַש האָט געוואָלט שילדערן די יידישע פאַרלוירנ־קייט נאָך דער מלחמה און דאָס שטרעבן פון יידן צו ארץ־ישראל.

אַ נייער אויפבליק פון דער אַש־דראַמאַטורגיע איז געווען זיין דראַמאַטיזאַציע פון „מאָטקע גנב", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון מאָריס שוואַרצן אין זיין קונסט־טעאַטער (די פּיעסע איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלערישער אויפשטייג פון פאָל מוני — מוני וויזנפריינד, — אין דער טיטל־ראָל) און קורץ נאָך דעם — פון ש. לאַנדאַו און זיגמונט טורקאָוו אינעם וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער (ווידער דער אויפשטייג פון אייזיק סאַמבערג אין דער טיטל־ראָל און קלאַראַ סעגאַלאָוויטש — מערי). די פּיעסע איז יאָרנלאַנג — און טויזנטער מאָל —

געשפּילט געוואָרן אין גאָר דער יידישער וועלט דורך פאַרשידענע אַקטיאָרן און אַנסאַמבלען, ווי אויך אין פאַרשידענע דראַמאַטיזאַציעס (און אין פאַרשידענע שפּראַכן). אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַ שטייגער, איז „מאָטקע גנב" געשפּילט געוואָרן אין אייניקע דראַמאַטיזאַציעס (בעיקר — אין די צוואַנציקער יאָרן), אין וועלכע ס'איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער סאָציאַלער מאָמענט אין „מאָטקע גנב"; אין ארץ־ישראל איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן דורכן „תיאטרון העברי" אין 1924 (דאָס זעלבע טעאַטער האָט אין 1920 אויפגעפירט „מיטן שטראָם" — „עם הזרם" און אין 1922 יאָר — „אל נקמות" — „גאָט פון נקמה". „מיטן שטראָם" איז נאָך פריער אויפגעפירט געוואָרן אין יפו [1911] א. ג. „יצא וחזר" און אין 1914 — אין חיפה). אין יידיש איז „מאָטקע גנב" אויפגעפירט געוואָרן — שוין אין ישראל — אין אייניקע אויפלאַגעס און לעצטנס (אין 1967): אין אַ נייער דראַמאַטיזאַציע פון סיליק שטערנפעלד, אין וועלכער דער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף דעם ספּעקטאַקלערישן און אויף די ליבע־עלעמענטן.

שלום אַש נעמט זיך ווידער דראַמאַטורגיש צו היסטאָרישע טעמעס („מאַראַנען", 1922, „יוסף" — ביבלישע דראַמע אין 5 בילדער — 1924), וואָס גיבן אים נישט קיין מעגלעכקייטן פון סצענישער פאַרקערפּערונג, ביז ער שאַפט זיין היינטצייטיק אַמעריקאַנער־יידישע פּיעסע רעוועריענד ד"ר סילווער (1927) — געשפּילט אין אייניקע יידישע טעאַטערס אין איירעפּע און אַמעריקע (אָן אַ גרעסערן דערפאָלג) און זיין לעצט סצעניש ווערק „קוילן" (אין ערשטן וואַריאַנט: „קינדער פון דער ערד"), וואָס איז ווידער אַ געמיש פון רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק; אַ פּיעסע מיט שטאַרקע סאָציאַלע אַקצענטן (פון די קוילנגרעבערס לעבן אין אַמעריקע) מיט געציילטע בלויז יידישע מאָמענטן און אַ גאַנצן אַקט „אַ שפּיל פון עלעמענטן", פון די געהיימע כוחות אין דער נאַטור (צו וועלכן שלום אַש האָט דורכגעפירט גאַנץ לייטישע

סטודיעס פון מינעראַלאָגיע, פיזיק א.א.וו., ווי מ׳קאָן זיך איבער־צייגן פון זיינע נאָטיץ־ביכלעך, וואָס געפינען זיך אין בית שלום אַש).

דערמיט ענדיקט זיך דאָס אָריגינעלע דראַמאַטורגישע שאַפן פון שלום אַשן, אָבער נישט די טעמע: דאָס טעאַטער פון שלום אַש. ווייל דאָס דאָזיקע טעאַטער שטעלט זיך צונויף פון די אָרי־גינעלע שלום אַשס פיעסן און דראַמאַטיזאַציעס פון זיינע ווערק. און דראַמאַטיזאַציעס זענען געווען נישט ווייניק און פאַרשידנ־אַרטיקע.

ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן וועגן אייניקע דראַמאַ־טיזאַציעס פון „מאָטקע גנב" — אַחוץ שלום אַשס אייגענער דראַ־מאַטיזאַציע. אויפן צווייטן פייער איז געגאַנגען „קידוש השם". דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די גרעסטע דערפאָלגן אינעם יידישן טעאַטער — בעיקר די דראַמאַטיזאַציע פון מאָריס שוואַרץ אין זיין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער און מיכאל ווייכערט ביי דער „ווילנער טרופע" אין פוילן — האָט געהאַט אויך אַנדערע דראַמאַטיזאַציעס, צווישן זיי: אין ארץ־ישראל — פון אַנאַטאָל שטערן פאַר דער „הבימה" (ווו זי איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער רעזשי פון צבי פריד־לאַנד אין יאָר 1947); פון י. גרודבערג און י. שיין (אויפגעפירט אין „יידישן פאָלקס־טעאַטער" מיט ישראל שומאַכערן אין יאָר 1961). אַ דאַנק די אויפפירונגען איז געוואָרן אַ געשטאַלט פון שלום אַשס „קידוש השם" — דאָס הייליקע שניידערל — אַ שם דבר, אַ סימבאָל, אַ פאַראַלגעמיינערונג, גראָד ווי ס׳איז בשעתו געוואָרן אַ פאַראַלגעמיינערונג יענקל שאַפּשאָוויטש, להבדיל.

אַ צווייט ווערק פון שלום אַשן, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ צאָל דראַמאַטיזאַציעס, איז געווען „אַנקל מאָזעס". אַ חוץ מאָריס שוואַרצס דראַמאַטיזאַציע אין ניו־יאָרק (ווי שוין דערמאָנט האָט מאָריס שוואַרץ אויך פאַרפילמט דאָס ווערק), איז געווען אויך אַ סאָוויעטישע דראַמאַטיזאַציע פון י. מלינעק און ה. פּאַפּאַך

(דערשינען אַפּילו אין בוך פֿאָרם אין מינסק, אין יאָר 1929) ; אַ דראַמאַטיזאַציע פֿון רודאָלף זאַסלאַווסקי, וועלכע דער דערמאָנ־טער קינסטלער האָט געשפּילט אין פֿאַרשידענע לענדער ; פֿון אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס איז דורך זיגמונט טורקאָוון צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן (אין יאָר 1931) אין וואַרשעווער קאַ־מינסקיס טעאַטער, אין לאָדזש, ביי דער „ווילנער טרופּע" (אין יאָר 1932) און איז פֿון דערמאָנטן קינסטלער געשפּילט געוואָרן אין משך פֿון אַ סך יאָרן אין אייניקע לענדער פֿון אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, אין ישראל און אין אויסטראַליע.

די ווייטערדיקע דראַמאַטיזאַציעס זענען שוין כמעט אַלע פֿון מאָריס שוואַרצן — פֿאַר זיין קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק. אָנ־געהויבן האָט ער מיט „דאָס לעבן פֿון חיים לעדערער" (1932). דאַן איז אַוועק אַ סדרה פֿון גראַנדיעזע אויפֿפֿירונגען : „די כישוף־מאַכערין פֿון קאַסטיליע", „דריי שטעט" (אַ דראַמאַטיזאַציע פֿון דער טרילאָגיע, אין יאָר 1938) ; „דער תהילים־ייד" און „איסט ריווער". מאָריס שוואַרץ האָט אויך דראַמאַטיזירט „גראָסמאַן און זון" — דאַן איז שוין אָבער נישט געווען זיין קונסט־טעאַ־טער, האָט ער נישט געהאַט ווו עס אויפֿצופֿירן.

אין ארץ־ישראל איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ דראַמאַטיזאַ־ציע פֿון איין באַנד פֿון דער טרילאָגיע — „ורשה". דער דראַמאַ־טיזאַטאָר איז געווען אַנאַטאָל שטערן און די פֿאָרשטעלונג איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן (אין דער רעזשי פֿון צבי פֿרידלאַנד) אין דער „הבימה", אין יאָר 1945.

אַוודאי זענען נישט די דראַמאַטיזאַציעס קיין חלק פֿון שלום אַשס דראַמאַטורגיע. זיי זענען אָבער אַ באַווייז, ווי גרויס און ווי רייך ס׳איז געווען דער דראַמאַטישער שטאָף אין די ווערק פֿון שלום אַשן ; ווי פֿאַרביק און רעליעף ס׳זענען געווען די גע־שטאַלטן, וועלכע ער האָט געשאַפֿן אין זיינע ווערק ; די אַנט־וויקלונגען און פֿאַרוויקלונגען פֿון דער אינטריגע, וועלכע שלום

אַש האָט אין דער מערהייט פֿאַלן אויסגעוויקלט אין זיינע ראָ־מאַנען.

ס׳לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז שלום אַש איז לסוף געקומען צו דער איבערצייגונג אין דער גערעכטיקייט פֿון יעקב גאָרדינס פֿאָרוואָרף וועגן מאַנגל פֿון אַרכיטעקטאָנישער קענטניש אין דער דראַמאַטורגישער מלאכה ביי אים. אפֿשר האָט אים געהאָלפֿן נאָך איבערצייגן אין דעם דער דערפֿאָלג פֿון די דראַמאַטיזאַציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פֿון זיינע ווערק — די גראַנדיעזע ספּעק־טאַקלען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן פֿון זיינע ראָמאַנען. די צייט פֿון שטימונגען אין טעאַטער, פֿון פּאָעטישע זעונגען (וואָס איז, אגב, אין יידישן טעאַטער קיינמאָל כמעט נישט געווען קיין „סחורה״) איז אַוועק. די בינעס פֿון דער וועלט זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון פֿאַרנעמיקע, פֿיל־בילדערדיקע און פֿיל־געשטאַלטיקע ספּעקטאַקלען (אפֿשר האָט זיך דאָס טעאַטער אַזוי אַרום געזוכט צו שיצן קעגן דעם טריומף־מאַרש פֿונעם קלאַנג־פֿילם?) און שלום אַשן איז אייגן געווען דאָס אינטימע אין טעאַטער, דאָס צווישן־שורהדיקע אין דער סצענישער האַנדלונג. האָט ער אפֿשר צוליב דעם רעזיגנירט פֿון אַקטיווער דראַמאַטורגיע. נייערט די דראַמאַטיזאַציעס פֿון זיינע ווערק האָבן אָפּגעהיט שלום אַשס פֿאַרבינדונג מיט די בינע־ברעטער און זיי שאַפֿן עס — צוזאַמען מיט דער אָריגינעלער דראַמאַטורגיע פֿונעם דיכטער — דאָס גרויסע, פֿאַרבנרייכע און פֿילגעשטאַלטיקע „טעאַטער פֿון שלום אַש״.

X

ביים כותל המערבי

שלום אַשן — דעם באַגייסטערטן באַזינגער פון ירושלימס שיינקייט און דער הייליקייט פונעם כותל מערבי — צו דער צענטער יאָרצייט פון גרויסן שרייבער — די דערציילונג געהייליקט.

דער מחבר

א

שוין פונעם פרימאָרגן אָן האָט די היץ געברענט אומברח־מנותדיק. נייערט בערל האָט עס נישט געפילט. דעם גאַנצן וועג — פונעם אַריינפאָר אויפן הר־ציון, איבער די צעשטערטע מויערן פון די אַראַבישע באַפעסטיקונגען, ביז צום גרויסן פּלאַץ ביים כותל המערבי — האָט בערל געשוועבט, געטראָגן זיך אין דער פילפאַרביקער מאַסע, וואָס האָט אָן אויפהער געפּלייצט צום כותל. ער האָט נישט געפילט קיין אַספאַלט, נישט קיין שטיינער אונטער די פיס — ער האָט בלויז געפילט דעם דורכזיכטיק בלויען הימל איבער זיין קאָפּ.

ערשט נעכטן האָט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט „ביים כותל המערבי" — פון שלום אַשס ארץ־ישראל־איינדרוקן. שלום אַש האָט די איינדרוקן געשריבן מיט אַן ערך זעכציק יאָר צוריק. נייערט בערלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער אַליין האָט עס היינט, צוויי וואָכן נאָכן באַפרייען די אַלטשטאָט, די דאָזיקע ווערטער צוזאַמענגעשטעלט אין זאַצן, די דאָזיקע געפילן אַריינגעפּרעסט אין ווערטער:

„ביים כותל המערבי האָט מען שוין געפונען יידן פון פאַר־שידענע לענדער און געגנטן... די גרויע וואַנט... האָט גאָר היינט אַן אַנדער חן געקראָגן. שטאָלץ איז זי געוואָרן אין אונדזערע אויגן און האָט דערמאָנט אָן די גיבורים, אירע זין, וואָס האָבן אויף איר אַזעלכע העלדנטאַטן געוויזן. ווער ווייס, אפשר זענען די גרויסע, גרויסע שטיינער פון וואַנט די לעבעדיקע עדות נישט בלויז אויף די טאַטן פון די, וועלכע האָבן אויף איר קעגן די רוימער מלחמה געהאַלטן, נאָר אויך אויף די אַלע דורות יידן, וואָס זענען ווייט־

ווייט געווען פאַרוואָרפן פון איר, קיינמאָל זי נישט געזען אין די אויגן, נאָר געחלומט וועגן איר, געזען זי אין טרוים. אין די הייליקסטע מינוטן".

פאַרן אַהערקומען האָט שוין בערל געהערט, אַז דער גרויסער פּלאַץ דאָ, פאַרן כותל, איז אין משך פון געציילטע טעג געשאַפן געוואָרן — אָפּגערוימט זענען געוואָרן פון דאַנען נעבעכדיקע בנינים און חורבות. ער האָט באַמערקט, אַז אויף די מויערן אַרום און אַרום — אין יעדן אויסשפּראָץ פון אַ שטיין און אַרויסשפּרונג פון אַ מויער — האָט געוואַכט אַ יידישער שלאַכטמאַן מיט געווער אין האַנט. פון דער הויך אַראָפּ האָבן געלויכטן די געדרייטע ליניעס פון קורצע „עוזי"־אויטאָמאַטן — די זעלבע עוזיס, וואָס האָבן ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק דאָ געפייערט פון אַלע זייטן, מיט זייער גלי פאַרטריבן דעם שונא, וועלכער האָט שוין געהאַט געזייט חורבן אויפן הר־ציון, געוואָלט אָפּווישן פון דער ערד דאָס באַנייטע יידישע ירושלים. האָט בערל געפילט בפירוש, אַז אויך די גיבורים האָבן זיך איינגעגלידערט אינעם דיכטערס וויזיע פון באַנייטן ירושלים, אין זיין באַגייסטערטן אויסרוף:

„אין ירושלים... ביים כותל המערבי, פילסטו ווי די שטריק פון פינצטערן גלות האָבן זיך דיר אויפגעלעזט, צעבראָכן זענען געוואָרן אַלע געטאָס, אַלע גלותן... יידן שטייען פאַרן בית המקדש, ירושלים איז אונדזער און ארץ־ישראל איז אונדזער. דו ביסט דער פרייער ייד אין יידישן לאַנד..."

דורך די צען יאָר, זינט בערל איז עולה געווען — אין וועלכן אָרט אין ישראל ער זאָל נישט האָבן געווען — האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ געפיל, ווי איצט, פאַר דער דאָזיקער מויער, אַז ער איז דער פרייער ייד אין יידישן לאַנד. אַלע לאַסטן פון אַלע גלותן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די זעכציק יאָר זיינע, פון אַלע וואַנדערונגען און וואָגלענישן, זענען אין אים מיטאַמאָל אויפגעלעזט געוואָרן, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער

גרויסע מאַסע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער העל־טונקעלער וואַנט. די גאַנצע מאַסע כמעט איז געווען צעשאָקלט אין תפילות, נייערט בערל האָט בלויז באַטראַכט יעדן קנייטש אין די שטיינער, יעדן אויסריס אין די ריזיקע פירקאַנטיקייטן. ער איז מיטאַמאָל אין אייגענעם דמיון יינגער געוואָרן מיט אייניקע פופציק יאָר — האָט זיך דערזען אַ קליין יינגעלע, וואָס באַוווּנדערט דעם טאַטן, ווי יענער שטייט איינגעקוקט אין אַ בילדל איבערן שרייבטיש זיינעם. געווען איז עס דער כותל המערבי, אויסגעברענט און אויסגעשניטן אין האָלץ — אַ בצלאל־אַרבעט פון יענע יאָרן, פון איילבירט־האָלץ אָוודאי — אַ וואַנט פון גרויסע, ליכטיקע שטיי־נער. און נעבן די שטיינער — קליינע, טונקעלע, נעבעכדיקע, וויינענדיקע און דאַוונענדיקע יידן. די מעכטיקייט פונעם כותל האָט זיך דאַן דראַענדיק געלייגט אויף די נעבעכדיקע יידן, האָט זיך שווער געלייגט אויפן טאַטנס געמיט — עפּעס געמאָנט, צו עפּעס גערופן. עס האָט זיך אויך שווער געלייגט אויף זיין, בערלס, קינדיש געמיט. נישט פאַרשטאַנען האָט ער נאָך דאַן ווי מעכטיק די שטיינער זענען, אַז זיי דויערן אַזוי טויזנטער יאָרן — ווי עס דויערט די יידישע אמונה אין איר אייביקייט, אין דער אייביקייט פון ירושלים. נייערט די שטיינער האָבן זיך איינגעקריצט אין די קעמערלעך פונעם קינדישן מוח, נישט איינמאָל אים צו חלום געקומען, — סיי אין זיינע קינדער־יאָרן, סיי אין זיינע וואָגלע־נישן, אין די וויסטע יאָרן פון שנייען אינעם אייזיקן רוסישן צפון...

דער טאַטע האָט נישט זוכה געווען צו זען די שטיינער לעבעדיקע... יאָ, לעבעדיקע. די שטיינער לעבן איצט פאַר בער־לען. זיי לעבן פאַר די טויזנטער, צענדליקער, הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע שטראָמען אַהער אין די לעצטע טעג. דער טאַטע האָט זיינע חלומות אויסגעהויכט — די חלומות וועגן לאַנד און דער אייביקער מויער — אין די מויערן פונעם וואַרשעווער געטאָ. פילט בערל, אַז היינט איז ער מיט די עולי רגל אַהערגעקומען נישט אַליין — ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין טאַטן זכרונו

לברכה... און בערל איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו די שטיינער. ער האָט זיי געקושט פאַר זיין טאַטן, וועלכער איז מקדש השם געווען אינעם וואַרשעווער געטאָ.

ב

אַ שופר־בלאָזן האָט אויפגעוועקט בערלען פון הינערפלעט. אין אַ פּשוטן מיטוואָך שופר בלאָזן? ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז אַ חלום, אַן אַקוסטישע אילוזיע. „דער שווערער כאַמ־סין האָט געמוזט גורם זיין דעם אַקוסטישן מיראַזש" — האָט ער זיך געפּרוּווט אַליין איינרעדן. האָט ער זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון וואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן די קלאַנגען פון שופר, נייערט זען האָט ער גאָרנישט נישט געקאָנט. די אויגן זענען אים פאַרגלעזערט געווען, געברענט פון אַ זאַלציקער פליסיקייט. „שוויס, צי טרערן?" — האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַ פראַגע, און זיך אַליין געענטפערט: טראָפּנס פון בידע האָבן זיך צונויפ־געמישט אין די אויגן — פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער היץ. כסדר האָט אים עפּעס געשטויסן צווישן דעם עולם מתפּללים ביי די פּראָוויזאָרישע ארון־קודשס, פאַנאַנדערגעשטעלטע ביי דער מויער. ביים מיטלסטן ארון־קודש האָט אַ טלית געפלאַטערט. „קיין ווינטל נישטאָ און דער טלית פלאַטערט" — האָט זיך בערל געוווּנדערט. גלייך האָט ער אָבער דערזען פון טלית שטעקט אַרויס אַ שופר, אַרומגעזוימט מיט גרויער באָרד און צעפּלאָשעטע פּיאות. פון צווישן די צעשויבערטע האָר האָבן זיך געטראָגן די תקיעות, תרועות — די אויפטרייסלענדיקע קלאַנגען פון שופר: „שופר של משיח, שופר של משיח" — — האָט אין בערלען אָנגעהויבן צו גליען אַ מיסטיש פייער.

קיין גלויביקער איז ער קיינמאָל נישט געווען, בערל, פאַר־קערט, — אַן איבערצייגטער, פאַרהאַרטעוועטער און פאַרביסענער אַפּיקורס. ממש פון קינדוויז אַן אַזוי. איצט האָט עס זיך אים

דערמאָנט: ער איז אַלט געווען פינף יאָר. אָנגעהויבן צו לערנען חומש. דער טאַטע האָט זיך שבת, ביי דער סעודה, געוואָלט באַרימען מיט זיין גערעטן מיזשיניקל פאַר אַן אורח — פאַרהערט אים די פרשה בראשית. „בראשית ברא" — האָט בערל מיט אַ פאַלצעטל געקנאַקט אַ פסוק נאָך אַ פסוק. ווי אַ מיזמור האָט ער פאַרטייטשט די פסוקים. פלוצלינג האָט זיך עפעס אין זיין מוחל פאַרהאַקט. פראַגעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פלאָנטערן... „גאָט האָט באַשאַפן... גאָט האָט באַשאַפן..."

— און ווער האָט גאָט באַשאַפן, טאַטעשי? — האָט ער זיך פאַרטראַכט אויפן קול.

אַ וואָלקן פון שטילקייט האָט זיך פאַרצויגן איבערן טיש, אַ וואָלקן פון כעס אויפן טאַטנס פנים. אַלע זענען געבליבן פאַרגליווערט. מיטאַמאָל האָט דער טאַטע צעשניטן די שטילקייט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און אַראָפּגעלאָזט אַ פלאַמיקן פּאַטש אויף בערלס באַק. דאָס ייִנגעלע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז געשען: דער ערשטער פּאַטש אין זיין לעבן. קלעפּ זענען ביי אים טאַקע נישט געווען קיין נייס — ער איז געוווינט געווען צו קריגן, אָבער אויך צו געבן קלעפּ. אין די געשלעגן מיט די שקצים פון די אַרומיקע הייף. נישט זעלטן אויך געכאַפּט קלעפּ פון די עלטערע ברידער — נייערט ער האָט אויך צוריקגעגעבן, געשלאָגן זיך מיט זיי מוראדיק פאַרביסן. נאָר אַ פּאַטש? און פון טאַטן? דעם טאַטן האָט ער דאָך נישט געקאָנט צוריקשלאָגן.

יאָרנלאַנג האָט ער דעם פּאַטש געפילט אויף זיין באַק. יאָרנלאַנג געזען אין זיינע חלומות דעם טאַטנס אויפגעהויבענע האַנט — זי לאָזט זיך אַראָפּ פּאַמעלעך, פּאַמעלעך... ער וויל פון איר אַנטלויפן, בייגט זיך אַראָפּ, לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער, הייבט אָן צו פאַלן אין אַן אויפגעפראַלטן תהום. אין אַ ווילדער שרעק האָט ער זיך דאַן אויפגעכאַפּט, אויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער. טיילמאָל דערפילט אַפילו אַ נאַסקייט אויפן ליילעך — ער, אַ חדר־ייִנגל, צומאָל אַ בחור, וואָס גרייט זיך אין גימנאַ־

זיִע. דעם טאַטנס חומש־פּאַטש האָט אָפּגעשוואַכט זיין ווידער־שטאַנדיקייט, געשטאַרקט זיין פאַרביסנקייט און כעס. ביז אין די רייפע יאָר זיינע האָט בערל נישט געקאָנט מוחל זיין דעם פּאַטש. ס׳פלעגט זיך דער טאַטע ביי אים בעטן:

— קוק נישט אויף מיר פון אונטער די ברעמען... קוק מיר אין די אויגן אַריין...

ס׳האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. בערל האָט נישט גע־קאָנט גובר זיין דעם כעס און פאַרביטערונג. ס׳איז געוואָרן אַ פּסיכישע טראַוומע — ווי אַ לאַסט איז זי געלעגן אויף זיין נשמה. צוליב דעם האָט מען אים אַפילו אָנגעהויבן צו רופן „הונט, בערל הונט״. ס׳האָט אים נישט געאַרט — פאַרקערט, ער איז געווען צופרידן דערפון. ער איז געווען גרייט צו בייסן, אַרויסבייסן פון זיך זיינע קינדישע פּיין און צאָרן. אָפטמאָל האָט ער אַפילו געזען טרערן אין טאַטנס אויגן — בעיקר ווען דער טאַטע איז געווען פאַרקוקט אינעם הילצערנעם בילדל פון כותל המערבי. בערל האָט זיך אָבער געטראַכט: „צוליב דעם פּאַטש, וואָס ער האָט מיר געגעבן... כ׳וועל אים סיווי נישט מוחל זיין...״

און איצט האָט אין אים אינערלעך געשריגן אַ צעוויטיקטע שטים: „איך בין דיר מוחל, טאַטע. און זיי מיר אויך מוחל... פאַר אַלע אומרעכטן מיינע, פאַר אַלע פּיינען, וואָס דו האָסט זיך צוליב מיר געפּייניקט, פאַר אַלע טרערן, וואָס דו האָסט אפשר אויך צוליב מיר פאַרגאָסן...״

דעם טאַטנס טרערן ביים בצלאל־בילדל, האָבן זיך אין זיין דמיון צונויפגעגאָסן אין אַ שטראָם. דער שטראָם איז געשוואומען — ניק, נישט געשוואומען, געפלויגן, געשוועבט, אַהער, צו דער דאָזי־קער אייביקער וואַנט פון טרערן. „אָט די קנייטשן, שפּאַלטן, אויסריסן, דאָס זענען ריטשקעלעך אין די שטיינער, אויסגע־קריצט, אויסגעריזלט, אויסגעדלאָביעט פון מיין טאַטנס טרערן; פון די טרערן, וואָס מיליאָנען און מיליאָנען יידישע טאַטעס און מאַמעס האָבן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר פאַרגאָסן...״

דער שכל הישר האָט אים טאַקע אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ מין מיסטישע פאַרבלענדעניש, וואָס האָט אים באַהערשט דאָ, אונטערן דרוק פון דער קדושה, וועלכע שוועבט אַרום די שטיי־נער; אונטערן פאַרפּלייץ פון זכרונות, דערמאָנונגען, דערפּי־לעכצן — אפשר פון זיין וויגעלע אָן. נייערט דער שכל הישר האָט נישט געקאָנט גובר זיין די פאַרנעפּלונג פון די מוח־קעמערלעך — אַפילו נישט די פאַרנעפּלונג פון די אויגן. אָט האָט ער דאָך בולט געזען פאַר זיך די אַרויפגעבויטע ציגל איבער די ניין רייען ריזיק־גרויסע שטיינער, פעלז־אָפּריסן אַרויסגעהאַקטע — פאַר אים האָבן די ציגל נישט עקזיסטירט: ער האָט זיי נישט געהאַט געזען אַמאָל, אויפן בצלאל־בילדל; האָט ער זיי אויך נישט געזען אויף דעם בילד פונעם כותל המערבי, וואָס האָט זיך אײנערלעך אויסגעמאָלט ביי אים פון די קינדער־יאָרן אָן — פון דעם בילדל ביים טאַטנס שרייבטיש, פונעם חדר, פון לערנען יידישע געשיכטע. ער קאָן מער נישט פאַנאַנדערפּלאָנטערן די אַלע געוועבן פון באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין; די זכרונות, זעונגען, געפילן, אַנונגען. „צוויי טויזנט יאָר יידישע פּיין האָבן זיך געצויגן אַהער צו די שטיינער" — האָט אַלץ אַרום אים איצט געשריגן. זיך געצויגן ווי צו אַ דערלייזונג. ער האָט געפילט, אַז ער קען אַפילו געבוי די געוויקסן און דעם מאָך, וואָס וואַקסן אַרויס אין די שפּאַלטן פון די שטיינער אויף זייער פּערטער, פינפטער קאָנדיגנאַציע און העכער. „נישט פון רעגנוואַסער האָבן זיך די געוויקסן גענערט, נייערט פון די טרערן־טראָפּנס — אַ ים פון טרערן־טראָפּנס — אין משך פון אומצעליקע יידישע דורות..."

מיט פאַרנעפּלטע אויגן האָט ער באַטראַכט דעם המון ביי דער וואַנט, די מאַסן, וואָס האָבן כסדר אַהער געשטראָמט: „צי גיבן זיי זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר כמעט זענען די פעלזן־שטיינער ווידער אין יידישע הענט? דער כותל ווי אַזאַ — בכלל צום ערשטן מאָל אין יידישע הענט? דורות וועלן זיך בענטשן מיט די איצטיקע טעג, דער נצח ישראל... יאָ, יאָ, נצח

ישראל. גענוג זיך געשראָקן פאַר ווערטער, וואָס ברויזן טיף אינעם מענטשן. נצח ישראל איז טאַקע נצח ישראל. דאָ, ביי דער חרובער מויער, ביי די אַרומיקע חורבות און מיט גאָלד, מיט זילבער בלענדנדיקע קופּאָלן פון די מעטשעטן — באַשטעטיקט זיך איצט דער נצח ישראל..."

בערל האָט זיך דערוויטערט אַביסל פונעם כותל, אַרויפגעהויבן די אויגן איבער דער מויער, צו די לייכטנדיקע קופּאָלן. דערזען האָט ער זיי נישט. ס'האָבן זיך אים בלויז געוואָרפן אין די אויגן אַרייַן אייניקע רויטע בערעטן — מאַן־בלומען אויפן מענטשן־פעלד דאָ — די קאַפּ־צודעקן פון פאַלשירמערס, וועלכע האָבן זיך אַהערגעטראָגן מיט אַ פרישער מענטשן־מאַסע פונעם הר־ציון צום שער האשפות.

ג

שווערע, הויכע שיך פון פאַלשירמערס האָבן אָפּגעהילכט אויף די שטיינער פון פּלאַץ. זיי זענען געגאַנגען פעסט, זיכער — מענטשן, וואָס גייען אויף זייער אייגענער ערד; מענטשן, וואָס האָבן אַליין אויסגעקעמפט זייער ערד.

צווישן זיי, צווישן די פאַלשירמערס, האָט בערל דערזען אַ פרוי אין שוואַרצן, מיט אַ שוואַרצן שלייער, וואָס האָט צייטנווייז האַלב צוגעדעקט איר פנים. זי איז געגאַנגען צווישן זיי, ווי זי וואָלט אימיצן געזוכט, אימיצן געוואָלט דערקענען. די יונגעלייט אין די רויטע בערעטן האָבן זיך לגמרי נישט געוווּנדערט. ס'איז פאַר זיי געווען נאַטירלעך, אַ זאַך וואָס טרעפט זיי לעצטנס אויף טריט און שריט. נייערט דאָ האָט זיך די שוואַרצקייט פון דער פרויס קליידונג אַזוי בולט אָפּגעשניטן פון די פּילקאָלירקע, פּילפלעקנדיקע בלוזעס, אַז זי האָט במילא אויסגעזען ווי אַ פרעמדקערפּער. האָט זי בערל אָנגעהויבן ספּעציעל צו אָבסערווירן, שמאַרקער זיך איינקוקן אין איר — לכתחילה סתם אַזוי, פון

בלויזער נייגעריקייט. נייערט פונעם איינקוקן זיך האָט אים אָנגע־הויבן צו מיניען פאַר די אויגן אַ באַקאַנט פּנים, אַ באַקאַנטע גע־שטאַלט. האָט ער זיך שוין מיט אַ כּיוון דערנענטערט צו דער גרופּע און אויפגעציטערט: „דאָס איז דאָך ליאַליע, פון דער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע!"... יאָ, ער האָט מער נישט גע־צווייפלט, אַז דאָס איז זי טאַקע — כאָטש ער האָט זי שוין נישט געזען אַ קיימא לן פון אַ יאָר דרייסיק. זי איז דאַן געווען אַ פרוי פון אַ באַקאַנטן אינזשיניער, אַ מאַמע פון אַ קינד — טאַקע מיט איר בלאָנד, זוניק ייִנגעלע האָט ער זי געטראָפן שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן. זי איז נאָך אַלץ דאַן געווען פריש און שיין — ווי אין די יאָרן ווען זי האָט געקיניגט אויף די סטודענטישע בעלער און פאַרווייליגונגען. האָט ער אַביסל געשמועסט מיט איר, געוויצלט זיך — מיט איר און איר קינד (ער האָט זיין גאַנץ לעבן ליב געהאַט צו שפּילן זיך און צו וויצלען מיט קינדער), געמאַכט קאָמפּלימענטן זיי ביידן. זי האָט בלויז געשמייכלט — מיט אַ האַלב־פאַרשעמטן, האַלב־לייטזעליקן שמייכל. כמעט אַזוי ווי איצט. איר פּנים האָט זיך אויך כמעט נישט געענדערט זינט דאַן — בלויז אַביסל גרויע האָר רייסן זיך עקשנותדיק אַרויס פונעם שוואַרצן שלייער, אַנשטאָט די דעמלטדיקע זוניק־בלאָנדע. איז ווי קומט זי אַהער, צווישן די רויטע בערעטן — דווקא ביים כּותל המערבי?

— ליאַליאַ?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש, לאַנג געקוקט אין זיין פּנים, געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען — נישט געקאָנט:

— לאַה... אַמאָל געווען טאַקע ליאַליאַ, ווער זענט איר?

בערל האָט איר דערמאָנט. ס'האָט ווידער אַ שוועב־געטון אויף אירע ליפּן דאָס האַלב־פאַרשעמטע, האַלב־לייטזעליקע שמיי־כעלע. זי האָט אַ שאַר־געטון דעם וואַל — אַ פליג אַוועקגעטריבן. יאָ, יאָ, זי געדענקט אים... אַזויפיל יאָרן!

— וואָס פאַר אַ באַגעגעניש, וואָס פאַר אַ באַגעגעניש! — האָט זי געפּליסטערט.

צוביסלעך האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון דער גרופּע און דער־נעענטערט צו דער פּאַלמע, וועלכע איז איינזאַם געשטאַנען אין מיטן דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס האָט זיך אַזוי רחבותדיק איצט אויסגעשפּרייט ביים כותל. די פּאַלמע האָט געגעבן דאָס געפיל פון אַ שאָטן אין דער אַרומיקער גליאיקייט.

שטיל און פּאַמעלעך האָט זי אַרויסגעהויכט ווערטער, געסיי־לעוועט זיי — קרעלן אויף אַ פאָדעם — רויטע קרעלן פון צער און פּיין. די ווערטער זענען קוים דערגאַנגען צו בערלען אינעם גערויש פון די תפילות, וואָס האָבן זיך איצט געטראָגן לענגויס דעם גאַנצן כותל. פון דעסט וועגן איז פון די ווערטער אויסגעוואַקסן דער תוכן פון איר טראַגעדיע: דאָס בילד פונעם זון, אַ דערפאָלג־רייכן וויסנשאַפטלער, געווען אַ פּאַלשירמער אין דער סיני־קאָמ־פּאַניע, פּריוויליק זיך געשטעלט צו דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים און געפאַלן אין צווייטן טאָג פון קאַמף. מער האָט בערל נישט געפרעגט. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, בערלען, ווי קומט זי — די וועלטלעכע דאַמע, ווייטע פון יעטוועדן שמץ טראַדיציאָ־נעלער יידישקייט — ווי קומט זי איצט צום כותל המערבי. דער איינדרוק, וואָס האָט זיך ביי אים לכתחילה געשאַפן, אַז זי איז נישט ביים זינען, איז אינגאַנצן צערינען געוואָרן. אירע ווערטער זענען געווען קלאָרע, צילבאַוווּסטע, דורכגעזאַפּטע מיט טיפן פּיין און מיט אַ מין נירוואַנאַ־רעזיגנאַציע, אַ שלום מאַכן מיטן גרויליקן גורל:

— מיין פאָטום — האָט זי געפּרעפּלט, — מיין טראַגישער פאָטום.

יאָ, זי איז געקומען אַהער געשטויסן פון עפּעס אַ איראַ־ציאָנאַלער קראַפט; פון אַ גלויבן, אַז דאָ איז געחתמעט געוואָרן איר פּערזענלעכער גורל, צוזאַמען מיטן גורל פון גאַנצן פאָלק. דאָ, ביי די מעכטיקע שטיינער, וואָס אין זייער ראָזער גרויקייט

זעען זיי אויס דורכגעזאַפּטע מיט טראָפּנס טרערן און כוואַליעס בלוט, אויסגעבאָדן אין די דאָזיקע כוואַליעס — דאָ זוכט מען איצט, וואָס מ׳האָט געהאַט דורך צענדליקער יאָרן פאַרלוירן: זיך אַליין, די מקורדיקע יידישקייט, די אייגענע וואָרצלען אין דער יידישער אייביקייט.

— אַזאַ רויטן בערעט האָט מיין אַלבערט געטראָגן. ציט מיך אַזוי צו די רויטע בערעטן, — האָט זי לאָגיש אים געגעבן צו פאַרשטיין דאָס נישט לאָגישע פון איר וואַנדערן צווישן די פאַל־שירמערס אין ירושלים.

דערצו איז זי אייגנטלעך אַהערגעקומען פון תל־אביב. ביים קבר פון איר אַלבערט, אויפן הערצל־באַרג, איז זי שוין געווען. זיך אויסגעוויינט, באַוויינט, אָפּגעוויינט. מער קיין טרערן האָט זי נישט. בלויז אַ שמייכל איז איר פאַרבליבן. דער שמייכל פון איר פאַרגאַנגענער יוגנט. טראָגט זי אים צו די קינדער אין די רויטע בערעטן. זי טראָגט אים אפשר אין נאָמען פון טויזנטער מאַמעס אין טרויער.

— דאָ, ביים כותל המערבי, האָב איך זיי געוואָלט איבער־געבן מיין מאַמישן שמייכל. טרערן זענען שוין גענוג געווען ביים כותל. זאָל שוועבן אַ שמייכל, צוזאַמען מיט די זון־שטראַלן.

ד

די זון־שטראַלן האָבן געברענט אַכזריותדיק. „אַזאַ כאַמסין־טאָג איז שוין לאַנג נישט געווען״ — דאָס איז טאַקע אַן אָפּט ווערטל אין ישראל. נייערט דאָ, אין די בערג פון ירושלים, בריט די הייסע לופט שטאַרקער ווי אין טאָל, טריקנט שוויס־טראָפּנס פון די פּנימער און קוועטשט אַרויס פרישן שוויס. דאָ און דאָרט זעט מען אַ האַלב־פאַרחלשטע פרוי זוכן אַ שאָטן, רוקן זיך צום טויער, צום שער האשפות — אפשר אונטער זיין געוועלב געפּי־

נען אַ שוץ. און דורכן טויער איז כסדר ווייטער געפלאָסן דער מענטשן־שטראָם צום כותל: צענדליקער שול־קינדער, מיט זייערע לערערס בראש, נאָרוואָס אָנגעקומענע פון פאַרשידענע עקן לאַנד; גרופּעס קיבוצישע קינדער, מיט זייערע טעמבעל־היטלעך און אַ סך דערוואַקסענע קיבוצניקעס, אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר־וואָס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די האַקי־בגדים און אַזעלכע, וועלכע מ׳האָט שוין נישט געגומען אויפן פראָנט: גרויע טשופּרינעס און פּליכן, צעאַקערטע פּנימער און הענט; ברייטפּלייציקע, קרעמפּע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים כותל ווי אַן ערן־וואַך. נישט זיי האָבן געדאַוונט, נישט געוויינט, נישט געשטופּט קיין קוויטלעך אין די שפּאַלטן פון מויער, נייערט געשטאַנען אויסגעגלייכט און מיט יראת הכבוד געקוקט אויף די שטיינער.

פּילפּאַרביקע בגדים פון פאַרשידענע עדהס — אויסגעמישטע מיט זעלנערישע בלוזעס; ברייט־ראַנדיקע מיליטערישע קאַפּעליושן, וואָס האָבן קאָקעטירט מיט אַ פאַרבויגענעם ראַנד און פּליושענע שוואַרצע קאַפּעליושן איבער לאַנגע קאַפּאָטעס, אויס־געמישטע מיט שטרוי־היט פון אַמעריקאַנער טוריסטן; פאָטאָ־גראַפישע און קינעמאַטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און ביקסן, עוזיס, רעוואָלווערן אין קאַבורעס, און פון דעם אַלעם האָט זיך אַרויס־געשניטן, אונטערגעמאָלן פון זון־שטראַלן, די רויטקייט פון בערעטן — אין די צענדליקער, מאָן־בלומען אויף אַ רחבותדיק תבואה־פעלד.

לאה מיט בערלען זענען איצט געשטאַנען אַביסל דערוויי־טערט פונעם כותל, ווי נישט צו שטערן די דאַוונענדיקע, אַרויפ־געקוקט צו די אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אָן אויפהער געוואַכט אונטערן הימלבלוי, געקרייזט אַרום די בערג און טאָלן, נידעריק, גאָר נידעריק — ממש צו זען די פּנימער פון פּליער. נייערט ס׳געדרויש פון די אַעראָפּלאַנען האָט מען נישט געהערט. ס׳איז פאַרטויבט געוואָרן פון די תפילות, צונויפגעגאָסן זיך מיט די תפילות.

— זיי זענען זיכער נענטער צום הימל, ווי די מתפללים — האָט לאה געשעפּטשעט. — אין זייער זכות איז מען דאָ מתפלל.

„מן הסתם איז זי גערעכט — האָט זיך בערל געטראַכט, — און ווען אַפילו נישט, וועל איך זיך אויך נישט אַמפּערן. דאָ גילטן נישט קיין וויכוחים. דאָ איז בלויז פאַראַן גלויבן".

די קדושה פון דעם אָרט האָט טאַקע באַהערשט יעדן איינעם. בערל האָט באַמערקט, אַז ביי אַ סך, וועלכע האָבן אַריבערגע־שפּאַנט דאָס טויער מיט עפּעס אַ לייכטער נייגעריקייט, האָט דער אַנבליק פונעם כותל אַרויפגעצווונגען אַן ערנסט, יראת הכבוד, יראת הקדושה. „אפנים, אַז יעדער איינער פאַרשטייט — אָדער דערפילט — אַז ער לעבט איבער אַ היסטאָרישן מאָמענט אין זיין לעבן. נאָכמער — אַז אין לעבן פון זיין פאָלק איז פאַרגעקומען אַ היסטאָרישע געשעעניש".

פונעם אַנפּליסנדיקן המון האָט זיך דורכגעשטופּט אַ הויכער מאַן אין אַ זיידענעם פּאַסן־כאַלאַט, מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַרויפגעריסן. אַ ליכט האָט געשלאָגן פון זיינע אויגן און די ברייטע, גרויע באָרד האָט זיך שטייף איינגע־שניטן אין דער געדיכטער לופט. און ווען ער האָט זיך אָדורכ־געשטופּט צו אַביסל אַ לויזער אָרט ביים כותל, איז ער אַוועקגע־פאַלן, ווי אַ דורכגעזעגטער בוים, געקושט די ערד ביים כותל.

— יהודה הלוי... יהודה הלוי, — האָט לאה באַוואונדערט. און ניכטער פאַרענדיקט: — נאָר קיין אַראַבער מיט אַ שפּיז וועט מער נישט קומען אַהער צו רייטן. קיינמאָל נישט.

אָן אַ פאַרבינדונג מיט אירע ווערטער, ווי פאַר זיך, האָט בערל געזאָגט:

— וועגן אונדזערע טעג וועט מען אַמאָל דערציילן לעגענ־דעס, וועגן די ניסים פון אונדזערע טעג.

אויף לאהס פּנים האָט ער באַמערקט אַ באַשטעטיקונג פון זיינע ווערטער — דאָך האָט ער זיך פאַרשעמט, פאַר זיך אַליין פאַרשעמט. „אפשר זענען עס פראַזן? אפשר קלינגט עס אַזוי?

דאָ, אויף דעם אָרט, וואָלט עס געווען אַ חילול השם. בעסער שווייגן" — האָט ער פעסט באַשלאָסן.

גראָד האָט מען געהאַלטן ביים פאַרענדיקן שמונה עשרה נעבן מיטלסטן אָרון־קודש פונעם כותל. ס'האָט זיך דערהערט אַ הויכער „עלינו לשבח". אַ גרופּע רויטע בערעטן האָט זיך אַוועקגעשטעלט „דום" הינטער די מתפּללים — נישט מתפּלל געווען, נייערט געשטאַנען אויסגעצויגן און געוואַרט. און ווען ס'האָט זיך געענדיקט דאָס דאַוונען ביי 'ענעם אָרון־קודש, האָבן זיי אַלע מיט פולע ברוסטן אָנגעהויבן צו זינגען. קלאַנגען פון „התקווה" האָבן אָפּגעהילכט איבערן פּלאַץ. די שול־גרופּעס האָבן זיך צונויפגעשלאָסן אַרום זייערע לערערס; הונדערטער פּריש צוגעקומענע עולי־רגלניקעס זענען שטיין געבליבן ווי אַריינגעוואַקסן. אויך לאה מיט בערלען האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צו־נויפגעגאָסן מיט אַ דערבייאיקער גרופּע. און ווען דער ערשטער פּערז פונעם הימן האָט זיך אויסגעלאָזט אין די מיילער פון די פּאַלשירערס, האָט פון אַלע זייטן, פון קליין און גרויס, אַרויס־געשאַלט אַ מעכטיק „עוד לא אבדה תקותינו..."

די קלאַנגען האָבן אָפּגעהילכט אין די אַרומיקע מויערן, אַרויפגעצויגן זיך צו די פאַרבייפליענדיקע אַעראָפּלאַנען, צו די בלויקייטן פונעם הימל, וואָס האָט שטראַליק אַראָפּגעשיינט צום כותל. האָט זיך בערלען אויסגעוויזן, אַז די אַעראָפּלאַנען זינגען מיט, דער הימל זינגט מיט, די שטיינער פון כותל זינגען מיט די ווערטער פון „התקווה".

XI

בית שלום אַש

דעם 18־טן יוני 1957 איז דאָס פּאָרל שלום און מאַטילדאַ אַש אַרויסגעפלויגן אויף אַ באַזוך צו די קינדער און אייניקלעך. קודם־כל צו דער טאָכטער, רות שאפּער, קיין לאָנדאָן, פון דאָרט — קיין אַמעריקע. די רייזע איז געווען פאַרטראַכט אויף אַ צוויי־דריי חדשים.

יצחק פּאַנער דערציילט אינעם קאַפּיטל „דער לעצטער שפּאַציר" (אין זיין בוך: „שלום אַש אין זיין לעצטער הײם"): „קינדער זענען געגאַנגען אין די שולן און אים אָקעגנגעטראָגן דעם „שלום". ער האָט זיך מיט יעדער גרופּע אָפּגעשטעלט, פּאָטערלעך גע־שמייכלט, געגלעט איבער די קעפּלעך און אַוועקגייענדיק אַלע־מען צוגערופן: שלום, ילדים, להתראות!..."

צי האָט שלום אַש פאַרגעפילט, אַז דאָס איז זיין לעצטע רייזע? — פאַראַן סימנים, אַז יאָ; פאַראַן אָבער אויך באַווייזן, אַז ער האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. צו די וויכטיקסטע באַווייזן: ער האָט קיין צוואה נישט צוגעגרייט (און טאַקע נישט איבערגעלאָזט); ער האָט געמאַכט גרויסע שאַפערישע פּלענער (דאָס פאַרוואַנדלען „יעקב און רחל" אין אַ טרילאָגיע וועגן די אָבות; דער פּלאַן אָנצושרייבן אַ גרויסן ראָמאַן וועגן דער העראָיק פון נייעם ישראל, וועגן דעם קאַמף פאַר ישראלס זעלבשטענדיקייט און אויפבוי); איבערגענומען צו דער־ליידיקן פאַרשידענע ענינים פונעם ראש העיר, ד. בן־ארי, וואָס

שלום און מאַטילדאַ אַש מיט פרוי בתיה בן־ארי אויף אַ פייערונג
אין אַ קינדערהיים אין בת־ים

שייך דער אַנטוויקלונג פון בת־ים און... געחלומט וועגן „פּרס ישראל״(אַזוי ווי ער האָט יאָרנלאַנג געחלומט וועגן נאָבעל־פּרייז).

אויפן פלי־פּלאַץ אין לוד, ווו ער איז באַגלייט געוואָרן דורך זיינע נאָענטע פריינד — ד. בן־ארי, ישעיהו אַברך, אברהם סוצקעווער — קורץ פאַרן איינשטייגן אין אַעראָפּלאַן, האָט ער אָוועקגערופן י. אברכן אָן אַ זייט, אויף אַ שמועס „הינטער פיר אויגן״:

— פאַראַן אין לאַנד אַ „פּרס ישראל״, דער פּרייז פון מדינת ישראל, פאַר שאַפערס, וואָס וווינען אין ישראל... ס׳וועלן זיך דאָך מוזן ענדיקן די קאַנדידאַטן צו אַזאַ פּרייז... כאַפּט אַ שמועס מיטן בילדונג־מיניסטער, מיט אַרנען, אַז דאָס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּרס פון פאָלק ישראל, פון גאַנצן פאָלק... אַז איר וועט פאַרברייטערן דעם באַגריף, וועט זיך באַלד עפענען אַ וועלט... צום ביישפּיל — איינשטיין. פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען זיין אויסגעצייכנט מיטן פּרס ישראל? גרויסע קינסטלערס, וואָס לעבן אין יידישן פאָלק... איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין? כאַפּט מיט אים אַ שמועס... דאָס איז זייער וויכטיק... דאָס איז מיין מיינונג...

ס׳איז שוין אָבער נישט באַשערט געווען שלום אַשן צו רעאַליזירן זיינע פּלענער; צו הערן, ווי ס׳איז אויפגענומען געוואָרן זיין „מיינונג״. דעם 10־טן יולי ביינאַכט, נאָך אַן אָוונט וואָס איז פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן פונעם דעמלטדיקן ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, אליהו אילת, זעצנדיק זיך צום שרייבטיש ביי דער טאָכטער אין דער היים, האָט שלום אַש אויסגעהויכט זיין נשמה — מיט דער פעדער אין דער האַנט.

גרויס איז געווען דער טרויער אין דער יידישער וועלט, נייערט גרעסער פון אַלץ — אין בת־ים. דאָס וואַקסנדיקע שטעטל האָט זיך דערפילט פאַריתומט. דאָס הויז פון שלום אַשן אויף ארלוזורוב 48 האָט געפּוסטעוועט.

אין איניקע חדשים אַרום איז אָנגעקומען קיין בת־ים פאָל־
גנדיקער בריוו פון דער אַלמנה, מאַטילדאַ אַש:

18, Loudoun Rd, N. W. 8.
Primrose 2469.
Mr. Dawid Ben-Ari, Bat-Jam, Israel

March, 17, 1958

טייערער הער בן־ארי,

אין פאַרבינדונג מיט אונדזער ווונטש צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון מיין מאַן, וויל איך איבערגעבן דאָס הויז אין בת־ים דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ס׳זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ביבליאָטעק, מוזיי און קולטור־צענטער אין בת־ים.

כ׳וויל אַז דאָס הויז און זיינע טעטיקייטן זאָלן קאָנ־טראָלירט ווערן פון אַ קאָמיטעט, דעם באַשטאַנד פון וועלכן איר זאָלט מיר פאָרשטעלן ווי ווייט מעגלעך גיך, אין הסכם מיט אונדזער שמועס וועגן דעם.

איך גלויב, אַז דאָס הויז וועט דינען די קולטור־אינ־טערעסן פון דער שטאָט און אין דער זעלבער צייט וועט עס זיין אַ באַערונג פון מיין טייערן מאַן.

איך האָף אויך, אַז וועגן אַלע פּרטים וועגן דער צו־קונפט פונעם הויז וועט מען מיר מודיע זיין און געבן צו אַפּראָבירן.

מאַטילדאַ ס. אַש
פרוי שלום אַש

נאָך פאַרהאַנדלונגען מיט אַ צאָל אינסטיטוציעס און פער־זענלעכקייטן, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס „קוראַטאָריום

פון בית שלום אַש״, וואָס האָט דעם 10־טן אויגוסט 1958 אָפּגע־האַלטן די ערשטע זיצונג אין אַ נישט פולן באַשטאַנד.

נאָך דער ערשטער זיצונג (און קאָאָפּטירונגען) האָט זיך דאָס קוראַטאָריום לסוף קאָנסטיטואירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

ערן־מיטגלידער: מאַטילדאַ אַש, רות אַש־שאַפּער.

פאָרזיצער פון קוראַטאָריום — דוד בן־ארי.

מיטגלידער: ישעיהו אברך, מאיר וויסגאַל, יעקב זרובבל, מאַרק יאַרבלום, שמואל כץ, אברהם סוצקעווער, דב סדן, אליעזר פּינעס, אליעזר פּרי, מרדכי צאַנין, אהרן ציזלינג, אנשל רייס, חיים שורר, משה שמיר.

נאָך אַ צאָל זיצונגען פון קוראַטאָריום, ווו ס׳זענען צווישן אַנדערע אויך אַרויסגערוקט געוואָרן קאַנדידאַטורן אויפן אַמט פונעם לייטער פון בית שלום אַש — נאָכן באַשטעטיקן דורך פרוי מאַטילדאַ אַש דעם קאַנדידאַט, וואָס איז אַרויסגערוקט גע־וואָרן פון אַ ספּעציעל־באַשטימטער צו דעם צוועק קאָמיסיע — איז אויף אַ זיצונג פונעם קוראַטאָריום (דעם 17־טן פעברואַר 1960), באַשטימט געוואָרן, ווי דער לייטער פון הויז, דער קאַנדידאַט יצחק טורקאָוו. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן ער זאָל גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט און ביז פּסח צוגרייטן די דערעפענונג פונעם הויז פאַרן ברייטערן באַזוך. דעם ערשטן טאָג פּסח 1960 איז בית שלום אַש פייערלעך דערעפנט געוואָרן מיט אַן אויסשטעלונג פון בילדער, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם הויז און פון בילדער, וואָס זענען געשאָנקען געוואָרן פון פאַריזער און ישראלדיקע קינסט־לערס. צו דער דערעפענונג זענען געקומען הונדערטער מענטשן פון בת־ים און דער סביבה און דער באַזוך אין הויז איז געווען אַ לעבהאַפטיקער די גאַנצע צייט פון דער אויסשטעלונג.

אַ געוויסע צייט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פרישע אויס־שטעלונגען (יעדע זעקס וואָכן — צוויי הדשים), ביז ס׳איז דער־עפנט געוואָרן דאָס שטאָטישע קונסט־מוזיי אין דער נייער געגנט פון בת־ים, רמת־יוסף. די קונסט־אויסשטעלונגען זענען אַריבער

שלום אַש אין בת־ים

צייכנונג פונעם קינסטלער אַבאַ פעניכל



איינס פון די לעצטע פאָטאָגראַפישע א. יפנאַמעס

אינעם שטאָטישן מוזיי און בית שלום אַש איז פאַרוואַנדלט געװאָרן אין אַ סטאַבילער אויסשטעלונג־מוזיי „שלום אַש". צוויי צימערן פונעם הויז זענען פאַרבליבן אַזוי, ווי זיי זענען געווען ביי שלום אַשס לעבן — דאָס עס־צימער און אַרבעט־צימער — כדי צו קאָנסערווירן די אַטמאָספער פון שלום אַשס היים, די אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט געשאַפן. די איבעריקע צוויי צימערן — דער האָל און שלאָפצימער — זענען אין גאַנצן געביטן געוואָרן: אין האָל זענען אויסגעשטעלט שלום אַשס ווערק אין 20 שפּראַכן (דערווייל געפינען זיך נישט מער אינעם באַזיץ פון בית שלום אַש, כאָטש דער דיכטער איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אייניקע און דרייסיק שפּראַכן) און פאַרשידענע בילדער; דאָס שלאָפצימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי־צימער, ווו דעם אויבן־אָן פאַרנעמט אַ באַגלאָזטע אייזערנע גאַבלאָטע, אין וועלכער ס'געפינען זיך שלום אַשס נאָטיץ־ביכער און ברור־ליאָנען. דער דאָזיקער אוצר פון מאַטעריאַלן פאַר אַש־פאָרשונג (געגוי קאַטאַלאָגירט און אויסגעסדרט) איז יאָרנלאַנג געזאַמלט געוואָרן דורך פרוי מאַטילדאַ אַש, זאָרגפעליק דורך איר אָפּגעהיט געוואָרן און אַ קורצע צייט פאַר איר טויט (זי איז געשטאָרבן קנאַפּע 5 יאָר נאָך איר מאַן און ביז דאַן — געלעבט אַ פאַראַליזירטע, ביי איר טאָכטער אין לאָנדאָן) איבערגעשיקט געוואָרן אין בית שלום אַש.

אינעם געוועזענעם שלאָף־צימער געפינט זיך אויך אַ זאַמלונג פון זעלטענע אַנטיקן, אַ צאָל: געשאָנקענע פון דער יידישער קהילה אין ליוואָרנאָ; אַ טייל פון דער ביבליאָטעק (אין די קליידער־שענק) און אין אַן אייזערנער שאַנק — כתב־ידן, בריוו, פּרעסע־אויסשניטן — דער שלום אַש־אַרכיוו. צווישן די מאַטעריאַלן — אויך כתב־ידן און בריוו פון אַנדערע שרייבערס און קינסטלערס. צו די זאַמלונגען פון בריוו און כתב־ידן האָבן אַ גרויסן צושטייער געגעבן: מלך ראַוויטש (מאָנטרעאַל), מאַרק טורקאָוו (בוענאָס־איירעס), מרדכי צאַנין, אברהם סוצקעווער,

מאַרק יאַרבלום (תל־אביב), נחמן מייזיל, מענדל עלקין, ח. ש. קאַזשדאַן (ניו־יאָרק), שלום אַש העברעישער פאַרלעגער שמואל כץ און זיין איבערזעצער דוד סיון.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די מתנה פון אַן אַלטן פענ־סיאָנער — מ. י. הובערמאַן — פון חולון. דער דאָזיקער שלום אַשס לאַנגיעריקער חסיד (אַן אָפּשטאַמיקער פון פאַלעניץ הינטער וואַרשע) נאָך פון די יוגנט־יאָרן, האָט געשאָנקען דעם בית שלום אַש זיין „אַשיאַנאַ״ — פּרעסע־אויסשניטן און בילדער — וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פוילן און האָט זי ממשיך געווען אין משך פון די איבער 40 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין א״י. אַ מתנה האָט אויך געשאָנקען דער קינסטלער משה בערנשטיין — אַ גרויס בילד, זיין אילוסטראַציע צו שלום אַשס ווערק. צווישן די זאַמ־לונגען, אינעם אַרכיוו „שלום אַש אין טעאַטער״ — אַ צאָל וויכטיקע עקספּאָנאַטן (אַפישן און פּראָגראַמען) פון „ייוואָ״ אין ניו־יאָרק, פון די קינסטלער זיגמונט טורקאָוו און מאָריס שוואַרץ. פון מאָריס שוואַרצן זענען אויך פאַרבליבן אַ צאָל כתב־ידן פון זיינע דראַמאַטיזאַציעס פון שלום אַשס ווערק. אַ שיינע זאַמלונג אַשיאַנאַ האָט צוגעשיקט שלום אַשס געוועזענער סעקרעטאַר, שלמה ראָזנבערג. צו דער ביבליאָטעק, וואָס ציילט אַ צוויי טויזנט בענד — ס׳רוב ביכער, וואָס זענען געווען ביי שלום אַשן אין בת־ים און ביי זיין טאָכטער אין לאָנדאָן — איז אויך צוגעקומען אַ זאַמלונג פון איבער 400 ביכער, אַ מתנה פון „ייוואָ״ אין לאָנ־דאָן. ביכער־מתנות זענען אָנגעקומען פון „איקוף״ אין ניו־יאָרק און קלענערע — פון אַ צאָל פריוואַטע פערזאָנען, אין אַלע עקן פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. דער עיקר פון די ביכער: ווערק פון שלום אַשן (אין פאַרשידענע שפּראַכן) און וועגן שלום אַשן.

ווי דערמאָנט זענען דאָס אַרבעטס־צימער און אויפנעם־צימער געבליבן נישט פאַרענדערט. די אָנפירונג פון בית שלום

אַש האָט בלויז אָוועקגעלייגט אויפן קאַמאָד 4 אַלבאָמען מיט בילדער, וואָס זי האָט צונויפגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, — פון שלום אַשן, זיין פאַמיליע, פריינד — בילדער באַקומענע פון דער פאַמיליע און פון פריינד. אין די צוויי צימערן געפינען זיך די אַנטיקן־זאַמלונגען און בילדער: פון דעלאַקרוא, פּיסאַראָ, מאָוריצי גאָטליב, מיליע, דעגאַ, מאָדיליאַני, לעוויטאַן, שאַגאַל, מענקעס, קיסלינג, קרעמען, מערזער א.אַ. דעם אויבן־אָן פאַר־נעמט שלום אַשס ביוסט אין בראָנז — דאָס ווערק פון סער דזשייקאָב עפּשטיין.

זינט דער גרינדונג פון בית שלום אַש זענען אין הויז געווען צענדליקער טויזנטער באַזוכערס פון אַלע עקן וועלט. צווישן די טויזנטער איינשריפטן אין די באַזוכער־ביכער געפינען זיך אָפּ־רופן אין אַ צענדליק לשונות, פון פאַרשידענע לענדער, פון באַ־קאַנטע פערזענלעכקייטן און אומבאַקאַנטע באַזוכערס.

אינעם הויז — און דורכן בית שלום אַש — זענען איינגע־אָרדנט געוואָרן פאַרלעזונגען און לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס, בעיקר אָבער: אויף ליטעראַריש־קינסטלערישע. יידישע און העברעישע שרייבערס, קינסטלערס פון פאַרשידענע לענדער, האָבן זיך שוין באַטייליקט אין די אָוונטן פון בית שלום אַש. נייערט דעם גרעסטן אָנזען האָבן געהאַט די יערלעכע אַקאַדע־מיעס, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צו שלום אַשס יאָרצייט. אַ סך הונדערטער באַזוכערס פון דער גאַנצער סביבה האָבן אָנ־געפילט דאָן דעם גאָרטן, וואָס פאַרן הויז און די גאַנצע גאַס אַרום (די גאַס ווערט דורך פאָליציי אָפּגעשלאָסן בעת די אַקאַדעמיעס, נישט געשטערט צו ווערן פון דער באַוועגונג) כדי צו באַערן דעם אָנדענק פונעם גרויסן יידישן שרייבער און דעם גרויסן בירגער פון דער שטאָט בת־ים.

זיין לעצטע היים, דאָס הויז אין בת־ים, איז אַ לעבעדיקע מצבה פאַר שלום אַשן. בית שלום אַש איז אַ לעבעדיקער באַווייז פון דעם צוזאַמענבונד פון שלום אַשן מיט דער שטאָט בת־ים.

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

1) יידיש טעאַטער אין פּוילן —
פאַרלאַג ,,יידיש בוך", וואַרשע, 1951

2) די מאַמע אסתר־רחל (ביאָגראַפישע דערציילונג) —
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1953

3) סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע (עסייען) —
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1955

4) וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער (עסייען) —
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1956

5) וואַרשעווער פּורים־שפּילער (היסטאָרישער ראָמאַן) —
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1957

6) פּנימער און מאַסקעס (דערציילונגען און סקיצן) —
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1960

7) אויף מיין וועג „שרייבער און קינסטלער" (דערמאָנונגען און אָפּשאַצונגען) —
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1964

8) י. ל. פּרץ — דער וועקער (מאָנאָגראַפיע) —
י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, ישראל, 1965.

בית שלום אַש, בת־ים

ארלוזורוב 48, טעלעפאָן 864536

דאָס הויז פון שלום אַש איז אָפן יעדן טאָג צווישן 4.30 און 6.30 נ.מ. (אַחוץ ערב שבת און יום־טוב); שבת און יום־טוב — צווישן 10.30 און 1 בייטאָג.

אין ספּעציעלע פאַלן — פאַר קאָלעקטיווע באַזוכן און גרופּעס געסט — ווערט אויך דאָס הויז געעפנט אין אַנדערע שעהן, לויט אַ פריערדיקער פאַרשטענ־דיקונג פון די געסט מיט דער אָנפירונג פון הויז.

וועגן רעפּעראַטן, אָוונטן און אַנדערע אונטערנעמונגען, ווערן געגעבן ספּעציעלע מעלדונגען.